UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 54 - January-March 1969 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2ft6s0d1

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 54(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1969

Copyright Information
Copyright 1969 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

**54**

אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישן שרייבער-קרייז

ווינטער נומער • טבת-אדר, תשכ"ט • יאַנואַר-מערץ, 1969

# ...אינהאַלט...


א. גאָלאָמב: פראַגמענטן ... 3

ד״ר מנחם נאור: דער „ברית בין הבתרים״ און דאָס יידישע רעכט אין ארץ ישראל ... 9

לילי בערגער: גאָלדזוכער (דערציילונג) ... 15

שמואל סיגל: שטימונגען און באַטראַכטונגען וועגן חסידות ... 19

רבקה קאָפּע: צוויי לידער ... 24

פּינטשע בערמאַן: צוויי לידער ... 25

ז. בונין: באַלאַדע פון אַן אַלטן שניידער ... 26

אריה פאָזי: עיקר מאָטיוון אין די שאַפונגען פון ה. לייוויק ... 31

אהודה רונת: יעדן טאָג (ליד) ... 39

יהושע גרינהאָף: נאָסטאַלגיע (ליד) ... 39

א. גאָלאָמב: לייוויק־הויז אין תל אביב ... 40

ווילי שאָרס מתנה פאַרן ה. לייוויק־הויז ... 43

יצחק ניומאַן: גאָט־דערקענטעניש ביי יידן און ביי די אומות העולם ... 44


## ביכער און שרייבער


ד״ר שלמה סיימאַן: ד״ר מנחם נאור ... 47

פּראָפ. ה. מ. ראָטבלאַט: דריי ביכער פון לילי בערגער ... 49

יעקב שמואל טויבעס: וועלטלעכע יידישקייט אָדער יידישע וועלטלעכקייט ... 58


## באַריכטן און נאָטיצן


לייזער מעלצער: אַ בן־שמונים ... 63

מרים מעלצער: צו דיר, מיין לעבנספריינד! (ליד) ... 64

אונדזערע ברכות צו יוסף וויינמאַן ... 64

„חשבון״ביים פיר און צוואַנציקסטן יאָרגאַנג ... 65


## חבל על דאבדין ולא משתכחין


לאָטי פ. מלאך: יחזקאל בראָנשטיין ע״ה ... 68

ז. ב.: צום צווייטן יאָרצייט פון גאָלדע דראָזד ע״ה ... 72


---


# HESHBON

*QUARTERLY LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

S. BUNYAN, *Secretary*

7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

**Subscription price: $5.00 per year**

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר — ז. בונין, סעקרעטאַר

24טער יאָרגאַנג, נומ. 54 — טבת־אָדר, תשכ״ט — לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

## א. גאָלאָמב

# פראַגמענטן

### די פּאַרזיכיקע יידישע מדינה

ערב דעם ערשטן גלות אין מצרים איז אַהין געקומען יוסף, ווי געשיקט צו ראַטעווען; ערב דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה אין ארץ ישראל איז אויפגעקומען בבל; ערב דעם אונטערגאַנג פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום איז אויפגעקומען די יידישע אַמעריקע, די נייע ישובים אין דער פרייער וועלט.

די וועלט איז טאַקע דאָ אַ פרייע, יידן זיינען פריי, אָבער ווי יחידים, באַזונדערע בירגער. לויט דער אַלטער פאָרמול, „יידן ווי בירגער — אַלע רעכט, — אָבער יידן ווי אַ פאָלק — גאָרנישט". איז שפּעטער געקומען די יידישע מדינה — נישט פאַר יחידים־יידן, נאָר פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק ווי אַזאַ. דאָס איז דובנאָווס איבערגאַנג פון דער העגעמאָניע פון איין שבט צו אַ צווייטן.

איז די מדינה געקומען צו דער ריכטיקער צייט, ווען אין אַנדערע ישובים גייט יידישקייט אונטער, דאָס פאָלקישע, דאָס קאָלעקטיווע. איז די מדינה דער איינציקער ישוב אין דער גאָרער וועלט מיט אַן אייגענעם אָרגאַניזירטן יידישן פאָלקישן שטייגער לעבן, מיט אַן אייגענער שפּראַך, מיט אַן אייגענער פאָלקישער דערציונג־סיסטעם, מיט אַן אייגענער אַסימילאַציע אין זיך פון פרעמדע קולטורן און וויסנשאַפטן (דאָס פאַרקערטע פון אַסימילירן זיך אין דער פרעמד), מיט אַן אייגענער „זעלבסטשוץ". מיט איין וואָרט — די מדינה איז דער איינציקער ישוב וואָס לעבט פאַר זיך ווי אַ פאָלקישער אָרגאַניזם, ווי אַ יידיש פאָלק פאַר זיך און נישט איינגעגלידערט אין פרעמדע פאָלקישע שטייגערס, ווי דאָס איז אין אַלע אַנדערע ישובים אין דער וועלט. אומעטום זיינען די יידן ווי צעלאָזט אַ ביסל זאַלץ אין אַ פרעמדער פליסיקייט, ווי אַ שטיקל צוקער אין אַ גלאָז טיי. אין דער מדינה איז דער צוקער (אָדער דאָס זאַלץ) פאַר זיך, נישט צעלאָזט אין דער פרעמד. אין דער מדינה קען זיין אַ יידיש לעבן אָן עבודה זרה. די גייסטיק־מאָראַלישע רעזולטאַטן פון דער פאַרזיכיקייט האָבן זיך שוין געלאָזט פילן. איך וועל דאָ אָנווייזן אויף איין געביט: מען רעדט ביי אונדז גאָר אַ סך וועגן דעם „נס פון די זעקס טעג". אוודאי איז עס אַ נס, אָבער נישט „מן השמים", נישט פון דעם תהלים־זאָגן פון פרומע יידן, נישט פון אַנדערע איראַציאָנעלע פאַקטאָרן. דער נס איז געווען אין די נשמות פון די זעלנער פון דעם ערשטן געראַנגל ביז דעם לעצטן זעלנער. אין ארץ ישראל רופט מען דעם נס „אין ברירה". איז עס פאַלש, עס איז דאָ אַ ברירה, אַ סך יחידים־יידן געפינען די ברירה — מען אַנטלויפט פון דער מדינה. דאָס איז די ירידה. דאָס איז די ברירה פון יחידים. אָבער נישטאָ די ברירה ביי די, וואָס דאָס פאָלקישע געפיל איז ביי זיי שטאַרקער. אָט דאָס פאָלקישע געפיל — אין דעם איז געלעגן דער נס.

## די מדינה—אַן עקזאַמען פאַרן פאָלק

מען דאַרף אויסזאָגן נאָך אַן אמת: דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען לגבי דער מדינה. איך ווייס נישט ווו זיינען געווען מער יידישע פרייווילּיקע — אין דער מלחמה פון די רעפּובליקאַנער אין שפּאַניע אין די דרייסיקער יאָרן אָדער אין ישראל איצט; איך ווייס נישט צי עס קעמפן מער יידישע יוגנטלעכע אין אַמעריקע — פאַר די ציווילע רעכט, פאַר פרייהייט פון וואָרט, אפילו פאַר ראַקוועלן עליו השנאָבל, אָדער אין ישראל; איך ווייס נישט צי די מערהייט יידישע יוגנטלעכע טראַכט וועגן דעם קאַמף פון דער מדינה פאַר דעם פאָלקישן קיום פון יידן אַזוי פיל ווי זי טראַכט וועגן פאַרשיידענע אַנדערע לאָזונגען. איך רייד דאָ נישט וועגן די געלט־ביישטייערונגען, וועגן ענלעכע זאַכן — איך ווייס זיי נישט. אָבער עס וואָלט געווען זייער וויכטיק צו וויסן צי די גרעסערע סומען קומען נישט אַריין דווקא פון אַזוינע יידן, וואָס זיינען נאָך עמאָציאָנעל פאַרבונדן מיט דער „אַלטער היים“, מיט מזרח־אייראָפּע. עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע מעגלעכע מאָטיוון פאַר געלט־ביישטייערונגען. אָבער דאָס לייקנט נישט אָפּ דעם כלל, אַז דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט האָט דעם עקזאַמען פאַר פאָלקישקייט נישט אויסגעהאַלטן. נישט אויסגעהאַלטן דערפאַר, ווייל אין די נשמות פון די יידן איז שוין נישטאָ קיין פאָלקישער באַוווסטזיין. נישטאָ אין באַוווסטזיין פון יידן דער עלעמענט יידיש פאָלק. אין אונטערבאַוווסטזיין איז נאָך דאָ דאָס געפיל „יידיש פאָלק“, אָבער אָפּטער ווי אַ שווערער קאָמפּלעקס איידער ווי אַן אַקטיווער פאַקטאָר.

מדינה איז פאָלק, אַנדערע ישובים — באַזונדערע יידן, רעליגיע — אפשר, אַנטידעפּאַמאַציע — אפשר, אָבער נישט פאָלק. עס איז נישט ריכטיק צו טראַכטן אַז פאָלק איז נאָר אין מדינה, אַז מחוץ דער מדינה, אין אַנדערע ישובים, איז נישט מיגלעך פאָלקיש לעבן און פאָלקישע געטרייקייט. איך גלייב, אַז די גאַנצע וועלט, אַלע פעלקער גייען צו פאָלקישער פאַרזיכיקייט אין אַ פאַראייניקטער „איין וועלט“, אָבער דאָס וועט קומען נאָר דורך פאַרזיכיקע מדינות. אויך אונדזער פאָלק אַזוי. ביי אונדז האָט די מדינה פאַרשפּעטיקט צו קומען בערך מיט אַ הונדערט יאָר. דעמאָלט איז נאָך געווען דאָס יידנטום אין מזרח־אייראָפּע מיט אַ פולן פאָלקישן באַוווסטזיין, וואָלט די מדינה געוואָרן אַ סך גיכער און פעסטער . . .

איך מוז דאָ קודם כל צוגעבן צוויי אמתן:

(1) אָן דעם פאָלק־באַוווסטזיין ביי יידן אין דער וועלט וועט אויך די יידישע מדינה איז ישראל נישט קענען האָבן קיין פעסטן קיום;

(2) אויך אין דער יידישער מדינה גופא איז נאָך דאָס פאָלק־באַוווסטזיין ווייט נישט איינגעבירגערט, פאַרקערט, איז נאָך ווייט נישט אויסגעראָטן דער דראַנג צו אַנטלויפן פון פאָלק, זיך אויסצופאָלקישן, אַזוי צו זאָגן, און אָן דעם פולן פאָלק־באַוווסטזיין וועט די מדינה קיין מאָל נישט קענען גובר זיין דעם עגאָיסטישן דראַנג צו פערזענלעכער פאַרגרינגערונג. אָט דער דראַנג איז די עיקר־סיבה פון ירידה, פון אַנטלויפן פון ארץ ישראל. ווען נישט די ירידה וואָלט דאָך איצט געווען אין ישראל מסתמא אַ טאָפּעלע צאָל יידן. און אָן דעם טיפן פאָלק־געפיל וועט זיך די ירידה פאַר קיין פאַל ניט אָפּשטעלן.

## די מדינה—אַ פאָלק־געפיל

עס איז אויסערגעווייטלעך אינטערעסאַנט ווי דער דראַנג צו אַנטלויפן פון יידישקייט, די עגאָפאָביע, האָט געשפּילט אין אויפבוי פון דער מדינה אַ טאָפּלטע ראָל — אַ פּאָזיטיווע און אַ נעגאַטיווע. דער אַלגעמיינער דראַנג צו אַנטלויפן פון יידישקייט, דער עגאָפאָבישער דראַנג צו אַסימילאַציע איז געווען דער בראשית. די אַלטע מעשה וועגן דער „צרת היהו־היהודים“ און „צרת היהדות“, ווען די עצם יהדות איז געווען פאַררעכנט ווי אַ צרה. פּינסקער, הערצל זיינען געקומען צום ציוניזם מחמת צרת היהודים. פאַר דעם רוב אַנדערע רוסישע ציוניסטן איז דער אידעאַל געווען דער זעלביקער וואָס ביי די משכילים פריער — אַנטלויפן פון יידישקייט. אין דעם איז געווען דער מקור פון דעם טראַגישן קאָנפליקט צווישן הערצלען מיט די רוסישע ציוניסטן. שאַפן ביי יידן אַ קלאַס פּויערים, כדי, „אויסצובעסערן“ דעם כאַראַקטער פון פאָלק, אָפּזאָגן זיך פון דער „גלותדיקער שפּראַך“ און גלות־קולטור מיט דעם גלותדיקן קלאַנג פון לשון קודש, אַזוי אויך פון תלמוד, אויף וויפל ער האָט געשטאַלטיקט דאָס גלותדיקע יידנטום, אפילו די גלותדיקע מפרשים פון תנך זיינען ווי פּסול געוואָרן און אויך די גלותדיקע נעמען. דאָס אַלץ האָט געקראָגן דעם נאָמען „שלילת הגלות“. דער ציוניזם האָט געזען די מעגלעכקייט אַוועקצוגיין פון יידישקייט אָן דעם ציל — צו אַנדערע פעלקער. דאָ איז געווען דער אונטערשייד צווישן דעם ציוניזם און השכלה. פון יידישקייט צו די לאַנד־פעלקער, דאָס איז געווען ביי משכילים.

פון יידישקייט היינט צו פאַרצייטיקער יידישקייט — ביי די רוסלענדער ציוניסטן. אחד העם האָט אין 1911 געשריבן אַז די העברעישע גימנאַזיע האָדעוועט „פאַרצייטיקע יידן“ (יהודים קדמונים). אין 1913 האָט ביי דער ערשטער גראַדואַירונג פון דער גימנאַזיע, אַ גראַדואַנט זיך באַרימט, אַז דאָס יידישע פאָלק בכלל איז דורכויס שלעכט „עד שקמנו אנו“. און אַזוי איז עס געווען אין תוך אַריין — די גאַנצע קולטור־פּאָליטיק פון ציוניזם. יידן האָבן אויסגעהאַלטן דעם שווערסטן גלות מיט דעם כוח פון „אתה בחרתנו מכל העמים“. האָט דער ציוניזם געענדערט די פאָרמול אויף „אתה בחרתנו מכל היהודים“ . . . האָט די נייע פאָרמול געגעבן כוח צו שאַפן, צו האָרעווען, צו בויען — „לבנות ולהבנות“ (צו בויען (דאָס לאַנד) און זיך איבערבויען). נעגאַציע פון יידישער שטייגערישער פאָלקישקייט, פון פאָלקיזם — דאָס איז געווען ביי אַלע ריכטונגען ביי יידן. די וואָס האָבן נאָך געהאַט דעם גלויבן אין פעלקער, האָבן נישט געזוכט דעם ציוניזם . . . די וואָס האָבן שוין פאַרלאָרן דעם גלויבן אין אַנדערע פעלקער — די האָבן געבויט דאָס נייע ארץ ישראל. ווידער נאָר אַ קליינער אונטערשייד אין איין וואָרט: בכל הגויים און ככל הגויים. די רוסישע פּאָליטיק צו יידן האָט כסדר געשטאַרקט דעם אומגלויבן אין פעלקער, האָט אָט דער אומגלויבן געבראַכט אַ קלענערן טייל פון דער עמיגראַציע קיין ציון צו בויען אַ ניי פאָלק, אַ יידיש פאָלק, אָבער נישט קיין גלותדיקס! האָט דאָס געגעבן מוט און כוח אַריבערצוטראָגן שווערקייטן, קראַנקייטן, ווילדע אָנפאַלן פון שכנים און פון דער ווילדער נאַטור. די פּאָליטיק פון רוסלאַנד בנוגע צו יידן ווי אַ פאָלק, האָט געשטאַרקט אַזוי אַרום דאָס פאָלקישע געפיל ביי יידן. די פּאָליטיק פון אַנדערע מדינות האָט געשטאַרקט ביי יחידים־יידן דעם גלויבן אין פעלקער, און זי האָט אָפּגעשוואַכט דעם פאָלק־געפיל ביי יידן. האָט דער גלויבן געצויגן אַ גרעסערן עמיגראַציע־שטראָם אין אַנדערע לענדער אויך פון ארץ ישראל. געבליבן זיינען טאַקע די מער פאַרעקשנטע. דאָס איז געווען דער כוח פון דעם „אתה בחרתנו מכל היהודים“. דער כוח ווירקט ביז היינט, ער האָט אַ טייל אויך אין דעם ניצחון פון די „זעקס טעג“. מען דאַרף מודה זיין אויף דעם אמת, הגם די „שלילת הגלות־פּאָליטיק“ רעגט אויף און טוט פשוט וויי.

אָבער די סיטואַציע פון יידן אין אַנדערע לענדער, די סיטואַציע פון „רעכט פאַר יידן ווי בירגער, אָבער קיינע רעכט פאַר יידן ווי אַ פאָלק“ — די פּאָליטיק שוואַכט אָפּ ביי יידן דאָס פאָלק־געפיל. פון דאַנען אַלע שוועריקייטן פון ציוניזם איצט, פון דאַנען דאָס אויספעלן פון עליה, וואָס די מדינה בעט און בעט, פון דאַנען די פאַרשטאַרקטע ירידה. אָן דעם פאָלק־געפיל . . . גאָט ווייסט ווי די מדינה וועט אויסהאַלטן. אין דער מדינה איצט איז מער נישטאָ דער „מכל היהודים“. עס איז דאָ בפירוש אַ „קיבוץ גלויות“ — אַ סך גלותן, אַ סך גרופּעס און אַ סך אידעען. נאָר דער פאָלק־געפיל און נאָר אַ פאָלק־פּאָליטיק קען געבן דער מדינה דעם פּרימאַט, דאָס באַוווסטזיין פון העכערקייט איבער אַלע אַנדערע ישובים. פאַראַן אין דער מדינה צוויי באַגריפן: קיבוץ גלויות און מיזוג גלויות — אָנגעקליבענע גלותן און צונויפגעשמאָלצענע גלותן; שאַפן פון די אַלע גלותן אין דער מדינה איין גאַנץ פאָלק, אַ מאָניסטיש פאָלק. ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז אָט דער צונויפשמעלץ איז אַ סך שווערער ווי מען האָט לכתחילה געהאָפט. די שול (וואָס איז לגמרי ניט איינהייטלעך, ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין) און אפילו דאָס מיליטער זיינען נישט גענוג אויס־

צוגלייכן די דורותדיקע טיפע אונטערשיידן צווישן די גלותן, אפילו אָפּווישן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די גלותן האָט מען נאָך נישט באַוויזן, נאָך ווייט נישט. דורות לאָזן זיך נישט אָפּמעקן אַזוי גיך. אין איין און דעם זעלביקן גאָרטן וואַקסן אַ סך סאָרטן עפּל. זיי ווערן נישט איין סאָרט. אָן דעם פאָלק־געפיל און אָן דעם פאָלק־באַוווסטזיין האָט נישט די יידישע מדינה קיין שום מעלה פאַר די יידן, וואָס האָבן נאָך נישט אָנגעוווירן די נעגאַציע צו יידישער שטייגער־קולטור און אין זיי לעבט נאָך די היפּער־אַכטונג צו די שטייגער־קולטורן פון די פעלקער.

אַזוי שטאַרק האָט זיך געביטן די ראָל פון שלילת הגלות אין דעם אויפבוי פון דער מדינה: צום אָנהייב, ערב דער מדינה האָט די נעגאַציע געקאָנט האָבן טיילווייז אַ פּאָזיטיוון ווערט דורכן פאַרשטאַרקן די אַכטונג צו זיך, צום אייגענעם קאָלעקטיוו, אַזוי האָט איצט די זעלביקע נעגאַציע איצט דורכויס אַ נעגאַטיווע השפּעה. אַ מאָל איז דער ארץ ישראלדיקער ישוב געווען און געקוקט אויף זיך ווי די „אויסדערוויילטע פון פאָלק ישראל", היינט איז די מדינה — דאָס עצם פאָלק, און אַלע חסרונות וואָס מען זעט אין גלות, זיינען דאָך דאָ, אין אַ קאָנצענטרירטן סכום אין דער מדינה. עס דאַכט זיך מיר פון ווייטן אַז מען הייבט אָן איצט אין דער מדינה צו באַגרייפן דעם ווערט פון „פאָלק־געפיל" און פון דעם ווערט פון דער פאָלק־קולטור. הלוואי זאָל איך דאָ נישט האָבן קיין טעות . . .

## אַ זיסער ליגן און אַ ביטערער אמת

אָט אַזוי ווי מיר האָבן דאָ באַשריבן זעט אויס די סיטואַציע פון יידישקייט אין גלות און אין דער מדינה. קיינע ראָזע קאָלירן טאָר מען זיך ניט איינריידן. מען דאַרף זיך נישט טרייסטן, „מיר לעבן נאָך, נאָך פאַראַן מיליאָנען יידן מיט יידיש, נאָך פאַראַן יידישקייט אויך אָן יידיש, דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיין געשיכטע אַדאַפּטירט שפּראַכן און זיי פאַריידישט, געלעבט אַ יידיש לעבן אין אָט די נייע אַדאַפּטירטע שפּראַכן, וועט עס אויך איצט ווידער אַדאַפּטירן שפּראַכן און לעבן אַ יידיש לעבן אין אָט די נייע שפּראַכן. עס זיינען געוואָרן אַראַמיש־יידיש, דייטש־יידיש, וועט איצט אויך זיין ענגליש־יידיש, שפּאַניש־יידיש און נאָך און נאָך . . . וויפל לענדער אַזוי פיל יידישע שפּראַכן וועלן מיר האָבן . . ." איז די טרייסט אַ פאַלשע, און איידער אַ פאַלשער, זיסער ליגן איז געזינטער אַן אמת ווי ביטער ער זאָל נישט זיין:

יידן האָבן אַדאַפּטירט און פאַריידישט שפּראַכן ווען זיי האָבן געלעבט באַזונדער אַ פאַרזיכיק לעבן, אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט פון די הערשנדיקע פעלקער: יידישע לשונות זיינען געוואָרן נאָר די דריי: העברעיש, אַראַמיש און יידיש, טיילווייז אויך לאַדינאָ. אַלע האָבן זיי דעם זעלביקן יידישן אַלף־בית, אַ יידישע, פאַרזיכיקע גראַמאַטיק און לעקסיק. יידן האָבן אָבער אויך געלעבט אין נאָך אַ סך לענדער, זיי האָבן גערעדט אַ סך נאָך לשונות. און נישט זיי זיינען נישט געוואָרן יידישע לשונות, נאָר די יידן וואָס האָבן געניצט די לשונות, האָבן אַליין אויך אויפגעהערט צו עקסיסטירן ווי יידן. גאַנצע יידישע לאַנד־שבטים זיינען אונטערגעגאַנגען און נישטאָ פון זיי קיין לעבעדיקער זכר. די אַלטע טרייסט פון תנך אַרויס „נצח ישראל לא ישקר" איז גאָר אַ סך מאָל געווען אַ בפירושער שקר. לאָמיר דאָס פאָרמולירן ווי אַ כלל:

(1) מיר ריידן נישט וועגן דעם קיום פון יידיש לשון, נאָר וועגן דעם קיום פון יידיש פאָלק. קיום מיינט המשך, פאָלק מיינט קולטור־המשך;

(2) יידיש פאָלק האָט אַ קיום נאָר ווען עס לעבט אָפּגעזונדערט פון הערשנדיקע פעלקער. מען קען נישט לעבן פּריוואַט איינגעגלידערט אין לעבן פון אַ צווייט פאָלק און איינהיטן דעם אייגענעם קולטור־המשך, דאָס אייגענע פאָלק;

(3) מען קען נישט לעבן איינגעגלידערט פּריוואַט אין דעם לעבן פון הערשנדיקן פאָלק, מיט זיין קולטור, מיט זיין שטייגער און מיט זיין לשון און דאָך איינהיטן פאַר זיך די אייגענע שפּראַך — יידיש, די אייגענע קולטור. אין דעם פרעמדן לעבן עקאָנאָמיש, סאָציאַל און שטייגעריש, וועט אפילו יידיש (אויב זי וועט זיך איינהיטן מער ווי אַ פּאָר דורות) אויך נישט זיין קיין יידיש לשון. דאָס לעבן שאַפט אַ שפּראַך, נישט די שפּראַך שאַפט דאָס לעבן. נישטאָ ביי אונדז



קיינע צוואַנגען איינצוהאַלטן דאָס יידישע לשון.

דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט האַלט טאַקע אין פּראָצעס פון אונטערגאַנג. ווי ביטער עס זאָל נישט זיין אָט דער אמת, מוז מען אים אָבער אַרויסזאָגן מיט דעם פולן מויל קלאָר און דייטלעך: יאָ, דאָס יידישע פאָלק געפינט זיך אין מיטן פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס פון אונטערגאַנג. אַזוי אין אַלע לענדער. נישט די רעליגיע, נישט די שפּראַך קענען נישט זיין קיין שמירה. מ'קען זיין גויים פון יידישער רעליגיע און די שפּראַך האָט בכלל נישט קיין שאַנסן צו בלייבן.

אָט איז געווען אַ באַריכט אין דער פּרעסע, אַז אין ענגלאַנד האָט זיך די צאָל יידן פאַר די לעצטע יאָרן פאַרקלענערט כמעט אויף גאַנצע צען פּראָצענט עס קומען ענלעכע גערוסן פון אַנדערע ישובים. עס איז אין אַמעריקע שווער צו געפינען אַן אַקטיוון יידן וואָס זאָל זיין אַן אַמעריקאַנער פון עטלעכע דורות. און עס זיינען דאָך דאָ יידן אין אַמעריקע מער ווי דריי הונדערט יאָר. און אַזוי ווי אין די שטאַטן, אַזוי איז עס אויך אין אַנדערע לענדער. עס גייט אונטער יידיש לשון, ווייל עס גייט אונטער יידיש לעבן. אַלץ וואָס עס איז נאָך אַקטיוו, וואָס לעבט, אַלץ לעבט נאָך מיט דעם אימפּעט פון מזרח־אייראָפּע, פון תחום אין רוסלאַנד. אָן דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט, ווייס איך נישט ווי די מדינה וועט זיך קענען האַלטן. ווען האָט זיך אָנגעהויבן דער אונטערגאַנג? — דער אונטערגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן באַלד מיט דער עמאַנציפּאַציע. אין משך פון דעם גאַנצן י"ה גייען איינצייטיק ביי יידן צוויי קעגנגעזעצטע פּראָצעסן: אונטערגאַנג אין גאַנץ מערב־אייראָפּע, און פאַרמערונג און אויפשטייג אין מזרח־אייראָפּע. דער אונטערגאַנג אין מערב־אייראָפּע איז דער פּראָדוקט פון דער פאָרמול „פאַר יחידים־יידן אַלע בירגער־רעכט, פאַר דעם יידישן פאָלק אָבער קיינע רעכט נישט". צי וועט דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג זיך ציען ביזן סוף — ביז דער פולער אַסימילאַציע?

עס איז מער צו גלייבן, אַז צו קיין פולער אַסימילאַציע וועט עס ניט דערגיין. נישט דערגיין צוליב דעם וואָס „חתנס צד" וויל נישט, די הערשנדיקע פעלקער אין די לענדער וועלן צו דעם נישט דערלאָזן. עס איז אויך אַ כלל אין דער יידישער געשיכטע: יידן פאַרנעמען אין די אַלע לענדער פּאָרויסגייענדיקע פּאָזיציעס, וואָס די איינגעבאָרענע, די אַנדערע פעלקער זיינען צו זיי נאָך נישט געקומען. אַלטגעזעסענע זיינען מער אינערט ווי אימיגראַנטן, אַנטוויקלען יידן אין נייע ישובים, אין די לענדער נייע געביטן פון עקאָנאָמיק. ווען די אָרטיקע באַפעלקערונג דעריאָגט די יידן, שטויסט זי אַרויס די יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. אָט דער אַרויסשטויס־פּראָצעס קומט פאָר אין יעדער לאַנד פאַרשיידן, לויט דעם כאַראַקטער פון דעם געגעבענעם פאָלק. אין אַלע יידישע ישובים איז עס געקומען אָדער צו פולער אַסימילאַציע — ווען די צאָל איז נישט קיין גרויסע, אָדער אַרויסגעשטויסן צו ווערן, ווען די צאָל יידן, זייער פּראָצענט איז גרעסער . . . ביי דעם היינטיקן טאָג איז דער כאַראַקטער פון די פעלקער אַ סך פרעכער און בלוטיקער און די מאָראַל — פאַרקערט — אַ סך נידעריקער ווי עס איז געווען מיט הונדערט יאָר פריער. די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן קעגן גענאָסיד — פעלקער־אויסמאָרדונג זיינען נישט מער ווי אַן עין הרע־אָפּשפּרעכן קעגן קאַנסער. קיינע סורפּריזן אויף דעם געביט וועלן אונדז נישט דאַרפן איבעראַשן — אַלץ איז מעגלעך, אַלץ קען געשען. אַזוי צי אַזוי — דאָס יידישע פאָלק איז דאָ אין אַ דויערנדיקן פּראָצעס פון אונטערגאַנג.

## איז דער גורל געחתמעט?

נישטאָ קיין רפואה? — ניין! נישטאָ אין געשיכטע קיינע אָביעקטיוו־פאַטאַלע פּסק־דינים. אַזוי איז געפּסקנט געוואָרן צי פון גאָט, צי פון גורל, צי פון דער נאַטור — אַלץ איינס. נישטאָ אַזאַ פאַטאַליזם! אין אַ פריערדיקער אַרבעט (אין בוך „אונדזער מאָרגן") האָב איך געשריבן אַז דאָס יידישע פאָלק איז ביאָלאָגיש ניט אַלט, עס זיינען דאָ כוחות צו לעבן, צו שאַפן, צו בויען, מנצח צו זיין. עס זיינען דאָ כוחות צו לעבן — פאַר זיך, פאַרן אייגענעם קאָלעקטיוו אָדער פאַר אַנדערע. אויב אַזוי ווענדט זיך דער קיום אָן אַנדערע פאַקטאָרן. דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין געשיכטע איז דער פאַרעקשנטער

ווילן. דער ווילן פון אַ ציבור — ער שאַפט געשיכטע. עס קען דויערן לאַנגער, קנאַפער, אָבער ער איז דער מקור ראשון. דער ווילן פון אַ פאָלק איז נישט קיין ענין פון אַ טאָג, עס איז אַ זאַך פון דורות, מיר זאָגן — עס איז „איינגעבאָרן". אָבער נישט וויכטיק, עס איז איינגעפלאַנצט. פאַרצייטן וואָלט מען דאָס געזאָגט, עס איז „מסיני". מיר דאַכט זיך אַז אונדזערע פירער, די געזעלשאַפטלעכע טוער לייגן ווייניק אַכט אויף דעם ווילן פון פאָלק. פאַראַן אין דער יידישער געשיכטע פאַקטן וואָס לאָזן זיך דערקלערן נאָר מיט דעם ווילן פון פאָלק, מיט זיין כאַראַקטער. איך וועל בלויז אָנרופן עטלעכע אַזעלכע דערשיינונגען: די צעשפּרייטונג פון יידישן פאָלק איבער דער וועלט, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פאַרן גלות בבל; די אַמאַטעריעלע קולטור און רעליגיע; דאָס אויפבויען די גאַנצע הלכה־יידישקייט; די שוואַכע נייגונג צו שאַפן אומאָפּהענגיקע ישובים מחוץ ארץ ישראל, אפילו ווען אָביעקטיוו איז עס געווען ניט שווער. אַ פאָלק לאָזט זיך נישט דיקטירן ווי עס זאָל זיך פירן און האַנדלען. מיר וויסן צום באַדויערן נישט ווייניק אַזעלכע דיקטאַטאָרן, וואָס האָבן דאָס געפּרובירט און עס איז זיי כלומרשט געלונגען, אָבער אויך דאָס איז בלויז צייטווייליק, הגם שטרענגע דיקטאַטאָרן קענען מיט גרויזאַמע קרבנות אַרויפצווינגען זייער ווילן אויף דעם פאָלק, אָבער אויך דאָס האַלט זיך נאָר אַ צייט.

אָט דאָס לאַנד וואָס האָט שפּעטער געקראָגן דעם נאָמען ארץ ישראל, איז דאָך לכתחילה געווען אַן „ארץ העמים" מיט אַלע אומווירדיקייטן דאָרטן און די סאַמע ירושלים איז געווען אַ „עיר היבוסי" מיט דעם שווידערלעכן מולך־געץ און מיט אַלע אַנדערע „טומאות העמים". ערשט שפּעטער איז עס דאָך אַריין אין האַרץ און אין מוח פון פאָלק ווי אַן אייביקער גאָטס אָנזאָג און צוזאָג פון בראשית אָן. דאָס האָט דאָך דאָס יידישע פאָלק פון דעם לאַנד געמאַכט אַן ארץ הקודש און אַן עיר הקודש. (גראַמאַטיש — נישט הייליק לאַנד און הייליקע שטאָט, נאָר לאַנד פון הייליקייט, שטאָט פון הייליקייט). איז צו פאַרשטיין פאַר וואָס ביי אַנדערע פעלקער איז דאָס געוואָרן דאָס הייליקע לאַנד, דאָס לאַנד גופא איז מאַטעריעל הייליק און אַזוי אויך די שטאָט. ביי יידן איז די הייליקייט נישט אין עצם לאַנד, נישט אין עצם שטאָט נאָר אין דער באַציאונג פון די מענטשן. די הייליקייט איז פון די יידן. פרעגט זיך פאַר וואָס האָבן די זעלביקע יידן נישט געקאָנט מאַכן פון אַ צווייטן לאַנד, ערגעץ אַנדערשוווּ — נאָך אַ צווייטע ארץ ישראל? לויט דער גמרא איז די הייליקייט פון ארץ ישראל געקומען נישט פון גאָט, נאָר טאַקע פון די יידן, בעת זיי האָבן איינגענומען דורך יהושוע און שפּעטער דורך עזרא און נחמיה און די קדושה די צווייטע איז גרעסער פון דער ערשטער, ווייל די יידישקייט איז געווען אַ העכערע. וואָלט דאָך געקענט קומען אַ דריטע קדושה, און די וואָלט געווען נאָך העכער, ווייל די יידישקייט איז פאַר דער צייט ווידער געוואָרן שטאַרקער, איינגעפונדעוועטער. פאַר וואָס דאָס איז ניט געשען? אָדער פאַר וואָס האָט דער כותל מערבי אַרויסגערופן אין יידישע הערצער ניט אין פאַרגלייך מער עמאָציעס איידער דער הר הבית? דאָס אַלץ און אַ סך אַנדערע ווייזן דעם גרויסן כוח פון דעם פאַקטאָר וואָס מיר האָבן דאָ אָנגערופן דער ווילן פון פאָלק.

דער ווילן פון פאָלק איז פאַרבונדן מיט דעם גלויבן: וואָס מער אַ פאָלק האַלט פון זיך, גלייבט אין דער אייגענער ווערטיקייט: דאָס איז מיינס, אונדזער און דערפאַר איז עס מיר ליב און טייער, וואָס מער אָט אַזאַ געפיל איז פאַראַן ביי די מענטשן פון פאָלק, איז שטאַרקער וועט זיין דער ווילן צו פאַרהיטן און אָפּצוהיטן אַלץ וואָס אייגן, פאָלקיש. גלויבן, ליבע, ברענגען ווילן. ביי יידן איז דער גלויבן אין פאָלק געווען פאַרביטן מיט דעם גלויבן אין גאָט, אהבת שמים אָנשטאָט אהבת ישראל (עס איז געווען סיי ווי איינס). מיט דער עמאַנציפּאַציע איז פאַרלאָרן געגאַנגען דער גלויבן אין יידישקייט, במילא איז פאַרלאָרן געגאַנגען דער יידישער אַקטיווער ווילן און אויך די אָנשטרענגונג איינצוהיטן די יידישקייט. דער גלויבן אין יידישקייט, אין דעם יידישן גאָט האָט זיך פאַרביטן מיט אַ גלויבן אין דער העכערקייט פון פעלקער (אַלע מאָל איז עס געווען דער בעל הבית־פאָלק). און אַלע מאָל האָט דער גלויבן אין פעלקער אָפּ־



ד״ר מנחם נאור

# דער „ברית בין הבתרים" און דאָס יידישע רעכט אין ארץ ישראל

דעם 2טן נאָוועמבער, 1968, האָט דער פאַרשטייער פון סעודי־אַראַביע געזאָגט, אין זיכערקייט־ראַט פון דער „יו־ען", דאָס ווייטערדיקע: „זינט ווען איז דער אַלמעכטיקער גאָט אין גרונטאייגנס־מסחר? זאָל ישראל באַווייזן דעם שטר־קנין (אויף מדינת ישראל)!"

אויף דעם האָט געענטפערט דאָס וואָכנבלאַט בני־ברית מעסענדזשער (דעם 8טן נאָוועמבער, 1968, ז' 13): „באַרודי (אַזוי הייסט יענער אַראַבער) און די גאַנצע וועלט וואָלטן שוין געמעגט וויסן, אַז די תורה, דער תנך, זענען דער אמתער שטר־קנין פון די יידן אויף דאָס הייליקע לאַנד".

דאָס דאָזיקע וואָכנבלאַט האָט אין זינען, נאַטירלעך, דעם קאַפּיטל ט״ו אין חומש בראשית וווּ עס ווערט דערציילט, אַז „גאָט (האָט) געשלאָסן אַ בונד מיט אברהמען, אַזוי צו זאָגן: צו דיין זאָמען האָב איך געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד, פון דעם טייך פון מצרים ביז דעם גרויסן טייך, דעם טייך פרת" (פסוק י״ח)*. דאָס איז דער באַרימטער „ברית בין הבתרים" — דער „בונד צווישן די שטיקער", וואָס ווערט באַשריבן אין יענעם קאַפּיטל אין בראשית. פרעגט זיך דערביי: איז עס נישט אַ ביסל אויסערן וועג צו ציטירן דאָס הייליקע בוך צו אַ מאַן וואָס פאַר אים איז דאָס בוך נישט הייליק און האָט דערפאַר פאַר אים קיין שום ווערט נישט?

און ווידער גערעדט: האָט עס דען מער זין סומך צו זיין זיך אויפן תנך אפילו פאַר קריסטן, וואָס הגם ביי זיי איז דאָס בוך טאַקע יאָ הייליק, פון דעסטוועגן זאָגן זיי (גאַלאַטער 3: 17, 29): „צו דיין זאָמען, דאָס איז ישו . . . און אויב איר געהערט צו ישו, דעמאָלט זענט איר אברהמס נאָכוווּקס, די יורשים לויט דער

*) אַלע תנך־ציטאַטן, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, זענען לויט תרגום יהואָש.

---

גענאַרט. אין וויפל פעלקער האָבן מיר שוין ניט געגלויבט אין די קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר! אויף וויפל באַוועגונגען ביי די פעלקער מיר האָבן שוין ניט געלייגט אונדזערע אַלע האָפענונגען, — און אַלע מאָל האָבן זיך די האָפענונגען אויסגעלאָשן, פאַרלאָרן געגאַנגען, דערטרונקען געוואָרן אין יידיש בלוט! ביז עס איז געקומען צוריק צום גלויבן אין זיך אַליין — אין דער מדינה. אָט דער גלויבן אין זיך, צוזאַמען מיט דעם אומגלויבן אין פעלקער, מיט דעם אַלטן „אַל תבטחו בנדיבים" — דער גלויבן איז דאָך געווען, ווי געזאָגט שוין, דער הויפּט־עלעמענט פון דעם נס אין די זעקס טעג. דאָס דאַרף ווערן דער גלויבן אין יידישקייט. און דער גלויבן טאָר נישט בלייבן קיין פאַרציעלער — אין אַ חלק פון יידישקייט, ווי מען וויל דאָס מאַכן, ווען יעדער גרופּע באַמיט זיך דעם נס צו פאַרשרייבן אויף איר חשבון. דער כוח איז דער גלויבן אין פאָלק אין זיין אינטעגראַלער גאַנצקייט, אין דער אינטעגראַלער גאַנצער יידישקייט. דער גלויבן אין פעלקער האָט דעמאָראַליזירט די יידן, געמאַכט פון זיי קאָפּירער, אָן אַן אייגענעם פּרצוף; — דער גלויבן אין אייגן פאָלק וועט דאָס פאָלק אויסהיילן, נאָרמאַליזירן. אַ מענטש וואָס פאַרלירט דעם גלויבן אין זיך אַליין, פאַרלירט דעם כוח צו לעבן. אַזוי אויך אַ פאָלק. ווייל איך האָף אַז אָט דער גלויבן אין יידישקייט, וואָס האַלט זיך אין אויפוועקן אין דער מדינה וועט משפּיע זיין אויך אויף די גלותן און אויב די גלותן וועלן טאַקע קומען צום גלויבן אין יידישקייט ווי מיר האָבן זי געירשנט פון אונדזערע עלטערן, פון דעם דור אין מזרח־אייראָפּע, וועט דער קיום פון פאָלק ישראל זיין געזיכערט, מיט אייגענע כוחות, נישט מיט דעם חסד און רחמנות פון גוטע מענטשן צווישן גוטע פעלקער.

הבטחה נאָך״. דאָס הייסט, די קריסטן באַטראַכטן זיך פאַר בני־ישראל, און די אַלע אַלטע תנך־הבטחות זענען מער נישט גילטיק פאַר די בני־ישראל.

און אוודאי און אוודאי האָט די הבטחה נישט קיין ווערט ביי דער היינטיקער סעקולאַרער וועלט, וואָס גלייבט אפשר גאָר נישט אין גאָט.

און איצט, אַז דער ציוניזם האָט יאָ געהאַט אַ דערפאָלג און די יידישע מדינה איז שוין אַ ווירקלעכקייט, נייטיקן מיר זיך אין אַזאַ ענטפער, וואָס די וועלט אַרום אונדז קען עס אָננעמען פאַר ערנסט און עס נישט באַגאַטעליזירן. אפילו דער עצם קאַפיטל פון ברית בין הבתרים זאָגט אונדז, אַז מיר מוזן זיין צוגעגרייט מיט אַ געהעריקן ענטפער. דאָרט, אין די ערשטע פינף פסוקים פון בראשית ט״ז, ווו גאָט איז מבטיח אַ זון צו אברהמען, גלייבט ער בלינד אין אָט דער הבטחה, ווי סע שטייט געשריבן (פסוק ו׳): „און ער האָט געגלייבט אין גאָט, און ער האָט עס אים גערעכנט פאַר אַ גערעכטיקייט״. אָבער ווען גאָט איז אויך מבטיח אברהמען אים צו געבן דאָס לאַנד (פסוק ז׳), פרעגט שוין אברהם (פסוק ח׳): „מיט וואָס וועל איך וויסן אַז איך וועל עס אַרבן?״

פרעגט זיך: וואָס איז דער אונטערשייד צווישן ביידע הבטחות, וואָס אין איינער גלייבט אברהם בלינד און אין דער צווייטער פאַרלאַנגט ער פאַרזיכערונג?

איז דער ענטפער: די הבטחה פון אַ זון איז בלויז אַן ענין וואָס צווישן גאָט און אברהם, און קיין שום דריטער צד איז דערביי נישט אַריינגעמישט; אָבער די הבטחה אין שייכות מיט דעם לאַנד כנען, וואָס האָט געהערט בשעת מעשה צו די כנענים, און באַרירט דאָס דאָזיקע פאָלק, וויל די תורה בפירוש פאַרשרייבן גאָטס התחייבות, בכדי אברהמס קינדער זאָלן דעם צוקונפטיקן כיבוש הארץ קענען פאַרענטפערן פאַר אַלע דורות.

מיר האָבן שוין געהאַט אַן אָנדייט, אַז די הבטחה פון דער תורה איז נישט מאָסגעבנדיק פאַר מוסולמענער, קריסטן און די סעקולאַרע מענטשן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אָבער איינער אַן אַראַבער האָט אין אַ דיסקוסיע מיט מיר פערזענלעך געשטעלט נאָך אַנדערע קשיות: „ווי קענען מיר גלייבן דער יידישער מדינה, אַז זי וועט נישט זיין אַגרעסיוו אין דער צוקונפט, ווען גאָטס הבטחה האָט אייך בפירוש געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד, פון דעם טייך פון מצרים ביז דעם גרויסן טייך, דעם טייך פרת? און אויב איר ווילט זיך צופרידנשטעלן מיט די גרענעצן וואָס ווערן פאַר אייך אָנגעצייכנט אין במדבר ל״ד, מיינט איר אויך ביז לבוא־חמת (דאָרט, פסוק ח׳), דאָס הייסט: איר ווילט אויך סיריע און לבנון?״

„אגב אורחא״, האָט ער ווייטער געזאָגט, „לויט דעם דאָזיקן קאַפיטל ל״ד אין במדבר איז דער נגב גאָר ניט אין דער הבטחה, וועט איר אים צוריקגעבן?״

אויף דער לעצטער טענה האָב איך געהאַט אַן ענטפער: „יאָ״, האָב איך געזאָגט, „גערעכט איז גערעכט. עס איז טאַקע מעגלעך אַז מדינת ישראל וועט מסכים זיין אויסצובייטן דעם נגב אויף סיריע און לבנון. מאַכן מיר געשעפט?״ . . .

אָבער שפאָט אָן דער זייט: ווילן מיר אַז די אַראַבער זאָלן אונדז גלייבן אַז מיר ווילן שלום און אַז מיר ווילן אפילו ניט חלומען וועגן ווייטערע דעראָבערונגען, מוזן מיר קלאָר זאָגן, אַז גאָטס הבטחה וועגן דעם אויסשפרייט פון מדינת ישראל „ביז דעם גרויסן טייך, דעם טייך פרת״ איז אַן אַלטער חלום וואָס אויך מיר נעמען ניט ערנסט, און אַז מיר האָבן אין זינען בלויז די רעאַלע גרענעצן פון היינט.

און וואָס שייך חלום — איז דערביי דאָ אויך אַ טענה פון אונדזערע צוררים. „עס שטייט געשריבן״, זאָגן זיי, „׳איז אַ טיפער שלאָף געפאַלן אויף אברהמען׳ (בר׳ ט״ו, י״ב). באַטייט עס דען נישט, אַז די גאַנצע הבטחה איז נישט מער ווי אַ פוסטער חלום? און האָט דען נישט אייער אייגענער גרויסער נביא ירמיהו געזאָגט (כג: כ״ח): ׳דער נביא וואָס ביי אים איז אַ חלום זאָל דערציילן אַ חלום, און דער וואָס מיין וואָרט איז ביי אים, זאָל רעדן מיין וואָרט וואָרהאַפטיק. וואָס האָט שטרוי צו קאָרן, זאָגט גאָט׳?״

פון אָט דעם אַרויסגעזאָגטן איז געדרונגען, אַז דאָס פרומע גלויבן אין דער געטלעכער הבטחה איז פאַרבונדן מיט פאָליטישע און רעליגיעזע קאָמפליקאַציעס. אָבער אין אָט דעם ענין דאַרף מען נאָך מער מעיין זיין.



## ב

מיר לייענען אין אָט דעם דערמאָנטן קאַפיטל ט״ו פון בראשית (פסוקים י״ג־י״ד): „און ער (גאָט) האָט געזאָגט צו אברהמען: ׳וויסן זאָלסטו וויסן, אַז דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד וואָס ניט זייערס, און מע וועט זיי פאַרקנעכטן, און מע וועט זיי פייניקן — פיר הונדערט יאָר. און אויך דאָס פאָלק וועמען זיי וועלן דינען, וועל איך משפטן; און דערנאָך וועלן זיי אַרויסגיין מיט גרויס פאַרמעג׳ ״.

בכן, גאָט האָט אברהמען פאָרויסגעזאָגט די צוקונפט — אַז יעקב און זיינע זין וועלן אַראָפגיין קיין מצרים (ירידת מצרים), אַז דאָרט וועלן די בני־ישראל זיין פאַרקנעכט (שיעבוד מצרים), אַז זיי וועלן שפעטער אַרויסגיין פון דאָרט (יציאת מצרים) מיט אַ גרויסן פאַרמעגן (וינצלו את מצרים). גאָט, הייסט עס, זאָל שוין האָבן געוווסט אין פאָרויס, אַז רבקה וועט געבוירן אַ צווילינג, יעקב און עשו, וועלכע וועלן שטרייטן איבער דער בכורה, אַזוי אַז יעקב וועט זיין געצווונגען צו אַנטלויפן צו לבנען; אַז יעקב וועט זיך פאַרליבן אין רחלען אָבער לבן וועט אים אויך אַרויפצווינגען לאהן, אַזוי אַז די קנאה פון לאהס זין וועט פירן צו מכירת יוסף; אַז יעקב וועט לכתחילה גאָר נישט האָבן אין זינען אַראָפצוגיין קיין מצרים, אויפן סמך פון דעם, וואָס גאָט האָט שוין אָנגעזאָגט יצחקן (בראשית כ״ו:ב) אַז מ׳טאָר נישט פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין אַ הונגעריאָר, אָבער די ליבע צו יוספן ברענגט אים פאָרט דערצו; אַז די מצרים וועלן שפעטער אַרויסטרייבן די היקסוס און פאַרקנעכטן די פאַרבליבענע בני־ישראל, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דאָס גאַנצע הנאה ביים לייענען דאָס ספר בראשית, און דערנאָך שמות, ווערט פאַרלוירן, ווען די געשעענישן אַנטוויקלען זיך נישט פריי און לאָגיש, בייערט זיי זענען שוין באַשטימט פון פאָרויס. דאָס איז די באַרימטע סתירה וואָס צווישן ידיעה און בחירה, צווישן גאָטס וויסן פון דער צוקונפט און דער יידישער תורה פון בחירה חפשית — דעם פרייען אויסוואַל פון מענטש. מיר הערן דערביי דעם פאַראַדאָקס פון רבי עקיבא, וואָס האָט געזאָגט: „הכול צפוי והרשות נתונה״, ד״ה, אַלץ איז פאָרויסגעזען, אָבער דער פרייער אויסוואַל איז פאָרט געגעבן דעם מענטש.

דערביי איז דאָ אַ סתירה: אין ספר בראשית ווערט אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק, אַז גאָט ווייסט נישט די צוקונפט. דהיינו: ווען ער באַשאַפט דעם מענטשן, ווייסט ער ניט אין פאָרויס אַז ס׳וועט קומען אַ צייט ווען ער וועט אים דאַרפן אומברענגען דורכן מבול; ער גיט דעם מענטשן איין שפראַך און ווייסט דערביי נישט, אַז ער וועט זיך מיט דער צייט דאַרפן איבערלייגן און געבן אים שבעים לשונות — זיבעציק שפראַכן; ער פרווט אויס אברהמס צידקות ווייל ער ווייסט נישט ווי אַזוי אברהם וועט זיך נוהג זיין; דערנאָך זאָגט ער גאַנץ קלאָר ביי דער עקידה (בראשית כ״ב:י״ב): „אַצינד ווייס איך אַז דו ביסט גאָטספאָרכטיק״. דאָס הייסט, אַצינד ווייס איך, פריער האָב איך עס נישט געוווסט.

מיר קריגן פאַר זיך חשיבות דורך דעם דאָזיקן איינשטעל, און מיר שטאָלצירן מיט דער פרייהייט וואָס יהדות האָט דורך דעם געבראַכט צום גייסט פון מענטש — אין היפוך צו אַלע אַלטע רעליגיעס, וואָס האָבן מענטש אונטערטיאָכט צום בלינדן גורל, ניט דעם „שופט כל הארץ״ (בראשית י״ח:כ״ה). און אויף דעם דאָזיקן איינשטעל שטיצט זיך זייער שטאַרק די גרויסע יידישע נבואה: בעסערט אויס אייערע וועגן, און ווען ניט, וועט גרויסע פורעניות אויף אייך קומען! די פורעניות קומט נישט פאַטאַליסטיש, עס איז אין אייער רשות זי אויסצומיידן. דער נביא איז נישט אַן אָראַקל וואָס זאָגט פאָרויס די צוקונפט, ער איז, אַנשטאָט דעם, יענער „חכם הרואה את הנולד״ — דער קלוגער וואָס ווייסט צו וועלכע רעזולטאַטן די קעגנוואַרטיקע געשעענישן וועלן פירן. און מיר קענען ענדערן די רעזולטאַטן דורך ענדערן די קעגנוואַרטיקע אויפפירונגען. ווער סע גלייבט, למשל, אַז יעקב צופה היה ברוח הקודש — האָט פאָרויס געזען מיטן רוח הקודש אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, שטעלט ער אַרויס דעם נביא ירמיהו פאַר אַ נאַר וואָס ער האָט געפרווט פערציק יאָר נאָך אַנאַנד צו ראַטעווען דעם בית המקדש, בעת זיין חורבן איז באַשטימט

פון פאָרויס. דערביי לאָזט ער אונדז גאָר נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי גאָט שיקט ירמיהון מיט זיינע נבואות, וויבאַלד ער ווייסט שוין אין פאָרויס וואָס שפּעטער וועט געשען.

און אויב סע זענען דאָ נאָך היינט מענטשן, וואָס גלייבן אין פאַטאַליזם, זענען דאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק אוודאי און אוודאי געווען אַזעלכע גלייביקע. האָט מען דערציילט שפּעטער, נאָך דעם כיבוש הארץ פון די כנענים, אַז גאָט האָט דאָס אַלץ פאָרויסגעזאָגט אברהמען. צוליב וואָס איז דאָס געטאָן געוואָרן? איז אונדזער ענטפער אויף דעם, אַז דאָס איז אַזוי פאַרשריבן געוואָרן אין דער תורה בכדי צו דערקלערן אויף זייער אייגנאַרטיקן שטייגער די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, די אַלטע געשיכטע און דעם כיבוש הארץ.

ג

וואָס איז זייער דערקלערונג אין שייכות מיט כיבוש הארץ?

מיר לייענען דעם פסוק ט״ז אין יענעם קאַפּיטל (ט״ו): „און ערשט אין פירטן דור וועלן זיי זיך אומקערן אַהער, וואָרום די זינד פון דעם אמורי וועט ניט זיין פאַרפולט ביז דענסטמאָל״.

אַזוי ווי, לויט דעם דאָזיקן קאַפּיטל, ווייסט גאָט די צוקונפט, ווייסט ער אַז דער אמורי וועט נישט תשובה טאָן און וועט נאָך ווייטער זינדיקן, ביז זיין זינד וועט זיין פאַרפולט״ — און דעמאָלט וועט גאָט ערשט מעגן צונעמען ביי אים זיין לאַנד. אַזוי ווי גאָט טאָר נישט אויסנוצן זיין פאָרויסוויסן, בכדי צו באַשטראָפן די כנענים שוין איצט — דערפאַר מוזן די בני־ישראל אַראָפּגיין קיין מצרים, זיך מאַטערן צוערשט דאָרט און דערנאָך אין דעם מדבר, ביז די צייט וועט קומען.

דער כיבוש הארץ איז בכן נישט ווייל די בני־ישראל זענען שטאַרק גענוג אָפּצונעמען דאָס לאַנד פון זיינע פריערדיקע באַוווינער, נייערט ווייל יענע פריערדיקע באַוווינער, די כנענים, זינדיקן אַזוי שווער, אַז גאָט מוז זיי שווער באַשטראָפן און אָוועקנעמען פון זיי זייער לאַנד.

וואָס זענען אָבער זייערע זינד?

ויקרא י״ח: כ״ד־כ״ה: „איר זאָלט אייך נישט פאַרומרייניקן מיט אַלע די דאָזיקע (ווי באַשריבן אין די פּסוקים ו׳־כ״ג), וואָרום מיט אַלע די דאָזיקע האָבן זיך פאַראומרייניקט די פעלקער וואָס איך טרייב אַרויס פון פאַר אייך . . . און דאָס לאַנד האָט אַרויסגעשפּיגן אירע באַוווינער״.

דברים י״ח: ט׳־י״ב: „אַז דו קומסט אין דעם לאַנד וואָס ד׳ דיין גאָט גיט דיר, זאָלסטו זיך נישט אָפּלערנען צו טאָן אַזוי ווי די אומווערדיקייטן פון יענע פעלקער, עס זאָל זיך נישט געפינען ביי דיר איינער וואָס מאַכט דורכגיין זיין זון אָדער זיין טאָכטער דורכן פייער, אַ וואָרזאָגער פון וואָרזאָגענישן, אַ צייכנזעער, אָדער אַ טרעפער, אָדער אַ מכשף, אָדער אַ צויבערשפּרעכער, אָדער איינער וואָס פרעגט ביי אַ גייסט אָדער אַ רוח, אָדער אַ פאַרשער ביי טויטע . . . פון וועגן די דאָזיקע אומווערדיקייטן פאַרטרייבט זיי ד׳ דיין גאָט פון פאַר דיר״.

וועגן די דאָזיקע רעליגיעזע מנהגים זאָל גאָט האָבן באַפוילן די בני־ישראל (דברים כ׳:ט״ז): „פון די שטעט פון די היגע אומות, וואָס ד׳ דיין גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה, זאָלסטו נישט לאָזן לעבן קיין אָטעם״. איך זאָג: „זאָל גאָט האָבן באַפוילן״, ווייל אַ פרומער ייד (אָדער אפילו, לאָמיר נאָכגעבן, אַ פרומער קריסט) מוז היינט נישט גלייבן, אַז גאָט האָט דאָס טאַקע באַפוילן: אַזוי האָט מען דעמאָלט פאַרשטאַנען גאָטס ווילן. פאַר וואָס זאָלן מיר מעגן זאָגן, אַז די בני־ישראל האָבן געמעגט פאַרטיליקן אַ פאָלק פון וועגן זייערע מנהגים, בעת איצט רעוואָלטירט די וועלט קעגן אַזעלכע אַנשויאונגען? עס זאָל אָבער אונדז ניט וויי טאָן וואָס אַזוי האָט מען געקענט רעכטפאַרטיקן אַזאַ זאַך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, און מיר דאַרפן זיך דערמיט ניט שעמען — זאָל זיך שעמען דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט וואָס ווערט פאַרגליכן מיט יענע אַלטע צייטן!

ווי ווייט אַ פרומער מענטש קען גיין, אַז ער וויל זיך יאָ אידענטיפיצירן מיט גאָטס באַפעל צו פאַרטיליקן אַ פאָלק פון וועגן זיין רעליגיע, קענען מיר דרינגען פון אַ ביכל, געשריבן פון אַ גלח שוין אין אונדזערע צייטן:

“But what about the children? Might not they be spared? . . . Let it be said . . . that the extermination of the Canaanite children was . . . an act of love and mercy to the children themselves. What awaited these children, if they were allowed to live, was something vastly worse than death . . . Even today I could almost wish that all the babes born in the slums might be slain in infancy, were it not for the hope that the church of Christ would awake and carry to them the saving Gospel of the Son of God.” (Dr. R. A. Torrey, *Difficulties in the Bible*, Moody Press, Chicago, 1907, Pp. 48-49).



אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען אַזעלכע ברוטאַלע אַנשויונגען גרוילעך און שרעקלעך, אָבער מיר דאַרפן זיך נישט אַנטשולדיקן, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, וועגן די אַנשויונגען פון די בני־ישראל מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. אַחוץ דעם ווערט אונדזער אורטייל איבער יענע אַנשויונגען נאָך מילדער, ווען מיר געדענקען, אַז אונדזערע אָבות האָבן דעם דאָזיקן אורטייל באַרעכטיקט נישט בלויז קעגן דעם שונא, נאָר אויך קעגן זיך אַליין:

ויקרא י״ח:כ״ח: „כדי דאָס לאַנד זאָל אייך ניט אויסשפּייען, אַז איר וועט עס פאַרומרייניקן, אַזוי ווי עס האָט אויסגעשפּיגן דאָס פאָלק וואָס פאַר אייך״.

מיר איצט האַלטן אַזעלכע אורטיילן פאַר פאַלש, אָבער זיי, אין יענע צייטן, האָבן עס געמיינט אָביעקטיוו — פאַר אַנדערע און אויך פאַר זיך; זיי האָבן עס ערלעך געמיינט, נישט נאָר ווי אַ באַרעכטיקונג פאַר זייערע גרויזאַמע דעראָבערונגען.

ד

גרויזאַמע דעראָבערונגען? איז אונדז נאָר דאָס געבליבן ווי אַ באַזע פאַר אונדזערע רעכט אין ארץ ישראל, וויבאַלד מיר ווילן ניט גלייבן אין גאָטס הבטחה פאַר דער צוקונפט און דערביי פּראָטעסטירן מיר קעגן דער דערקלערונג פונעם כיבוש הארץ ווי אַ קרייצצוג?

מיר זענען שטאָלץ אויף די מאָראַלישע איבערטראַכטונגען פון אונדזערע אבות, וועלכע האָבן נישט געוואָלט זאָגן, אַז זיי האָבן איינגענומען דאָס לאַנד ווייל זיי זיינען געווען שטאַרק און ווייל די היסטאָרישע סיטואַציע האָט דאָס מעגלעך געמאַכט, און אָנשטאָט דעם האָבן זיי צוגעטראַכט פאַרשיידענע טעאָלאָגישע און פילאָסאָפישע באַרעכטיקונגען פאַר דער דעראָבערונג. זייער טעאָלאָגיע און פילאָסאָפיע קענען מיר ניט אַקצעפּטירן, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, און מיר דאַרפן עס אויך ניט — איצט, מיט דריי טויזנט יאָר שפּעטער.

נאָך דער לאַנגער געשיכטע פון הונדערטער יאָרן פון בלוטיקע טעריטאָריעלע דעראָבערונגען אין אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע, נאָך דער פאַרטיליקונג פון די אינדיאַנער אין אַמעריקע און די פּאָלינעזיער אין זייערע לענדער שוין אינעם 19טן יאָרהונדערט, און נאָך דעם גרויזאַם ברוטאַלן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, — נאָך דעם אַלעמען זאָל אונדז נישט איינפאַלן צו שעמען זיך מיט דעם וואָס אונדזערע אָבות האָבן געטאָן מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, און מיר נייטיקן זיך נישט צו אַנטשולדיקן זיך וועגן דעם. פונקט ווי מיר דאַרפן זיך ניט שעמען וועגן אַלטע אָנשויאונגען בכלל, ווי איך האָב פריער אויפגעוויזן.

יאָ, מיר האָבן איינגענומען דאָס לאַנד ווייל מיר זענען געווען שטאַרקער פון די כנענים און ווייל די היסטאָרישע סיטואַציע האָט דעם כיבוש מעגלעך געמאַכט. אָבער ניט אויף דעם פאַקט אַליין באַזירן מיר אונדזער רעכט אין ארץ ישראל. 1700—1800 יאָר האָבן מיר געלעבט אין דעם לאַנד, האָבן געשאַפן אַ גרויסע רעליגיע און אַ גרויסע קולטור, וואָס דינט היינט פאַר דעם יסוד פון דער גאַנצער וועלטקולטור — לכל הפּחות פון דעם וואָס מע רופט היינט מערב־ציוויליזאַציע. די גאַנצע וועלט איז אויפגעלויכטן געוואָרן פון אונדזער גייסטיקער ירושה, פון דער מורשה קהילת יעקב, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך אונדזערע אָבות אין אונדזער היימלאַנד.

אין משך פון די לעצטע פינף הונדערט יאָר פונעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל איז דאָס לאַנד געווען דער גייסטיקער צענטער פאַר דעם גאַנצן פאָלק אין גלות, און די לעצטע פופצן הונדערט יאָר האָט דאָס גאַנצע פאָלק געלעבט מיט דער האָפענונג אויף משיח און די תחיה פון פאָלק און לאַנד און אַ בענקשאַפט נאָך אונדזער ארץ־אָבות. הגם מיר האָבן אויפגעבויט

שידענע טיילן פון דער וועלט, האָבן מיר קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך ארץ ישראל.

דאָס אַלץ האָט אונדז איבערצייגט, אַז אונדזערע היסטאָרישע רעכט אין ארץ ישראל זענען ניט בטל געוואָרן דורך דער צייט און ניט פאַרלוירן געגאַנגען. אויף אָט דעם סמך איז געבוירן געוואָרן די ציוניסטישע באַוועגונג, אויף דעם סמך איז אונדז געגעבן געוואָרן די באַלפור דעקלאַראַציע, מיט דעם מאַנדאַט פון פעלקערבונד און דעם שפּעטערן באַשלוס פון „יו־ען". זיי אַלע האָבן אנערקענט אונדזערע היסטאָרישע רעכט, אָבער מיט דעם באַדינג — ווי עס איז אויפגעקלערט אין דער באַלפור דעקלאַראַציע — אַז אונדזערע רעכט טאָרן נישט מינדערן די רעכט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

ווייל אויב אונדזער כיבוש פון צוריק מיט דריי טויזנט יאָר און אונדזער לעבן אין ארץ ישראל אין משך פון אַזוי פיל יאָרן גיבן אונדז היסטאָרישע רעכט, איז דאָך קלאָר, אַז די אַראַבישע דעראָבערונג פון פאַר דרייצן הונדערט יאָר, און דער פאַקט, אַז זיי לעבן דאָרט עד היום, גיבן זיי נאָך מער רעכט. אמת, אַזוי איז עס.

ס'איז קיין מאָל נישט געווען אַ טייל פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע צוצונעמען ביי די אַראַבער זייער לאַנד. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געטענהט אַז ס'איז דאָ גענוג פּלאַץ אין לאַנד פאַר די אַראַבער און פאַר די מיליאָנען יידן וואָס וועלן אַהין קומען. איצט לעבן אין מערב פונעם ירדן (דער אמת איז, אַז אונדזערע רעכט זענען נישט ווייניקער אין מזרח פונעם ירדן) קנאַפּע פיר מיליאָן מענטשן, וואָס באַווייזט, אַז די ציוניסטישע טענהס זענען געווען באַרעכטיקט.

און זאָל קיינער נישט טענהן, אַז די אַראַבער האָבן דאָס רעכט נישט צו דערלויבן יידישע איינוואַנדערונג אין אָט דעם לאַנד. קיין שום לאַנד אין דער וועלט טאָר נישט טענהן, אַז סע וויל ווייטער לעבן פּרימיטיוו אויף גרויסע שטחים, בעת די אַלטע וועלט ווערט דערשטיקט אין זייער ענגן פּלאַץ. ס'איז טאַקע אַ חרפּה וואָס מ'האָט געטאָן צו די אינדיאַנער אין אַמעריקע, אָבער מ'טאָר קיין מאָל נישט זאָגן, גרויסע יידישע צענטערס איבער פאַר־ אַז די פּאָר מיליאָנען אינדיאַנער האָבן געהאַט דאָס רעכט זיך אַרומצויאָגן אויף זייערע פערדלעך איבער גאַנץ אַמעריקע, ווייל דאָס איז געווען זייער לאַנד, און נישט צו דערלויבן באָדן־הונגעריקע אימיגראַנטן צו קומען און אויפבויען דאָס גרויסע לאַנד, די פאַרייניקטע שטאַטן.

יאָ, אונדזערע היסטאָרישע רעכט אין ארץ ישראל זענען אַבסאָלוט מאָראַליש און באַרעכטיקט, און מיר האָבן אַלץ געטאָן בכדי צו בויען אַ שיין לאַנד צוזאַמען מיט די אַראַבער. יעדער ווייסט ווי מיר האָבן זיך ביי זיי געבעטן, נאָך דער דעראָבערונג פון חיפה, זיי זאָלן פון דאָרט נישט אַנטלויפן. מיר ווילן אַלע אינאיינעם אויפבויען אונדזער שותפותדיקע מולדת. דערפאַר רעד איך אין דעם דאָזיקן מאמר פון יידישע רעכט אין ארץ ישראל, נישט אויף ארץ ישראל.

היינט זענען מיר צופרידן וואָס די אַראַבער האָבן נישט געוואָלט אָננעמען דעם אָריגינעלן טיילונגספּלאַן, און וואָס זיי זענען אַנטלאָפן מיט דער כוונה מעגלעך צו מאַכן די פאַרטיליקונג פון אַלע יידן דורך די אַראַבישע אַרמייען. זיי האָבן דורך דעם געבראַכט אויף זיך אַן אומגליק, אָבער אונדזער שולד איז עס נישט. ידינו לא שפכו את הדם הזה!

לאָמיר נאָר האָבן שלום, וועט די גאַנצע וועלט זען ווי דאָס גאַנצע אַראַבישע פּליטים־פּראָבלעם וועט זיין געלייזט אין דעם לאַנד ארץ־ישראל־פּלשתינה, וואָס איז אונדזער און זייער לאַנד. און נאָך מיליאָנען יידן וועלן האָבן פּלאַץ צו באַזעצן זיך אין דעם געבענטשטן לאַנד. מיר ווילן שלום און מיר ווילן ברענגען אַ ברכה אויף אונדזער לאַנד און אונדזערע שכנים. מיר זענען שטאָלץ צו זיין גוטע סאָלדאַטן, בכדי צו פאַרטיידיקן אונדזערע לעבנס און בלייבן אין אונדזער לאַנד, אָבער נאָר צו פאַרטיידיקן זיך און נישט בכדי צו באַהערשן אַנדערע. גאָט גיט אונדז כוח, בכדי צו זיכערן דעם שלום, ווי שוין דוד המלך האָט נאָר געוואָלט שלום, ווי סע שטייט געשריבן (תהילים כ"ט:י"א): „ד' עוז לעמו יתן, ד' יברך את עמו בשלום".



לילי בערגער / פּאַריז

# גאָלדזוכער

(דערציילונג)

סטעפאַן קוזמא איז אַ געלאַסענער, סטאַטעטשנער פּויער, קיין מאָל קיינעם קיין עוולה נישט געטאָן, נישט אָפּגענאַרט, נישט באַגנבעט, און שטענדיק אויסגעמיטן מחלוקות מיט די אַרומיקע פּויערים. האָט עמעצנס אַ קו אָדער אַן אַנדער פיר־פיסיק באַשעפעניש פאַרקראָכן אויף זיין פעלד, האָט ער געהייסן זיין עלטסטן, פערצן־יאָריקן זון יאַנעק, באַלייגן די בהמה מיט אַ שטעקן, קיין מאָל ניט געפאָדערט פאַרגיטיקונג, וויפל די בהמה האָט זיך אָנגעפרעסן — איז אירס, אַרומקריגן זיך דערפאַר איז ניט כדאַי. אָבער פּויערים פון דער אַרומיקער געגנט זאָלן קומען גראָבן אויף זיין ערד און זיך אָנשטאָפּן די קעשענעס — דאָס וועט ער ניט דערלאָזן! אָ, דאַן איז ער גרייט אויף אַלעמען. ער, קוזמא נעמט ביי קיינעמען גאָרנישט, קומט קיין מאָל ניט אויף יענעמס און וועט ניט לאָזן מ'זאָל קומען אויף זיינס. זיינס איז זיינס.

— גנבים, באַנדיטן, היעגעס! זאָלן זיי גיין גראָבן ווו זיי ווילן, נאָר נישט אויף מיין פעלד, כ'על אַראָפּיאָגן מיט אַ שטעקן, כ'על ברעכן די ביינער, כ'על זיי ווייזן...

אַזוי האָט סטעפאַן קוזמא, אַ רויטער פון כעס, פאַרגעהאַלטן פאַר זיין באַבע און זיין עלטסטן פערצן־יאָריקן זון יאַנעק.

— ביסט שטאַרק אין פּיסק, מיט מיר קאָנסטו אַלץ, אָבער מיט זיי? לאַכן זיך אויס פון דיר, גראָבן וויפל זיי ווילן, און דו? דו בלייבסט ביים רעדן, אין שטוב אַ בריה.

דאָס ווייב האָט אים אַריינגעשלאָגן אין אַמביציע. אַ באַבע ווייזן אַז ער טויג זיך נישט אויס, ביי איר נאָך בלייבן אַ טויגעניכץ וואָלט שוין צופיל געווען. קיין לייכטע זאַך איז דאָס אָבער פאָרט נישט.

פון די זיבן זאַמדיקע מאָרגעס ערד, זענען צוויי מאָרגעס געלעגן באַזונדער, ווייט פון זיין באַלעבאַטישקייט, העט ביים סאַמע וועלדל. יענץ שטיקל ערד האָט ער געהאַט באַקומען אין נדן, ווען ער, סטעפאַן, אַ 26־יאָריקער אַלמן, האָט מיט פופצן יאָר צוריק חתונה געהאַט מיט זיין איצטיק ווייב. פון אָנהייב אָן האָט ער געהאַלטן, אַז מ'האָט אים אָפּגענאַרט מיטן נדן. אַחוץ דעם האָט ער מיט די צוויי מאָרגעס רק צרות. די דייטשן האָבן אויסגעקליבן אויף אַ לאַגער פאַר יידן יענע זאַמדיקע געגנט צווישן די סאָסנע וועלדלעך. קיין רייד נישט געווען ער זאָל דעמאָלט קאָנען אַראָפּנעמען דאָס ביסל קאַרטאָפליעס. סטעפאַן קוזמא האָט דעמאָלט פאַרביסן די ציין און געשוויגן. מלחמה איז מלחמה און דייטשן זיינען דייטשן. אָבער איצט? איצט ווען יענע האָט מען פאַרטריבן און ער איז צוריק באַלעבאָס פון זיין ערד?

וואָלטן די צוויי מאָרגעס געלעגן הינטערן נאָז, ווי דאָס איבעריקע, וואָלט ער, קוזמא זיך אַן עצה געגעבן, ער וואָלט זיי אָנגעריבן אַ מאָרדע, נישקשה, ער וואָלט זיי געוויזן וואָס הייסט אַרומרודערן אויף זיין ערד. דאָס אומגליק וואָס די צוויי מאָרגעס ליגן ווייט, ער קאָן זיך דאָרט ניט אַוועקשטעלן היטן. קומען די שלעמעס ווי גנבים הינטער זיינע אויגן שאַברעווען אויף זיין פעלד, זיפּן מיט גרויסע זיפּן דורך זיין זאַמד אויסצוגעפינען גאָלדענע ציין און אַנדערע קאָסטבאַרקייטן. פרעמדע מענטשן, צומאָל נישט קיין שכנים, קומען פון ווייטע דערפער און גראָבן מיט לאָפּעטעס אין זיין ערד, וואָס ער האָט באַקומען אין נדן, באַלעבאַטעווען אויף זיינס, מאַכן אים אָן גריבער, זוכן פאַרשטעקט יידיש גאָלד. ווייניק פאַר די דייטשן זיך אויסגעשטאַנען, דער רויך און געשטאַנק האָט געגרייכט ביז זיין כאַטע, טייל מאָל האָט אַזש געאיבלט פון גערוך פון די געברענטע לייבער. איצט קומען זיי פון ווייטע דערפער צום גרייטן, אָנשטאָפּן זיך די קעשענעס.

קוזמא האָט איין מאָל געהאַט אַוועקגעשטעלט פאַרטאָג אַ וואַך — זיין פערצן־יאָריקן זון. יאַנעק האָט געוואַכט אויף זייער פעלד, די באַבעס האָבן געזיפּט

און די מאַנסבילן האָבן געגראָבן מיט לאָפעטעס. דאָס ייִנגל האָט זיך געלאָזט אין גאַלאָפ, ווי אַ וויכער געקומען צולויפן און אַ פאַרסאַפעטער קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— זיי גראָבן!

קוזמא האָט אויף גיך איינגעשפאַנט דאָס פערד, באַלייגט עס גוט מיט דער בייטש און ס'האָט נישט לאַנג גענומען ווי טאַטע און זון זיינען געווען אויפן אָרט. די שעלמעס האָבן אָבער דערשנאַפט, אַז מ'האָט זיי נאָכגעשפירט — האָבן זיך שנעל אָפגעטראָגן. צוויי באַבעס בלויז האָבן גענישטערט אין זאַמד אויפן שכינותדיקן פעלד. יאַנעק האָט געשווירן ביי גאָט און ביי דער הייליקער מוטער, אַז ער האָט זיי ביידע געזען אויף זייער אייגנס, נאָר גיי טענה מיט באַבעס, אַז האָסט זיי נישט געכאַפט ביי דער האַנט.

— נישט דיין עסק, דאָ איז נישט דיינס, היט בעסער דיין באַבע זי זאָל נישט קריכן צום אָרגאַניסטער און אונדז לאָז צורו — האָט אַ קיילעכדיקע באַבע מיט אַ רויט פנים אָפגעענטפערט סטעפאַנען.

— דו גראָבסט דען נישט? דו טאָרסט און מיר נישט? — האָט די צווייטע באַבע אים געגעבן אַ גאָב.

קוזמא וואָלט געוווסט וואָס ער האָט צו טאָן, ער וואָלט זיי גוט אָנגעלערנט. ער, סטעפאַן קוזמא ווייסט גוט, אַז די מאַכט האָט פאַרבאָטן צו גראָבן אין אַזעלכע ערטער. ס'איז אָבער אַ שטעקן מיט צוויי עקן. די שעלמעס ווייסן, אַז ער גראָבט אויך, גייט שפילט זיך מיט זיי! ס'איז טאַקע אַ גרויסער אונטערשייד צווישן זיי און אים, ער גראָבט אויף זיין אייגן פעלד, וואָס ער האָט באַקומען אין נדן, זיי גראָבן אויף פרעמדס, האָבן נישט קיין רעכט צו נישטערן אויף זיין ערד. גייט אָבער גיט דאָס צו פאַרשטיין דער מיליציע. פרעמדס אָדער אייגנס, וואָס איז זיי אַ נפקא מינה? ווער טראַכט זיך היינט אַריין אין אַזעלכע זאַכן? אַז מען טאָר נישט, טאָר מען נישט, וועלן זיי זאָגן.

אָ ניין, ער, סטעפאַן קוזמא האָט נאָך דעם שכל נישט פאַרלוירן. ס'וואָלט געווען דאָס זעלבע ווי זיך אַרויסנעמען ביידע אויגן אַבי ביי יענעם אויסדראַפן איין אויג. ניין, נאָר מיט דער מיליציע נישט האָבן צו טאָן, מען מוז זיך אַליין אַן עצה געבן.

מיט אַלע אויף איין מאָל וועט ער סיווי זיך קיין עצה נישט געבן, מען דאַרף פרייער אָנלערנען איינעם, ער וועט זיך נעמען צום לאָמען יוזעף, יענער גראָבט אַליין, ווייסט ווו צו גראָבן, ווייסט וועגן די זאַכן מער ווי אַלע אַנדערע צוזאַמען, ער איז מיט די דייטשן געווען ווי אַ שטערצל צו אַ טעפל, געטרונקען מיט זיי ברודערשאַפט, מיטן הינקנדיקן פיסל דעמאָלט אומעטום אַרומגעטאַנצט. היינט נישטאָ וואָס פאַר אים מורא צו האָבן.

אָהאָ, קוזמא האָט נאָך אַ קאָפ אויפן קאַרק, קען נאָך עפעס צוטראַכטן. ער וועט נישט איינרייסן מיט אַלע פאַר אַמאָל, שטענדיק אויסגעמיטן קריגערייען, קיין מאָל אויף יענעמס נישט אָנגעשטאַנען. אָבער זיינס וועט ער אויך נישט לאָזן רירן, ער וועט אָנהייבן פון לאָמען, ס'וועט אָפשרעקן די אַנדערע אויך.

* * *

דער לאָמער יוזעף וווינט אין דריטן דאָרף, ווייטלעך פון דאַנען. אַראָפכאַפן זיך דאָ אַהער אָט אַזוי איינס־צוויי איז נישט פאַר אים. קוזמא פאַרשטייט אויך, אַז אַזאַ פאַרשוין קומט ניט גראָבן אויף לייטישע אויגן, יענער זוכט נישט צוזאַמען מיט די באַבעס אין זאַמד. יאַנעק האָט אים שוין געהאַט אַמאָל געזען אַ זונטיק אינדערפרי, דאָס איז מסתמא זיין צייט.

סטעפאַן קוזמא האָט פאַרטראַכט אַ פלאַן: אַ זונטיק פאַרטאָג האָט ער מיט יאַנעקן זיך פאַרשטעקט צווישן די נידעריקע, שטעכיקע ביימלעך ווייטלעך פון זיין פעלד, אָבער גענוג נאָענט צו קאָנען אַרומנעמען מיטן אויג דאָס גאַנצע אייגנס. טאַטע און זון זענען אָפגעלעגן אַ שעה צייט און געמיינט, אַז ס'וועט שוין פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען. די סעפטעמבער לופט האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעשאַרט פון האָריזאָנט, אָנגעהויבן וואַרעמען די לופט. קוזמאן האָט דאָס נישט געוואַרעמט, קאַלעמוטנע איז אים געוואָרן אויפן האַרץ, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין ווייב, זי וועט ווידער קאָנען זאָגן, אַז ער איז שטאַרק בלויז אין פיסק, מיט איר. פלוצלינג האָט יאַנעק שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ר'איז דאָ!

סטעפאַן קוזמא האָט אויסגעצויגן דעם קאָפ, אויסגעבאַלושעט די אויגן, אָנגעשפיצט די אויערן ווי אַ יאַגד־הונט. ער



האָט איצט דייטלעך געזען, ווי דער הינקענדיקער יוזעף טרעט אויף זיין אייגנס, וואָס ער האָט באַקומען אין נדן, ווי יענער קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטן, פאָרשט מיט זיינע גנבישע, שפיציקע אויגן, שטעלט זיך דערנאָך אָפ ביים רעכטן ראַנד פעלד נישט ווייט פון די סאָסנע ביימלעך, נעמט אַרויס פון הינטער דער קורטקע אַ קורצע לאָפעטע און הייבט אָן גראָבן.

— ער גראָבט! — האָט יאַנעק ווידער מודיע געווען.

— שווייג! זאָל ער . . .

קוזמא האָט אים געלאָזט גראָבן, ווייטער געלעגן און געקוקט שפיציק, נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון לאָמען יוזעף. ערשט ווען יענער האָט אַרויסגעלאָזט די לאָפעטע און זיך אָנגעבויגן, האָט ער זיך אויפגעריסן און געלאָזט זיך לויפן מיטן שטעקן אונטערן אָרעם. יאַנעק האָט מיט זיינע פלינקע פיס אים איבערגעיאָגט, ווי אַ וויכער דורכגעלאָפן דאָס פעלד און צוגעפאַלן צום לאָמען יוזעף מיט אַ געשריי:

— פאָטערל, ער האָט געפונען, אויף אונדזער פעלד אויסגעגראָבן אַ שאַכטעלע, ר'האָט באַהאַלטן, דאָ, דאָ.

יוזעף האָט באַוויזן דאָס אויסגעגראָבענע שאַכטעלע צו פאַרשטיקן אין בוזעם, ביז קוזמא האָט זיך דערנענטערט האָט ער פאַרקנעפלט די קורטקע און געכאַפט זיך צו דער לאָפעטע, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך פאַרטיידיקן. קוזמאס כעס איז געשטיגן:

— כ'על דיר ווייזן גראָבן אויף מיין ערד! — האָט ער מיט דראָאונג געוויזן דעם גראָבן שטעקן — גיב אָפ מיט גוטנס! כ'על דיר דאָ באַלד . . .

— נישט דיינס, דאָס פעלד דיינס, אָבער דאָס אויסגעגראָבענע נישט דיינס, ס'איז פון די יידן, געהער עס צו אַלע, צו יעדערן.

— צו יעדערן? כ'על דיר באַלד ווייזן צי ס'געהערט יעדערן, אויף מיין ערד גראָבן? אויף מיין אייגנס?

— די ביינער אויך דיינס? — האָט יוזעף אָנגעוויזן אויף מענטשלעכע קנאָכנס

— נישט דיינס, וואָס?

— אויף מיין ערד אַלץ מיינס! מיינס וואָס האָסט אויסגעגראָבן, כ'על דיר ווייזן גראָבן אויף מיינס, כ'על דיר . . .

און בעסער צו באַשטעטיקן זיינע ווערטער האָט ער אַראָפגעלאָזט דעם שטעקן איבערן לאָמען יוזעף.

יוזעף האָט אַרויסגעלאָזט אַ שפיציקן קוויטש, ווי אַן איבערגעפאָרענער הונט, איינגעקאָרטשעט זיך און מיט ביידע הענט עקשנותדיק צוגעהאַלטן דעם בוזעם. דער קוויטש האָט פאַרהאַלטן קוזמאַס שטעקן אין דער לופטן. ווי גיך יוזעף האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין סטראַטעגיע האָט געווירקט, האָט ער זיך ערשט צעשריגן ווי מען וואָלט אים געקוילעט. סטעפאַן קוזמא וואָלט זיך מיט יוזעפס געשרייען נישט איבערגענומען, און אַן עצה וואָלטן זיינע געשוואָלענע הענט זיך געגעבן אויך אָן אַ שטעקן. קוזמא איז אָבער אַ מענטש אַ סטאַטעטשנער, וואָס מיידט אויס לייטישע גערעדערייען. זונטיק אין דער פרי גייען די פויערים אין קלויסטער און יוזעפס ליאַרעמען האָט געקאָנט עמעצן פון דער ווייטנס צוציען. ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און אָנגעוואָנדן אַ אַנדער טאַקטיק:

— יאַנעק, נעם אַראָפ דאָס היטל, מ'עט דעם חזיר פאַרשטאָפן דאָס מויל. ער וועט פאַרשפאָרן זיך רייסן דעם האַלדז. מירן דערנאָך זען וועמענס ס'איז וואָס מ'גראָבט אויס אויף מיין ערד.

די ווערטער האָבן געווירקט מער ווי דער שטעקן. יוזעף האָט אַ צעטומלטער זיך אויפגעריסן, גענומען זיך וואָקלען אויף די קרומע פיס, די אונטערשטע ליפ האָט אָנגעהויבן אונטערשפרינגען, ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען און אָנגעבאָטן אַ שותפות:

— טאָ לאָמיר . . . לאָמיר בשותפות. מיר קאָנען ביידע . . . פאַר וואָס ווילסטו מיך באַרויבן? וואָס בין איך, אַ ייד? ביידע קריסטן. איך אַ קריסט, דו אַ קריסט. דאָס געפונענע איז יידישס, ס'געהערט קיינעם. דאָס פעלד דיינס, אָבער איך האָב געפונען, געוווסט ווו צו גראָבן. נו, געהערט עס מיר און דיר אויף גלייך. מ'עט צעטיילן, כ'באַשטיי, אויף גלייך . . .

פון אָנהייב האָט ער זיך געקרעקט מיט די ווערטער, דערנאָך זיי אַרויסגעוואָרפן גיך־גיך, ווי די שרעק וואָלט זיי אַרויסגעשטופט. סטעפאַן קוזמא האָט בייז געקוקט אויף אים און פאַרדעכטיק געשוויגן. דאָס שווייגן האָט יוזעפן נאָך מער דערשראָקן, ער האָט אין איילעניש צוגעוואָרפן:

דערע יידן", וואָלט איך אים געענטפערט, „דו ביסט ניט משיח", אַזוי האָט געזאָגט אַ רבי . . . ווייל, ווי זאָגט דער בעש"ט, דער אמתער צדיק וואָס האָט אין זיך קיין שלעכטסקייט ניט, זעט אויך ניט קיין שלעכטסקייט אין קיינעם ניט — אַלע זיינען גלייך אויפן וועג צו העכערע מדריגות.

— אָדער ווי עס זאָגט זיך ביי חסידים, „אמתע גרויסקייט דאַרף ניט קיין גאָלדענע שטול".

אליעזר שטיינמאַן, אין זיין פּראַכטיק בוך „שער חסידות", דערקלערט חסידות אַזוי: „ווער עס גייט אַריין אין היכל החסידות פילט ער צייטנווייז אַזוי ווי ער וואָלט געשפּאַצירט אין אַ טעמפּל פון בלאָנדזשעניש אין היכל התועים".

אָט ווי איינער גייט אַריין אין אַ סאָד אַריין וואָס געפינט זיך ביי אַ לעבעדיק קוואַליקן וואַסער. פאַראַן דאָרטן פּראַכטיקע ביימער, שיין אויפן אויסזען און מיט גוטע פּירות צו עסן, אָבער עס זיינען פאַראַן אויך ליידיקע ביימער, ווערבעס, און בלויז דורך שווערער מי, מיטן שווייס אויפן פּנים קען מען זוכה זיין צו עסן פון די גוטע פּירות. אַ סך צווייגלעך זיינען פאַרפּלאָנטערטע, דערנערדיקע, אָנגעפילט מיט שטעכלקעס. די ביימלעך וואַקסן נידעריק. די גוטע פּירות דאַקעגן געפינען זיך אויף הויכע ביימער מיט אַ שיעור קומה, וואָס עס איז שווער צו דערגרייכן צו זייערע שפּיצן.

יעדער גאַנג צום אמת און צו אמתער גרויסקייט איז פול מיט שטרויכלונגען. אַ סך מאָל ווערן די קריכער מיד, דראַפּען זיך ניט אַרויף צו די העכסטע הויכן, און צו פאַרענטפערן זייער פוילקייט זאָגן זיי:

— ניטאָ קיין זאַפטיקע פּרוכט דאָרט אויבן.

„מען קען גאָרניט אַרויסנעמען פון די פּירות און מען קען גאָר ניט אָפּלערנען פון זייער וואַקסן, פון זייער צייטיקן".

וואָלטן אַזעלכע פאַמעלעכע קריכער כאָטש געשוויגן. אָבער זיי ווילן פאַרדעקן זייער פּחד פאַר גרויסקייט, זייער מורא צו קוקן גלייך אַרויפצו, צוליב דער זון וואָס וואַרפט פולע זשמענעס שטראַלן . . . זאָגן זיי געוויינטלעך מבינות, אַז ס'איז דאָרטן גאָר ניטאָ, גאָרניט.

די וואַגנדיקע צווישן אונדז, די וואָס האָבן אין זיך ריזיקע כוחות צו דראַפּען זיך אויף די ביימער־ריזן פון חסידות, זעטיקן זיך אַליין און פון די פּירות פון זייער מי, געניסן דורות גאַנצע נאָך זיי.

איבער דער סודותדיקער הויכקייט און טיפקייט איז נאָך אַלץ ביי אונדז ניטאָ קיין גרונטאָוונע שטודיע וועגן חסידות. אָבער פון דעם ביסל וואָס עס איז יאָ פאַראַן, קען מען אויך גאָר אַ סך לערנען. טאָ זאָל יעדער צוטראָגן זיין חלק אין אויפקלערן צו אַנדערע בכדי יעדער זאָל קענען שעפּן כפי זיינע אינטעלעקטועלע כוחות.

פאַראַן אַ טיפע פילאָזאָפיע אין חסידות, און דער וואָס ווערט פאַרכאַפּט פון דעם נאָר איבער דעם שיינעם ניגון, איבער דער פאָלקסטימלעכער מעשה, איז הגם ער האָט זיין טעם יאָ געפילט, האָט ער זיך אָבער ניט דערגרונטעוועט צו דעם תוך־תוכה פון חסידישער גרויסקייט . . . אַ שטייגער ווי מען זאָגט: גמרא גמר זמרתא תהא, לערנען גמרא צוליב דעם ניגון . . .

חסידות איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ סך וואונדערלעכע לעגענדעס און סיפּורי מעשיות, מיסטעריעס, פאַרהוילנקייטן, אַזוי אַז ס'איז שווער פאַנאַנדער צו טיילן דעם וואָר פון חלום, פאַנטאַזיע פון רעאַלקייט.

קאַרגע דריטהאַלבן הונדערט יאָר זיינען אַריבער פון ווען עס איז אויפגעקומען דאָס חסידות. מיט שטורעם און דראַנג, מיט אַ סך מי און קאַמף, האָט חסידות דורכגעבראָכן זיין וועג פון דור צו דור. זיין חוצניות, זיין אויסערלעכע פאָרם האָט זיך געענדערט לויט דער צייט און לויט דעם אָרט, אָבער זיין פּנימיות, זיין דורכאויסיקער גייסט איז פאַרבליבן שטאַנדהאַפטיק. אַפילו היינט, ביי דער ירידה פון אָריגינעלן התלהבותדיקן חסידות, נאָך היינט דינט זיין גייסט ווי אַן אָנשפּאַר און אָנלען פאַר אַ סך יידן אין אַ סך לענדער.

חסידות איז דער לעצטער רינג אין דער קייט פון יידישן מיסטיציזם וואָס שנירלט זיך דורך דער יידישער געשיכטע פון דעם גאָר ערשטן אָנהייב, פון די נביאים, די אסיים, דורך דער אַגדה, משנה, תלמוד, מדרש און קבלה און ביז דער היינטיקייט.

די דאָזיקע אַלע שטרעמונגען ריזלען פון איין קוואַל, און טראָגן אין זיך די זעלביקע כאַראַקטעריסטישע סימנים, פון יידישער נצחיות, פון אייביקייט, פון איינסופיקייט פון יידישן פאָלקסלעבן.

די מיסטישע פונקען האָבן קיינמאָל ניט



אויפגעהערט גליען אין דער נשמה פון יידישן פאָלק. ס'פלעגט אָפט אויסזען, אַז די פונקען, אָט גייען זיי אויס, אָט גייען זיי אונטער, אָבער פּלוצלינג פלאַקערן זיי ווידער אויף און אַנטפּלעקן זיך. מיט גרויס קראַפט האָבן זיך די יידיש־מיסטישע פונקען אָנגעצונדען און זיך אַנטפּלעקט דורך חסידות.

חסידות איז די גרויסע רעליגיעזע באַוועגונג אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך טיף איינגעוואָרצלט אין דעם האַרץ און אין דער נשמה פון פאָלק. ניט געקוקט אויף דער שטאַרקער קעגנערשאַפט מצד דעם אָפיציעלן תלמיד־חכמ'שן יידנטום. ניט געקוקט אויף אַלע אַמאָליקע פאַרפאָלגונגען, איז דאָך חסידות געבליבן פעלדזנפעסט און האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע השפּעה אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דעם יידישן פאָלקסלעבן ביז אויף דער היינטיקער צייט.

עס איז בלי שום ספק, אַז אַלע מאָדערנע באַוועגונגען ביי יידן, דער ציוניזם אין אַלע זיינע אָפּצווייגונגען און וואַריאַציעס, דער יידישער סאָציאַליזם, אפילו בונדיזם זיינען געזעצלעכע קינדער פון דער אידעען־וועלט פון חסידות. זיי זיינען די יוצאי חלציו פון דעם הימליש־קבלהדיקן, פון דעם מיסטיש־סודותדיק־אידעאַליסטישן, אַזוי גוט ווי פון דעם ערדיש־דעמאָקראַטישן, פאָלקסטימלעך־פּשוטן פאָלקס כאַראַקטער פון חסידות.

אינעם גרויסן אוצר פון יידישן פאָלקסשאַפן, וואָס איז אַזוי רייך מיט פאַרשידענע מאָטיוון און טעמעס, זיינען די חסידישע שאַפונגען פון די סאַמע באַליבטסטע און טייערסטע. דאָס זיינען די סאָציאַלע און קינסטלערישע מאָטיוון פון און וועגן די שעפער און פירער פון דער דאָזיקער פאָלקס באַוועגונג.

יעדע מעשה, יעדעס ליד, יעדער געזאַנג וועגן בעל שם טוב, וועגן רבי לוי יצחק מבאַרדיטשעוו און די אַנדערע, נעמען אַריין אין זיך די פיל קאָלירעוודיקייט און פיל זייטיקייט פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג.

די חסידישע באַוועגונג, וואָס איז אויפגעקומען נאָך די דערשיטערנדיקע שבתי צבי און פראַנק באַוועגונגען, וואָס האָבן שיער ניט אונטערגעגראָבן די יסודות פון יידישן פאָלקסלעבן, פון אונדזער פאָלקס אמונה, האָט געשפּילט אַ דערמוטיקנדיקע ראָל אין דער פאַרשטאַרקונג און פאַרפעסטיקונג פון אונדזער יידישן לעבן, וואָס איז פּשוט אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון דער געפּלעפטקייט וואָס די פאַלשע משיחים האָבן נאָך זיך געלאָזן, צוזאַמען מיט חלומות ניט מקוים געוואָרענע, פון אַן אויסזיכטלאָזן מאָרגן אין יידישן לעבן.

חסידות האָט אויפגעהויבן דעם יידישן פאָלקסמענטש אין חשיבות אַריין, און איז דערפאַר געווען ניט בלויז אַן אָפּאָזיציע צום רבנישן פאָרמאַליזם, צו דער איינגעשטעלטקייט פון תלמיד חכם קעגן עם הארץ, נאָר איז געווען לויט דעם גאַנצן באַנעם אַ סאָציאַלע און מאָראַלישע באַוועגונג, וואָס האָט אויסגעגלייכט דעם געבויגענעם און אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ חשובן אָנגעזעענעם אָרט אין דעם ציבור לעבן.

חסידות האָט געוועקט האָפענונגען און זיי געשטאַרקט, אַריינגעגעבן פרייד אין לעבן, אין דעם רעליגיעזן לעבן. עבדו את ה' בשמחה איז געוואָרן אַ געבאָט ביי חסידים. דינט גאָט מיט פרייד, מיט חדווה מיט שמחה.

די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט צוויי פּעריאָדן אין דער אָפּשאַצונג פון חסידות. די השכלה ליטעראַטור האָט אָפּגעשאַצט חסידות ווי אַ נעגאַטיווע דערשיינונג. דער מעטאָד פון דער השכלה איז געווען די בייזע סאַטירע. דער צדיק, דער רבי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי אַן איינפאַכער שווינדלער. פּאַראָדיעס האָט מען געמאַכט איבער רבינס תורה זאָגן. די חסידים האָט מען געהאַלטן פאַר אָפּגענאַרטע וואָס לאָזן זיך פאַרפירן. „חסידות איז אַ גענאַרטע וועלט", הייסט עס אין דער דאָזיקער ליטעראַטור פון אַקסענפעלד, לינעצקי, וואָס האָבן רק אַרויסגעבראַכט די טונקעלע זייטן פון דער חסידישער מעשה.

אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען אין דעם ליטעראַרישן נעאָ־חסידיזם פון פּרץ, בובער, בערדיטשעווסקי און אַנדערע. דאָ איז דער רבי אידעאַליזירט געוואָרן ווי אַ פּערזענלעכקייט פון אַ דערהויבענער מדרגה. דעם רבינס תורה איז געגעבן ווי אַ פאַרטיפטע פילאָזאָפיע, די חסידים ווי די פונקען וואָס ציען זיך צום גרויסן פלאַם, צום צדיק.

דער נעאָ־חסידיזם האָט באַווירקט ניט נאָר די מאָדערנע יידישע באַוועגונגען, נייערט דאָס שאַפן און דענקען פון אַ סך יידישע קינסטלער און דענקער.

די יידישע אגדה דערציילט: דאָס ליכט וואָס גאָט האָט באַשאַפן דעם ערשטן טאָג, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען וואָלט מיט אים געקענט זען די גאַנצע וועלט פון איין עק ביזן אַנדערן, אין איין הרף עין. אָבער גאָט האָט געוואוסט, אַז עס וועלן קומען זינדיקע דורות, אַז ער וועט דאַרפן ברענגען אַ מבול, צעמישן די לשונות. האָט גאָט געזען, אַז מענטשן וועלן ניט ווערט זיין די פרייד פון לעבן אין אַזאַ בראשיתדיקן ליכט. האָט ער צוגענומען פון דער וועלט זיין ליכט — דאָס ליכט פון דעם ערשטן באַשאַפענעם טאָג און ער האָט עס פאַרבאַהאַלטן פאַר די אמתע צדיקים. עס טרעפט זיך, אַז בלויז איינער אין אַ דור, אָדער אפילו אין עטלעכע דורות זאָל האָבן דעם זכות צו דערזען די וועלט דורך דעם בראשיתדיקן ליכט, און דעמאָלט שיינט אַרויס דורך זיינע מעשים, דורך זיינע שאַפונגען, און עס קוועלט אַרויס פון זיין נשמה די חדווה פון דעם בראשיתדיקן ליכט.

און דאָס ליכט שפיגלט זיך אָפּ אין די יעניקע וואָס זייערע נשמות בענקען נאָך אַ תיקון, און דאָס ליכט דערפילט דער גאָט געבענטשטער, דער אמתער קינסטלער.

און עס האַלט פרק, און עס האַלטן די אַנדערע וואָס זיינען געגאַנגען אין דעם נעאָ־חסידישן וועג, אַז דער קיטעווער ליים־גרעבער, דער בעש״ט, וואָס האָט מיט העכער צוויי הונדערט יאָר צוריק געשפּאַנט און געוואַנדערט איבער די סטעזשקעס צווישן דער קייט קאַרפּאַטן בערג אויף דער מאָלדאַווישער ערד, אָט דער וואָס האָט זיך צוגעהערט צום שאָרך פון יעדן גרעזל און גאָטס באַשאַף — אַז ער איז געבוירן מיט גאָטס בראשיתדיקן ליכט אין זיין נשמה.

אָט ווי עס זינגט דער פּאָעט איציק מאַנגער וועגן בעש״ט:

מיט שטילע טריט גייט ער דאַן אַהיים,
אַהיים צו זיין כאַטע פון ציגל און ליים,
און זעצט זיך אַנידער אויפן שוועל,
און וואַרט אויפן ערשטן פויגל טרעל . . .
און וואַרט אויפן ערשטן טראָפּן זון . . .

און איידער דער טאָג האָט אויפגעטאָגט,
האָט ער שטיל צו זיך אַליין געזאָגט:
„דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און פון אַ
גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ
האָז —
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט
פון רו.
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו . . .

מיר פילן אין חסידות, די זאַפטיקע ריחות פון דער לאַנדשאַפט, פון דעם הימל און פון די שטערן אין די קאַרפּאַטן בערג, דעם גערוך פון די ליימיקע מאָלדאַווער הרודעס און פון דעם געדיכטן וואַלד, דעם ריח פון די פּוילישע וועלדער.

דער בעש״ט האָט אויף די קאַרפּאַטן בערג דערשפּירט דעם אָטעם פון דער פאַרכישופטער סודותדיקער וועלט, ער האָט פאַרנומען אַלע קלאַנגען און זילבן פון דער נאַטור, דעם ציטער פון אַ בלאַט און דעם שאָרך פון אַ זאַנג וואָס וויגט זיך ווי אַ תפילה איבער באַרג און איבער טאָל.

רבי נחמן בראַצלאַווער, דער גרויסער דיכטער פון חסידות, האָט אין זיינע יונגע יאָרן לאַנג פאַרבראַכט אין פעלד און אין וואַלד. דאָרט פלעגט ער זיך באַהעפטן מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור — דאָרט, אין התבודדות, האָט ער באַנומען דעם לשון פון די פלאַנצן, דעם לשון פון יעדן בעל חי, פון די תבואה־זאַנגען וואָס האָבן זיך געוויגט ווי כוואַליעס אין ים.

ער פלעגט זאָגן: „ווען די גראָזן און שפּראָצונגען דערוואַכן, איז גוט צו זיין אַליין אין פעלד. דאָס שפּאַצירן אַליין איז אַ תפילה, אַ גלוסטעניש און בענקעניש צו גאָט“.

די גרעזלעך, די שפּראָצונגען, ווערן אַריינגענומען און באַהאָפטן אין דער תפילה און אין דער בקשה. „עס איז גוט פרום צו זיין צווישן פעלדער, גראָזן און ביימער“, האָט דער בראַצלאַווער געזאָגט.

וועגן שניאור זלמן לאַדיער, דעם בעל התניא, דערציילט מען: ער האָט אַ מאָל געפרעגט זיין זון: „מיט וואָס דאַוונסטו?“ „מיט כוונה“, האָט דער זון געענטפערט, „איך דאַוון מיטן פּסוק וכל קומה לפניך תשתחווה“. „און איך דאַוון“, האָט דער



בעל התניא געזאָגט, „מיטן פויגל אויפן בוים, מיטן רויש פון ווינט, מיטן שאָרך פון בלעטערפאַל“.

דורך דער ליבשאַפט צום באַשעפער איז ער געקומען צו דער ליבשאַפט פון באַשאַף. „ווען דו קוקסט אויף דער וועלט קוקסטו אויפן בורא יתברך שמו“, האָט רבי מאָטעלע טשערנאָבילער געזאָגט.

די חסידים הראשונים האָבן געהאַלטן, אַז מען קען מתפלל זיין מיט גרויס כוונה ניט נאָר אין שול אָדער קלויז, נייערט אויך אין רואיקע וועלדער, אויף די בלויקייטן פון די וואַסערן און ביי דער לבנה, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער אָזערע.

אַ רירנדיקע מעשה ווערט דערציילט וועגן משה פּאַסטעך, וועמען דער בעש״ט האָט אַמאָל באַגעגנט אין די קאַרפּאַטן בערג. משה פּאַסטעך האָט ניט געקענט קיין חומש און ניט אפילו קיין פּשוטע עברי. ווען דער בעש״ט האָט אים געפרעגט, ווי אַזוי ער דינט גאָט — האָט ער געענטפערט, אַז ער טוט צוויי זאַכן: אין דער פרי, ביים זון אויפגאַנג, הייבט ער אויף די הענט צום הימל און זאָגט אַזוי־אָ: „גאָטעניו, גאָטעניו, כ׳האָב דיך אַזוי ליב, אַז ווען דו זאָלסט האָבן טשערעדעס שאָף, וואָלט איך זיי פּאַשען אומזיסט“ . . . און ביי זון אונטערגאַנג שפּרינגט ער פון איין גרוב איבערן אַנדערן און זאָגט: „גאָטעניו, גאָטעניו, דאָס טו איך פון דיין ליבן נאָמענס וועגן“ . . .

וואָרים חסידות דאָס איז אגדה, דאָס איז פאָלקסטימלעכקייט. אין קעגנזאַץ צו הלכה, געזעצלעכקייט, רבנישע פאַרקלערטקייט.

עס איז, למשל, אַ ווייטער מהלך פון תורה ביז חומש . . . די תורה איז פאַרריגלט, פאַרחתמעט. מען קען קיין אות ניט אַראָפּנעמען און קיין אות ניט צוגעבן. אָבער דער חומש איז אַזוי פריי פאַר אַגדות און מדרשים, פאַר פאָלקסמאָטיוון און פאָלקסמעשיות. פאַר דער תורה האָט מען מורא, אָבער מיטן חומש איז מען אַזוי נאָענט. די שלשה אבות און די אמהות זעען אויס ווי היימישע, לייבלעכע מענטשן. און ווען די חומש־געשטאַלטן קומען אַריין אין דער אגדה, וועבט די פאָלקס־פאַנטאַזיע וואונדערלעכע היימיש וואַרעמע טרעפונגען.

אַ קליינינקייט די חומש־מעשה!

נאָך אַ משל: אין תנ״ך איז אליהו הנביא אַ בייזער, צאָרנדיקער נקמה נעמער. ער בייזערט זיך און שילט: „זאָל אַראָפּנידערן אַ פייער און פאַרצערן דיך און דיינע פּופּציק“. דאָס איז תורה, געזעץ, דאָס איז דין.

אָבער די יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אַראָפּגעצויגן אליהון פון הימל און געמאַכט פון אים אַ מילדן, אַ רחמימדיקן.

וואו אַן עת צרה, וואו אַ שווער האַרץ ברענגט די פאַנטאַזיע אַראָפּ אליהון ער זאָל טרייסטן אַ שווער געמיט, היילן קראַנקע. דאָס פאָלק האָט אליהון געגעבן פּשוטע שליחותן, געמאַכט אים פאַר אַ ניאַנקע ביי אָרעמע קינדער און פאַר אַ האָלצהעקער פאַר נויטבאַדערפטיקע . . . דאָס איז אגדה, דאָס איז חסידות . . .

עס שטייט געשריבן: הלכה איז ברויט, אָבער אגדה איז וויין, און ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש.

און פון אַ מעשה קען מען אַ סך אָפּלערנען, און אַ ווערטל, אפילו אַ גויאיש ווערטל, איז להבדיל אַ תורה.

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגן: „צוהר תעשה לתיבה“, שטראַל אַריין אין וואָרט, באַלייכט עס . . . צוהר מיינט אַ פענצטער, אַ דימענט, און תורה מיינט אַ וואָרט — מאַך ליכטיק דאָס וואָרט.

רבי בער מעזריטשער האָט געזאָגט: די אותיות זיינען היכלות, יעדער אות איז אַ גאַנצע וועלט. דאָס וואָרט איז די כלי פאַר דער מחשבה, דער משל פאַרן שכל.

„דער יצר הרע איז געגליכן צו איינעם וואָס גייט אַרום מיט אַ צוגעמאַכטער האַנט און קיינער ווייסט ניט וואָס ער האַלט דאָרטן. און יעדער מיינט אַז ער האַלט אין האַנט דאָס וואָס ווילט זיך האָבן. דערפאַר יאָגן זיך נאָך אים אַלע. אָבער אַז ער עפנט די האַנט זעט מען אַז ס׳איז גאָר ניטאָ ביים יצר הרע, גאָר ניט! יאָגט זיך ניט נאָך אים, זאָגט דער בראַצלאַווער“...

אויף אַזאַ אופן און צומאָל אויף אַ פּרימיטיוון שטייגער, דורך מגידישן דרוש, האָבן חסידישע רביים געגעבן אַ טיפן אינערלעכן אויסדרוק דורך פאָלקסטימלעכקייט. „שטעלט מיך אַוועק אין גושן“, האָט רבי מאירל פּרעמישלאַנער, דער עמכ׳דיקער רבי פון גאַליציע, געזאָגט: „און איך וועל דערקענען די לאָפּעטע מיט

וועלכער איך האָב געגראָבן ליים צו מאַכן ציגל פאַר פרעהן אין מצרים".

רבי מענדעלע קאָצקער האָט געזאָגט: „איך געדענק נאָך ווער עס איז געשטאַנען מיט מיר ביי קבלת התורה אויפן באַרג סיני". ווי כאַראַקטעריסטיש רירנדיק דאָס איז! „צען מייל אַרום מעזביזש פילט מען דעם ריח פון דער שכינה", האָבן דעם בעש"טס תלמידים געזאָגט.

„די פעלדער אין ווייסרוסלאַנד", האָט געזאָגט רבי הלל פאָריטשער דער הבדניק, „ליגן פאַרטראַכט אין תניאדיקער התבונ־נות און קוקן מיט שלווהדיקער רואיקייט צו די הימלען".

רבי אורילע סטרעליסקער, דער שרף, האָט ביי שבת שמברכין דערפילט, אַז ס'איז נישטאָ קיין התלהבות ביים דאַווענדיקן עולם, האָט ער זיך אויסגעדרייט פון עמוד און אַ זאָג געטאָן אויף גויאיש: „דאַוואַי אָגניא", גיט מיר פייער, הייסט עס, און דער עולם האָט גענומען דאַווענען, אַז מען האָט ממש געזען פלאַמען גייען אויף אין די עולמות העליונים.

פאַר די איבער צוויי הונדערט יאָר זינט דער פטירה פון בעש"ט האָט די וועלט זיך שטאַרק געענדערט און נאָך מער האָט זיך געענדערט די יידישע לאַגע אין דער וועלט. די גייסטיקע צערודערונג אין אונ־דזער יידיש לעבן איז היינט נאָך אַ סך גרעסער ווי מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. די פראָבלעמען וואָס שטייען פאַר אונדז אין דער איצטיקער צייט זיינען גאָר אַנדערע. מיר מוזן היינט זוכן נייע וועגן און נייע ענטפערס.

מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט דער בעל שם טוב געפונען דעם וועג צום געמיט פון יידישן מענטש, צו דעם פשוטן יידישן מענטש וועמען ער האָט גע־שטאַרקט און דערהויבן.

היינט איז אונדזער פראָבלעם אַ סך קאָמפּליצירטער. היינט דאַרפן מיר גע־פינען אַ וועג סיי צו דער אַזוי גערופענער אינטעליגענץ, סיי צו דעם עמך עולם, וואָס ווערט מער און מער פאַרכאַפּט פון דעם שטראָם פון גלייכגילטיקייט צום יידישן פאָלקס גורל.

קוקן מיר אויס די אויגן אויף אַזעלכע מנהיגים וואָס זאָלן מאָנען פייער און התלהבות, וואָס זאָלן זוכן און געפינען דעם וועג אויף וועלכן מיר זאָלן גיין אונדזער המשך־גאַנג כדי אונדזער דור זאָל אויך זוכה זיין צו זיין אַ רינג אין דער גאָלדע־נער קייט פון יידישער התרוממות און דער־הויבונג.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# צוויי לידער

## רייס דיך דורך

ווען ס'בלוט פון לעבן טריפט פון בלעטער,
אויף ווינט און וואַלגער ווי די טראַנטעס,
פאַל צו דער ערד דער פאַרטרערטער, —
צו הערן פרילינגע אַנדאַנטעס.

רייס דיך דורך דער שטיינערנער וואַנט
פון שעהן, ציענדיקע באַלאַסטן.
לאָז דיך פירן פונעם ווילנס האַנט,
ווי ס'שניידן דורכן ווינט די מאַסטן.

ס'גייט אין דעם צו קאָנען צוימען
אַלע שאָטנס פון דיין פחד —
און הונגערן נאָך נייע טרוימען,
מיט וואָר זיך איינסן, זיין מתיחד.

דער היינט און מאָרגן—נאָר צוויי בריקן,
און די פאַרבינדלערן די צייט.
שכל אויס דיר אַ נייעם תיקון,
אין וואָרצלשטראָם פון אייביקייט.

## ווען איך חזר איין

צעפּאַטלטער פלאָנטער,
טאָג פון גרימאַסנע הימלען.
מיין וואָכעדיקער בליק
וואַנדערט,
ווי די פאַרטראַכטע פליג אויף מיין שויב...

מיינע וויעס נעפּלען
ס'צימער אָן,
ווען איך חזר איין
אַ געדאַנק ווי אַ תפילה, —
וואָס בעט אַרום אין גוטסקייט
גאָט. —
אָט מאָלט מיין דמיון
אַ צייכן פון שפּאָט!

מיט דינע פינגער,
שפּילט מיר אַ וואָלקן
אַ רעגן־ניגון —
און שטערט די גלייכגילט
מיך פאַרוויגן...



פּינטשע בערמאַן

# צוויי לידער

## דער פאַרכישופטער ראָד

פאַרטאָג קומט די זון אַ צעגליטע
אויף פעלדער, אין וועלדער, אין שטאָט,
און עס ווערן די אויגן צעבליטע,
מיטן וואונדער פון געטלעכן גנאָד.

ביי טאָג קומט אַ לויטערער הימל,
צעברויזט און צעשפּרודלט אין בלוי;
דו פילסט — אַ פאַרכישופטער דרימל
באַהערשט דיך, ווי גראָזן — דער טוי.

פאַר נאַכט קומען שאָטנס צופליען,
און גלעטן, און קילן דיין זעל,
און צוויבער־געוועבן זיי פאַרציען
אויף אַלץ, וואָס איז זוניק און העל.

ביי נאַכט קומען שטערן אין הויכן,
מיט פריידיק געזאַנג אַ פאַרזיי,
און רופן צו גיין זיי דערגרייכן,
און זינגען צוזאַמען מיט זיי.

און עס גליען און ברענען קאַיאָרן,
אין געדריי פון פאַרכישופטן ראָד,
פון טעג און פון שעהן, געבאָרן
אין וואונדער פון געטלעכן גנאָד.

## ווי אַ פאַקל

איך טראָג, ווי אַ פאַקל, אויף שליאַכן און וועגן,
דעם גרויסן, דעם רייכן, דעם וואונדער־פאַרמעגן,
וואָס גאָט, אין זיין גנאָד, האָט אונדז יעדן געגעבן:
די פראַכט פון דער וועלט, און דעם צויבער פון לעבן.

איך טראָג, ווי אַ פאַקל, די שעהן פון גלויבן,
וואָס שטאַרקן געמיטער, און נשמות דערהייבן,
וואָס וואַרעמען הערצער, און וועקן אויף גלוטן,
און צינדן אָן פייערס אין פאַרלאָשענע בלוטן.

איך טראָג, ווי אַ פאַקל, דורך טאָג און דורך דעמער,
די פרייד, ביי דעם וואַסער, פון דורשטיקע לעמער,
דאָס וואָרקען פון ליבשאַפט אין שלאַקן פון טויבן,
דאָס שטיפן פון שטראַלן אויף איינזאַמע שויבן.

איך טראָג, ווי אַ פאַקל, דאָס געזאַנג פון די שטערן,
דאָס ליד, וואָס צעברויזט זיך פון נאַכטיקע טרערן,
די קרוין פון בטחון, אָן ווי און אָן מורא,
און ס'צעזינגט זיך מיין האַרץ אין אַן אָדע צום בורא.

## ז. בונין

# באַלאַדע פון אן אלטן שניידער

(צום צוואנציקסטן יאָרצייט פון מאַרריס באַק)

איך זע אים טאָג־טעגלעך פאַרבייגיין מיין פענצטער
מיט טריט קוים דעם באָדן באַטראָטן.
דער רוקן געבויגן — אַן אַלטע געביידע,
וואָס דאַכט זיך אָט ווערט עס צעשאָטן.

ער גייט צו זיין „היים" און ס'ווערט אים זיין האַרץ
פון עלנט און אומעט צענומען;
עס האָט ביים אַוועקגיין אים קיינער באַגלייט, —
באַגריסן ט'אים קיינער ביים קומען.

אויף אייביק אַוועק איז פון אים שוין זיין פרוי,
דאָס קול פון אַ קינד זעלטן הערט ער,
— אַ פויגל אַ מידער וואָס קומט צו זיין נעסט,
און געפינט גאָר די נעסט אַ צעשטערטע...

ער איז דאָך ניט שטענדיק געווען אַזוי עלנט
און קומט פון קיין וויסטע קיין ווילדער;
אַ בילד פון זיין פרוי אויפן טיש, און די ווענט
באַהאַנגען מיט קינדערשע בילדער.

זיי שטאַרן אויף אים מיט קאַרטאָנענער שטומקייט,
און זעלטן זיין שוועל ווערט באַטראָטן,
אַן איינזאַמער שלייכט ער זיך אום אין זיין צימער,
פאַרפאָלגט פון זיין אייגענעם שאָטן.

• • •

פון משא פון איבער אַכט צענדליק יאָר,
זיין קאָפּ ווערט געבויגן צום קישן,
דער שלאָף ווי אַ צערטלעכער גלעט פון אַ האַנט,
די אויגן די מידע פאַרשליסן.

ער ליגט איצט באַרוט. אויפן פנים אַ שמייכל
ווען שלאָף טוט די אויגן פאַרזוימען.
ער לעבט איצט אַדורך זיין לעבן פון ס'ניי —
אָט זיסע, אָט ביטערע טרוימען:

אַ שטיבל אַ קליינס, צוויי צימערלעך ענגע
און קינדערלעך — פינף אָן עין הרע;
געגריזשעט אָפּט טרוקענע ברויט, ווי עס גריזשען
די ציגן פון ביימער די קאָרע...

און משה'קע, דער בכור, כאָטש געוואָרן ערשט ניין —
געהאַט האָט אַ מוח אַ שאַרפן;
פלעגט שטענדיק פאַרטראַכט זיין, און אָרעמער מאַמען
מיט פראַגן כסדר פאַרוואָרפן:



אוודאי איז גאָט אַ גערעכטער, אַ גוטער,
די וועגן פון גאָט זענען גלייכע.
פאַר וואָס זשע, זאָג מאַמע, האָט ער עס באַשאַפן
סיי אָרעמע קינדער סיי רייכע?

פאַר וואָס איז דער טאַטע פון גאָט אַ געשטראָפטער?
ער איז דאָך אַ גוטער אַ פרומער.
עס לאַכן די קינדער פון מיר אין די גאַסן,
דערפאַר וואָס מיין טאַטע ז'אַ שטומער.

ער אַרבעט דאָך שטענדיק ביי טאָג און ביי נאַכט
און שטענדיק ביים נאָדל געזעסן,
פאַר וואָס זשע איז דאָך זיין פאַרדינסט אַזוי קליין,
און עס פעלט אויף אַ שוך און אויף עסן?

— אויף פראַגן אַזעלכע געפינען אַ תירוץ
איז דער מאַמען ניט שטענדיק געלונגען.
זי פלעגט אים מיט צערטלעכקייט גלעטן דאָס קעפּל,
און טרערן אַרונטערגעשלונגען.

• • •

און זיצנדיק איין מאָל אין חדר ביים חומש
באַשלאָסן ביי אים איז געבליבן:
ניט רעכט אַז דער טאַטע זאָל דאַרפן באַזאָרגן
אַליין אַ משפחה פון זיבן...

ניט לאַנג זיך געישובט, אַנטלאָפן פון חדר,
און גלייך צו אַ שניידערשער כאַטע.
צווישן אַ חברה פון שניידער־געזעלן,
געאַרבעט האָט אויך דאָרט זיין טאַטע.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן,
פאַרשטאַנען זיך בלויז מיט די אויגן,
דערלאַנגט אים אין הענטל אַ שטיקל געוואַנט,
אַ נאָדל און פאָדעם פאַרצויגן...

און כאָטש ס'איז געווען ערשט זיין פרילינג דער צענטער,
די גאַס האָט גערייצט און געצויגן,
איז ער דאָך געזעסן ביים זייט פון זיין פאָטער,
דער רוקן אין יאָך שוין געבויגן.

עס זיינען אין הויז שוין געווען צוויי פאַרדינער,
און ברויט שוין אַ ביסעלע מערער,
נאָר קוקנדיק אויפן „פאַרדינער" — ז'די עלטערן
געפאַלן דער ביסן נאָך שווערער...

עס בייטן די טעג זיך אויף וואָכן, חדשים,
חדשים געכפּלט אויף יאָרן,
פאַרלאָזן האָט ער שוין זיין שטעטל „סווענציאַן",
און איצט איז קיין ווילנע פאַרפאָרן!

אַ וועלט האָט אַ נייע פּאַר אים זיך געעפנט
חברים און נייע באַקאַנטע,
אין געסלעך געהיימע באַטראַכט האָט מען פראַגן,
פון פריער פּאַר אים ניט געאַנטע.

געהיימע „סכאָדקעס", פאַרבאָטענע ביכער,
פאַרשאַרפן און קלאָרן זיין מוח.
ער ענטפערט אַליין שוין אויף פראַגן שטאָט פרעגן,
ער ווערט שוין אַ „פירנדער כוח".

עס האָט זיך די יוגנט דורך וואַלדיקע וועגן
געהיימע — צום לעבן געריסן.
און משה סוועטצאַנער האָט דאָ שוין באַגעגנט
זיין ליבע, בלוי־אויגיקע ליזען.

צווישן די יידישע אַרבעטער מאַסן
געפינט ער חברים, פאַרערער,
ער פירט שוין די שניידער אַרויס אין אַ „סטאַטשקע",
און ווערט זייער וועג־ווייזער, לערער.

דער סטרייק האָט געצויגן זיך וואָכן, חדשים,
דורך פיינלעכע הונגער־מעת־לעתן,
און משה מיט ליזען און קינדערלעך צוויי,
האָבן זעלטן געהאַט וואָס צו עסן.

און דאָך, ווי אַ שיף־קאַפּיטאַן אין אַ שטורעם
האָט ער זיך קיין רו ניט פאַרגונען —
ביז ער האָט דערפירט דאָך די שיף צו אַ האַפן:
דעם סטרייק האָט מען ענדלעך געוווּנען!

ניטאָ אַזאַ קראַפט וואָס זאָל קאָנען פאַרצוימען
דעם שטורעם וואָס טראָגט זיך דורך גאַסן,
ניטאָ אַזאַ האַנט וואָס זאָל קאָנען דערשטיקן
דעם דראַנג פון דערצאָרנטע מאַסן!

אַזוי ווי דער טייך וואָס צעברעקלט זיין דאַמבע,
פאַרפלייצנדיק טאָלן און פלאַכן,
אַזוי האָט דער שניידער־פאַרמעסט זיך צעטראָגן,
אין ווילנע — אין אַנדערע פאַכן.

נאָר ס'האָבן זשאַנדאַרן מיט די באַלעבאַטים
ווי שפּיר־הינט אין מאָרדן־געלויער,
גענישטערט, געזוכט אויף פאַרשיידענע וועגן,
געפינען די פירער, די „טוער".

ער שלאָפט און זיין פּנים אין חלום צעקרימט זיך,
ווי שלאַנגען אים וואָלטן געביסן:
עס קומט אַ זשאַנדאַרם און זאָגט אים: „מאָיסעי,
צום לעצטן מאָל לאָז איך דיר וויסן:



איך וועל דיך אויף ווייטער ניט קאָנען באַשיצן
און מער דיר ניט קומען אַנטקעגן:
פאַרלאָז בעסער רוסלאַנד, אָט שוין טאַקע מאָרגן,
דיך דראָען סיבירישע וועגן!" *)

• • •

עס טראָגט זיך אַ שיף איבער ימיקע טיפן,
דורך שטורמישע כוואַליקע וועגן,
און פירט מיט זיך טויזנטער מענטשן וואָס גאַרן
דערגרייכן קאָלומבוסעס ברעגן.

עס שלאָגן די הערצער אין ריטם ביי אַלע
מיט האָפענונג איבערגעלאָדן:
עס זאָל זייער לעבן פונסניי זיך צעגרינען
אויף ניי־לאַנד, אַמעריקעס באָדן,

נאָר משה סוועטצאַנער האָט אויך דאָ געפונען
די זינלאָזע לעבנס־קאָנטראַסטן,
עס האָט זיך דעם אַרבעטערס רוקן געבויגן,
אויך דאָ פון פאַריאָכונג און לאַסטן.

ס'איז פריש נאָך געווען דער פאַרשאָטענער קבר
פון „היימאַרקעט" העלדן־מאַרטירער,
עס זענען די טורמעס געווען דאָ, ווי דאָרטן,
געפּאַקטע מיט אַרבעטער פירער.

די שניידער אין סוועטשאַפּ צוזאַמענגעדריקטע,
אַזוי ווי די בינען אין בינשטאָק.
געפוילט און געוועלקט האָבן מענטשלעכע לעבנס
ווי נוצלאָזער אָפּפאַל אין רינשטאָק.

און משה פון ווילנע, ווי משה ביים נילוס,
געקאָנט האָט קיין אומרעכט פאַרטראָגן, —
האָט ער זיך אויך דאָ, ווי אויף יענער זייט ים
פאַרשפּאַנט אין דעם אַרבעטערס וואָגן...

ער אַרבעט און שפּאָרט זיינע קליינע פאַרדינסטן.
צוויי יאָר זענען באַלד שוין פאַרביי,
ביז אים איז געלונגען זיין ליזען צו ברענגען
אַהער מיט די קינדערלעך דריי.

קיין איבעריק מעבל געווען אין זיין דירה,
און אָרעם דאָס עסן און הולך,

---

*) דאָס איז אַ פאַקט. דער זשאַנדאַרם האָט אים אָנגעטראָפן אין גאַס און זיך צעשריען: געדענק, מיר ווייסן אַלץ וועגן דיר און וואָס דו טוסט און היינט צוועלף אַזייגער ביי טאָג וועט מען דיר מאַכן אַ הויז־זוכונג, וועסטו שוין האָבן צו זינגען און צו זאָגן. דיך דראָהעט סיביר. פאַרלאָז בעסער רוסלאַנד און פאַרליר ניט קיין צייט. פון ווייטן האָט ער נאָכגעקוקט, אַז פונקט צוועלף ביי טאָג זענען טאַקע געקומען די „געסט", דער זשאַנדאַרם וואָס האָט אים געוואָרנט איז אויך געווען מיט זיי... זיי האָבן איבערגעקערט דאָס הויז און, נאַטירלעך, גאָרניט געפונען.

דאָך האָבן זיך מענטשן דאָרט שטענדיק געפונען,
געווען איז אין הויז שטענדיק פריילעך.

כאָטש זעלטן האָט ער אין דער היים זיך געפונען,
די נויט האָט פון הויז אים געטריבן,
ס'האָט ליזע אים קינדערלעך צוויי דאָ געבוירן,
זיי זיינען געווען שוין איצט זיבן.

איז שווער אים געווען פון דער נאָדל צו ציען
אויף אַלץ וואָס עס האָט זיך געניטיקט.
פון ענדלאָזע שעה'ן אין שאַפּ ביי דער אַרבעט,
אין ברוסט האָט געענגט און געווייטיקט.

• • •

ווי ריטשקעס וואָס ווערן געטראָגן צו טייכן,
די טייכן צו ימען זיך יאָגן, —
אַזוי האָבן זיך זיינע מיזאַמע יאָרן
צו עלטער מיט אימפּעט געטראָגן.

אַלץ שיטערער ווערן חברים, מיט וועמען
ער'ט צוזאַמען געקעמפּט און געליטן.
עס האָט זיי די צייט ווי אין שפּעטיקן זומער
די קאָסע — ווי זאַנגען פאַרשניטן . . .

און אָט האָט אויך ליזע, זיין שטענדיק געטרייע
פאַרלאָשן די ליכטיקע אויגן.
אָן ליזען איז ער ווי פאַריתומט געבליבן,
זיין קאָפּ צו דער ערד איינגעבויגן.

ער שלאָפט, און זיין ברוסט ווי אַ בלאָז־זאַק ביים שמידער,
אָט זינקט זי, אָט טוט זי זיך הויבן,
און פּלוצים דערזעט ער אַזוינס וואָס אפילו
אין חלום איז שווער עס צו גלויבן:

דאָס בילד פון זיין פרוי טרעט אַרויס פון דער ראַם,
באַוועגט זיך מיט טריט ניט צו הערן,
זי שוועבט מיט ניט־דאָאיקע טריט צו זיין בעט,
אָט רוט שוין איר האַנט אויף זיין שטערן.

וואָס איז מיט דיר, משה? זי פרעגט אַזוי צאַרט אים,
דו ביסט דאָך מיט שווייס אָפּגעגאָסן!
וווּ זענען די קינדער? ווי קומט עס דו ביסט
אַליין אין אַ צימער פאַרשלאָסן?

אָ, טייערע מיינע, ווען דו ביסט געווען,
געווען זענען אַלע איניינעם.
ווען דו ביסט אַוועק, זענען אַלע אַוועק!
איך האָב אַרום זיך איצט ניט קיינעם!

ער וואַרפט זיך אין שלאָף ווי אַ פויגל פאַרוואונדעט
פון וויזיעס וואָס שטעלן זיך פאַר אים.
ער עפנט די אויגן און שליסט זיי צוריק —
אַן אַכציק צוויי יאָריקער חלום.



א ר י ה   פ אָ ז י

# עיקר מאָטיוון אין די שאַפונגען פון ה. לייוויק

(צו ה. לייוויקס אַכציקסטן געבוירנטאָג און זעקסטער יאָרצייט)

וואָס איז געווען ה. לייוויקס עיקרדיקע קרעדאָ, וואָס האָט געלייגט אַ חותם אויף זיינע שאַפונגען? אומדירעקט האָט ער עס אויפגעקלערט אין זיין עסיי, „עיקר־אידעען און הויפּט מאָטיוון אין מיין שאַפן", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1938. דאָרט דערציילט ער:

„...דער צער פון פשוטן מענטשלעכן גוף וואָס ווערט אויפגעבראַכט אויפן מזבח פון נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, ווי נויטווענדיק די אידעאַלן זאָלן ניט זיין, און ווי איך אַליין זאָל זיך ניט באַטראַכטן ווי אַן אָנהענגער פון דעם רעוואָלוציאָנערן אידעאַל פון דער וועלט, אָט דעם צער פון דעם געאָפּפערטן מענטשלעכן גוף קאָן איך ניט פאַרשווייגן. איך קאָן ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק וואָס דאָס מענטשלעכע לעבן ווערט אַזוי צעטראַמפּלט; דאָס מאַטערט מיך כסדר. דאָס איז, טראַכט איך, דער גרונטמאָטיוו אויך פון מיינע לעצטע זאַכן".

אָט דער גרונטמאָטיוו שיינט אַרויס נישט נאָר פון לייוויקס „לעצטע זאַכן", נייערט פון כמעט אַלע זיינע שאַפונגען. אפילו דעמאָלט שיינט ער אַרויס, ווען ס'גלוסט זיך אים צו זינגען מכוח שיינקייט און צו זיין פריידיק און געמיטלעך. למשל, ער באַוווּנדערט דעם „ווייסן צודעק פון שניי", וואָס זיין קלאָרקייט און העלקייט רופט אַרויס פרייד. האָט ער, זאָגט ער, מכוח דעם טאַקע „געשריבן לידער", און —

„האָבן מענטשן ליב געהאַט די לידער,
ווייל זיי זיינען געווען ווייס ווי שניי",

אָבער צו אים אַליין, דערציילט ער ווייטער, „זיינען זיי געווען דערווידער", ווייל ער האָט

„. . . געזען געשמיסענע לייבער
און בלוט איז גערונען פון זיי", —

האָט עו ,שרייבנדיק מכוח שניי, געפילט, אַז ער „פאַרדעקט בלוט מיט זיי" און זיין געוויסן דערלויבט אים נישט דאָס צו טאָן. איז וועמען זאָל ער נאָכגעבן — די „מענטשן" אָדער זיין געוויסן? — ער איז געווען געצוווּנגען נאָכצוגעבן זיין אייגענעם פּאָעטישן געוויסן. און ער דערציילט ווייטער:

„האָב איך גענומען איין מאָל די פעדער / און אָפּגעשאַרט דעם שנייאיקן שיכט, / און דערשפּירט האָט מיט שרעק איעדער / ווי די ערד וואַרפט אים בלוט אין געזיכט".

יאָ, דער פּאָעט אין אים דערלויבט אים נישט הנאה צו האָבן פון דער שיינקייט פון דעם אויבערשטן פלאַך פון גלאַנציקן שניי — ער מוז זיך דערגרונטעווען צום סאַמע אונטן ווו „די ערד וואַרפט אים בלוט אין געזיכט", ווייל, זאָגט ער ווייטער:

„ס'איז מיין אמת נאָך אַלץ אין דעם, / וואָס אין בלוט פון געשמיסענע לייבער / ליגט אויך מיין געשמיסענער שם".

ער שליסט דאָס ליד מיט אַ פאַרענטפערונג און הבטחה צום לייענער, אַז ער וועט זיינע „לידער אפשר ווען צודעקן ווידער", ווען ער וועט האָבן אַ „נייעם שניי", אָבער — צום טיפן ווייטיק — איז דאָך קיין נייער שניי נישט געקומען... געקומען איז — „דאַכאַו", „טרעבלינקע", „זעקס מיליאָן קדושים", „פערנוואַלד" — פון אומע־טום האָט די ערד אים געוואָרפן „בלוט אין געזיכט", און ער איז שוין געוואָרן גע־צוווּנגען נישט אויפצוהערן זיין דער מקונן פון אַפּאָקאַליפּס.

— — —

לייוויקס מאָטיוון זיינען דורכויס יידישלעך. ער איז געווען דער יידישסטער פון אַלע יידישע פּאָעטן. ער איז געווען דער פּאָעט, וואָס, ווי די נביאים פון אַ מאָל, איז ער דורך יידישקייט געשטיגן צו ווערן אוניווערסאַל. און דאָס איז דערפאַר, וואָס אויך ער האָט — ווי די נביאים פון אַ מאָל — געהאַט דעם באַוווּסטזיין, אַז יידישקייט איז אין עצם אוניווערסאַל.

לייוויק איז נישט געווען דאָגמאַטיש פרום, ער איז אָבער געווען „אַריינגעלעבט אין רעליגיעז־יידישע סימבאָלן". אין אַ פאַרעפנטלעכטן שמועס מכוח אָט דעם ענין מיט דעם פּאָעט און עסייאיסט א. טאַבאַטשניק, האָט ער געזאָגט:

„צי מיר זיינען פרום צי נישט אין טראַדיציאָנעלן זין, זיינען מיר סיי ווי טיף אַריינגעלעבט אין רעליגיעז־יידישע סימבאָלן, וואָס באַהערשן אויך אונדזער היינטיקן געמיט ... יידישע דיכטונג איז אָן ספק אויך הייַנט אַן אַרויסשטראַלונג פון דער גאַנצער טויזנט־יאָריקער מענטאַליטעט, און איז אין תוך אַ רעליגיעזע איבערלעבונג".

און טאַקע מחמת דעם, וואָס לייוויק איז געווען „אַריינגעלעבט אין רעליגיעז־יידישע סימבאָלן", האָט ער געקענט, און אָפט געטאָן, אויסטענהן זיך מיט גאָט: איז גאָט און זיין משפט באמת גערעכט? אויפן שטייגער פון רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט לייוויק נישט אַלע מאָל געגעבן גערעכט צו גאָט. פאַרקערט, ער איז אַרויסגעקומען צו גאָט מיט טענות, מיט ביטערע טענות:

„אויף אַ הויכן באַרג אַ פאַרשנייטן / פרעגט אַ מענטש — און קלאַפט צאָן אָן צאָן: / פאַר וואָס מעג גאָט טייטן, / ווען מענטש טאָר עס נישט טאָן?"

און אין זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „אין די טעג פון איוב" רופט אויס לייוויק:

„אַז ווייל געבענטשט זאָל זיין דער בעל־יסורים, / וואָס רופט צו משפט גאָט אַליין!"

און ער, לייוויק, וואָס ער אַליין איז דאָך געווען דער גרויסער בעל־יסורים — האָט טאַקע תמיד גערופן צו משפט גאָט אַליין:

פאַר וואָס? פאַר ווען? הלמאי די משונהדיקע אויפפירונג פון דער וועלט? און ער פאַרלאַנגט אַן ענטפער. פאַרלאַנגט, הגם ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער וועט דעם ענטפער קיין מאָל נישט קריגן:

גאָט האָט דעם מענטש געגעבן די ברכה פון לעבן — פאַר וואָס ווערט זי, די דאָזיקע ברכה, באַגלייט דורך דער קללה פון יסורים?

פאַר וואָס שטייט תמיד איבער לעבן די דראָאונג פון טויט?

פאַר וואָס איבער געזונט די דראָאונג פון קרענק?

פאַר וואָס דער עצם פון יסורים — פיזישע ווי גייסטיקע?

פאַר וואָס די שלעכטקייט פון דער קרוין פון גאָטס באַשאַף, מענטש?

מחמת מענטש איז דאָך דער באַשאַף פון גאָט, און אויב אָט דער באַשאַף איז נישט געלונגען, איז דאָך די אחריות פאַר דעם נישט פון קיין אַנדערן ווי פון דעם באַשעפער גופא.

און ווי באַלד אַזוי — פאַר וואָס קין? און פאַר וואָס הבל?

דאָס אַלץ זיינען אומדירעקטע, הגם אומגעהויער וויכטיקע טענות צו גאָט. אָבער דערביי זיינען דאָ נאָך וויכטיקער די דירעקטע טענות צו גאָט:

פאַר וואָס יצחקס עקידה, וואָס איז, זינט דענצמאָל, געוואָרן דאָס געזעץ פון לעבן אויף דער וועלט? פאַר וואָס דער גאָט וואָס פאַרלאַנגט עקידה? פאַר וואָס דער אברהם וואָס האָט מסכים געווען צו פירן זיין זון צו דער עקידה? פאַר וואָס דער יצחק וואָס האָט זיך געלאָזט פירן צו דער עקידה? פאַר וואָס די אַלע אברהם און יצחק עקידהניקעס פון אַלע שיכטן און אַלע צייטן?

און פאַר וואָס די כפרה פון דער שעפּס אויף יצחקס עקידה? האָט ווער אַ רעכט צו שאַצן און מפקיר זיין איר, שעפּסענע, רעכט צו לעבן און נישט צו זיין אַ כפרה פאַר עמיצן אַנדערש — אפילו ווען דער אַנדערש איז נישט קיין אַנדערער ווי יצחק?... און פאַר וואָס כפרה בכלל? פאַר וואָס דער עצם איינפיר פון כפרה? פאַר וואָס דאַרף ווער מכפר זיין פאַר עמיצן אַנדערש?...

פראַגעס אויף פראַגעס, קשיות אויף קשיות, טענות אויף טענות — און קיין



תירוצים אויף דעם ווערן נישט געגעבן. נישט יהודה הלוי און נישט נחמן בראַצלאַווער, נישט דער רמב"ם און נישט דער בעש"ט, נישט אפילו משה רבינו און באַשטימט אויך נישט ה. לייוויק, האָבן געקענט פאַרענטפערן די אַלע קשיות. און צו די דאָזיקע אַלגעמיינע מענטשלעכע קשיות האָט לייוויק אויך צוגעשטעלט די נאָך האַרבערע — ספּעציעלע און אינטים יידישלעכע האַרבע טענות פון —

טרעבלינקע — הגם ווו ער איז נישט געווען; די חתונה אין פערנוואַלד; די יסורים פון הירש לעקערט — אין וועמען ער, לייוויק, האָט זיך גופא דערקענט; דער קידוש השם פון מהר"ם פון רוטענבערג, און נאָך, און נאָך.

און אין זיין „די טעג פון איוב"־דראַמע קריגט לייוויק די וויזיע, אַז אפילו דער עצם פון פינצטערניש און אַל־דאָס־שלעכטס אויף דער וועלט — דער שטן גופא, קען האָבן גערעכטע טענות צו גאָט, אַז באמת איז ער, גאָט, נישט בעסער פון אים — די פאַרקעפּערונג פון רישעות. דער שטן זאָגט:

„צי מיינט עס, אַז מיין עסקן זיך הייַנט מיט איובס גורל / פאַרמאָגט אין זיך קיין שפּור אפילו נישט פון יענע רגעס, / ווען דו אַליין האָסט זיך געשפּילט מיט יצחקס גורל? / צי מיינט עס, אַז צו שפּילן זיך מיט איינעמס האַלדז / צו שרעקן מיט אַ מעסער, איז אַן אידעלערע שפּיל / ווי נעמען אַ געזונטן גוף און אים צעקרעציקן?

און לייוויק גיט דערביי אַריין אינעם מויל פונעם שטן אַזעלכע רייד ווי —

„כאָטש איך אַליין בין גורם איובסליידן, / פון דעסטוועגן פאַרמאַך איך ניט די אויגן פון צו זען / ווי גרויליק־נעבעכדיק ס'קוקט אויס אַ מענטשנס לייב / ווען ס'ווערט אַריינגעוואָרפן אין די קלאַמערן פון פּיין, / און מער נאָך גרויליק איז צו זען אַ מענטשנס פּנים פאַרדרייט, / פאַרקרימט אין וווּנדיקער צעריסנקייט".

און דאָס פירט דירעקט צו נאָך אַ עיקרדיקן מאָטיוו אין לייוויקס שאַפונגען, — אַז דורך געוואַלד און ברוטאַלער מאַכט קען קיין גאולה נישט געבראַכט ווערן. ס'קומט אויס אַלע מאָל, אַז דער נעכטיקער גואל ווערט דער הייַנטיקער טיראַן. אין זיין איוב־דראַמע ברענגט לייוויק אַרויס קינען — דעם סימבאָל פון ברודער־מאָרד — אין אַ זעאונג, און קין זאָגט:

„נאָר ווי, אָבער, איז מיר, ווען יעדער גאָרנישט ווערט אַ מערדער, / און יעדער קנעכט, ווי נאָר ער ווערט אַ שטיקל תקיף, / ווערט מושל, מלך, פירער — אַכזרדיק און האַרט, / נעמט פייניקן, נעמט מאַטערן זיין קרבן, / און נאָך דעם קומט אַ חונף־קנעכט און מאַכט אים פאַר אַ הייליקן".

דאָס, פאַרשטענדלעך, איז אַן אָנצוהערעניש אויף דעם פּועל־יוצא פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דער פּועל־יוצא וואָס איז געווען באַזונדערס פּיינלעך צו אים, לייוויקן, ווייל צו דער דאָזיקער רעוואָלוציע האָט ער דאָך מקריב געווען זיינע יונגע יאָרן; געהאָפט האָט ער, אַז זי וועט ברענגען גאולה, אויסגעלאָזט האָט זיך זיין האָפענונג מיט דער ביטערסטער אַנטוישונג.

זינט זיינע יונגע יאָרן איז לייוויקס גייסט געווען געווידמעט דער רעוואָלוציאָנערער פרייהייטס־באַוועגונג אין רוסלאַנד. ווען ער איז ערשט געוואָרן בר־מצווה, איז זיין געמיט ממש אויפגערודערט געוואָרן פון דער טראַגעדיע הירש לעקערט, וואָס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט. הירש לעקערט איז געווען אַ ווילנער שוסטעריונג, וואָס האָט געשאָסן אין ווילנער גובערנאַטאָר פאָן וואהל, דערפאַר וואָס דער לעצטער האָט זיך איזדעקעוועט איבער יידישע אַרבעטער, זיי געשמיסן, געפייניקט, געשלאָגן מכות רצח, דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַן ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע. דער גובערנאַטאָר, דער ברוטאַלער דייטש־סאַדיסט, איז געבליבן גאַנץ, אָבער דעם וואָס האָט געוואָלט נעמען נקמה, הירש לעקערטן האָט ער פאַרשאַפט די גרויליכסטע ענויים און דערנאָך אים אויפגעהאַנגען.

און די וויזיע הירש לעקערט האָט געפייניקט לייוויקן דורך זיין גאַנצן לעבן. ער האָט באַוווּנדערט לעקערטס אידעאַליזם, ער האָט זיך אַליין געווונטשן צו דערהייבן זיך צו לעקערטס מדרגה:

„אַ גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן לעקערטס הענט, / וואָס האָבן אַליין אויף זיך אַרויפגעוואָרפן די תליה. / אַזוי האָב איך ביי טאָג געזונגען וועגן דעם: /

יאָ, איך ווייס ניט ווען, נאָר איך ווייס, אַז ס'וועט קומען / אַ שעה אַזאַ, וואָס וועט זאָגן צו יעדן איינעם: נעם / אַזאַ באַגינען זיך, ווי לעקערט האָט גענומען".

די עקידה, איוב, לעקערט — דאָס זיינען די סימבאָלן מיט וועלכע ה. לייוויק האָט אַסאָציאירט זיין געמיט און צו וואָס ער האָט געגעבן אויסדרוק אויף אַלערליי אופנים אין משך פון זיין שעפערישן לעבן.

וואָס שייך איוב, דערציילט לייוויק אין דער הקדמה צו זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „אין די טעג פון איוב", אַז „גאָטס געבן פול רשות דעם שטן אומצוברענגען איובס אַלע קינדער, פאַרברענען אַלע זיינע גיטער, און אים אַליין, דעם אַלטן איובן, זיין לייב, אַריינוואַרפן אין גרויל פון צרעת־ווונדן, — פאַרפאָלגט דעם מחבר (לייוויקן) זינט זיינע חדר־יאָרן; נאָך מער פאַרפאָלגט אים, זינט יענע יאָרן, דעם יונגן יצחקס גיין צו דער עקידה און זיין ליגן אויפן מיזבח אין דערוואַרטונג געבראַכט צו ווערן פאַר אַ קרבן".

די עקידה און איוב האָבן, אַזוי ווי הירש לעקערט, פאַרפאָלגט לייוויקן זינט זיינע קינדער־יאָרן, און ער, לייוויק גופא, וואָלט דאָך מכוח זיך געקענט זאָגן דעם פסוק פון איכה: אני הגבר ראָה עני בשבט עברתו — איך בין דער מאַן וואָס האָט אָנגעזען פּיין דורך דעם רוט פון זיין צאָרן. ער, לייוויק גופא, איז דער מאַן, וואָס האָט איבערגעלעבט אין משך פון זיין לעבן — פון זיין פינסטער יוגנט אָן און ביז זיין טויט — אַזוי פיל פּיין און יסורים, גייסטיקע ווי פיזישע, וואָס קאָן געגליכן ווערן צו דער פּיין פון יצחק, ווען ער איז געפירט געוואָרן צו דער עקידה, און צו דער פּיין פון איוב ווען ער איז געווען אַריינגעוואָרפן „אין גרויל פון צרעת־ווונדן". יצחקס עקידה און איובס יסורים זיינען געווען דער פאַרצייטיקער סימבאָל פון דעם שפּעטערצייטיקן ה. לייוויק.

און ועל כולם — דער גולם פון מהר"ל.

## דער גולם

אין גולם האָט לייוויק אויסגענוצט אַ לעגענדע אין וועלכער עס ווערט דערציילט, אַז דער מהר"ל (רבי יהודה הלוי פון פראַג, 1525־1609), האָט געשאַפן אַ גולם פון ליים, אין דעם אַריינגעגעבן רוח חיים, אַז ער, דער גולם, זאָל פאַרטיידיקן די יידן קעגן עלילת־דם און פּאָגראָמען.

לייוויק האָט אַריינגעלידערט אין דער דאָזיקער לעגענדע טיפן באַטייט. ער האָט פאַרקערפּערט אין דעם גולם אַ סך פון די פּראָבלעמען — יידישע און אַלגעמיינע — וואָס זיינען סיי צייטיק און סיי אייביק, אויף וועלכע אונדזער וועלט שטויסט זיך אָן. ער האָט אין דעם אַריינגעגעבן די עיקרדיקע און אומפאַרמיידלעכע שטרויכלונגען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אויפן וועג פון מענטשלעכן געראַנגל צווישן שילטון הרוח — גייסטיקער אויבערהערשאַפט און פיזישער מאַכט .

דער מהר"ל — ער איז גייסט; דער גולם איז זיין היפוך: פיזישע מאַכט.

האָט דער מהר"ל געשאַפן דעם גולם, אַז ער זאָל זיין פולשטענדיק געהאָרכזאַם, אַז פיזישע מאַכט זאָל זיין אונטערטעניק און זאָל זיך לאָזן קאָנטראָלירן פון גייסט: דער גולם מוז פאָלגן דעם מהר"ל אין אַלע פרטים.

דער מהר"ל האָט אָבער נישט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרטרויען דעם גולם אַלע זיינע מאָטיוון און געדאַנקען; צו אויפקלערן אים דעם מאָטיוו צוליב וואָס ער האָט אים געפורעמט פון ליים און געשאַפן; און צו מאַכן אים, דעם גולם, פאַר אַ שותף, וואָס זאָל פאַר אים קלאָר מאַכן זיין גורל.

און אַזוי אַרום — אין דעם חושך פון דער אומפאַרשטאַנדיקייט פון זיין אייגענעם גורל — שאַפט זיך אינעם גולם אַ געפיל פון ווידערשטאַנד: פאַר וואָס איז ער? פאַר וואָס דאַרף ער טאָן דעם ווילן פון מהר"ל? פאַר וואָס איז ער נישט מער ווי דאָס געצייג פון עמיצן אַנדערש?

און ווי אַ פועל־יוצא פון דעם הייבט אָן דער גולם צו רעוואָלטירן און ער הייבט אויף זיין האַנט קעגן די זעלביקע מענטשן, וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן, אויסדריקלעך, זיי צו שיצן.



און — דער מהר"ל ווערט געצוווּנגען צו ענדיקן דעם גולם און אַזוי מאַכן, אַז ער זאָל אויפהערן זיין.

אָבער דער גולם האָט, אין דער ווירקלעכקייט, נישט אויפגעהערט זיין. ער איז נישט אומגעקומען. דער מהר"ל האָט אים נאָר איינגעשלעפערט. און אין זיין שלאָף זעט דער גולם חלומות. און אָט די חלומות זיינען די טעמע פאַר לייוויקס צווייטער גרויסער און פאַרטיפטער דראַמאַטישער פּאָעמע: די גאולה קאָמעדיע אָדער דער גולם חלומט.

איין מאָל, אין משך פון דער צייט פון דעם גולמס קורצער עקסיסטענץ, האָט ער געכאַפּט אַ צופעליקן בליק אויף משיחן. משיח, באַגלייט פון אליהו הנביא, איז געקומען אין פּראַג. זיין קומען איז אָבער געווען פּריצייטיק. מענטש איז נאָך נישט געווען מסוגל אים אויפצונעמען. איז מהר"ל, אַ פאַרציטערטער, צו אים, צו משיחן, געקומען און האָט אים פאַרטריבן צוריק צו זיין פאַרהוילעניש. אָבער דערביי האָט דער גולם געכאַפּט אַ בליק איבער משיחן, און דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, און דאָס געשטאַלט און פּאַרנעם פון משיחן האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זיין געדאַנק, אַז איצט, ווען ער איז געשלאָפן, האָט ער נישט אויפגעהערט חלומען וועגן משיחן, חלומען אין זיין אייביקן שלאָף, אין וואָס ער איז אַריינגעטאָן געוואָרן.

נו, ווער איז דער גולם? זיינען מיר דען נישט— יעדער איינציקער פון אונדז — באַשאַפן געוואָרן — ענלעך צום גולם — פון עפּעס אַ מהר"ל, אַ ווילן, וואָס איז אין דרויסן פון אונדז — נישט ווייל דער איך פערזענלעך האָט עס געוואָלט, נאָר מחמת עפּעס אַ דרויסנדיקן ווילן, אַ קאַפּריז פון נאַטור, אַן אומפאַרשטענדלעכקייט, אַן אומבאַגרייפלעכקייט, האָט אונדז געבראַכט צו זיין? יעדער איינציקער פון אונדז איז די פאַרקערפּערונג און דער אויסדרוק פונעם גולם!

און לייוויק מאָנט יושר פאַר דעם דאָזיקן גולם אין מענטש, פאַר דעם דאָזיקן איך אין מענטש! און לייוויק מאָנט יושר פון אַלעמען פון וועמען יושר קען געמאָנט ווערן: ער מאָנט עס פון גאָט, ער מאָנט עס פון מענטש, פון געזעלשאַפט, פון נאַטור — פון אַלץ מיט אַן אַנדער וואָס טוט באַ'עוולה'ן לעבן — ס'מאַכט נישט צי סע איז לעבן פון פלאַנץ, בעל־חי, אָדער מענטש — אַבי לעבן איז צו דעם געווידמעט.

נו, מיר אַלע באַטראַכטן זיך דאָך, אַז מיר לעבן, האָפן מיר, אַ באַוווסטזיניק לעבן. אָבער ווער פון אונדז קען מיט זיכערקייט באַשטימען, אַז מיר זיינען וואַך?... ווער קען קומען און באַשטימען, ווי אַן אומבאַשטרייטלעכן אמת, אַז אונדזער לעבן איז נישט קיין אַנדער זאַך ווי אַ חלום?...

און אַזוי אַרום חלומט לייוויקס גולם. און ווי אונדזער מענטשלעכער וואָר קען זיך, מיט דער צייט, אַרויסצייגן צו זיין ניט אַנדערש ווי אַ חלום, אַזוי קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז דעם גולמס חלום איז נישט קיין אַנדער זאַך ווי וואָר.

און לייוויקס גולם חלומט! און ער — ווי מיר אַלע — חלומט וועגן דערלייזונג — משיח! דער משיח וואָס, ער האָט איין מאָל געזען און באַנומען!

נו, דער גולם, וואָס איצט הייסט ער יאָסעלע, דערוואַכט פון זיין שלאָף — דערוואַכט, ווי מיר אַלע טוען, אָדער דענקען אַז מיר טוען, דערוואַכן, און ער שפּרייזט אַרום מיט זיין חלום — חלום אין חלום, וואָס ער דענקט אַז ס'איז וואָר.

און יאָסעלע האָט ווידער אַ זעונג פון משיח! ער זעט אים אין זיין בענקשאַפט, אין זיין גלוסטונג — ווי מיר אַלע זעען אים. און ווי מיר, וואָס זעען אים און קענען אים נישט גרייכן, אַזוי אויך יאָסעלע. יאָסעלע און משיח ציען זיך מיט בענקשאַפט איינער צום אַנדערן און זיי קענען זיך נישט צונויפקומען. ווי אַ תהום וואָלט זיי פאַנאַנדערגעטיילט.

און דערביי נוצט אויס לייוויק דעם רייכן אוצר פון יידישן פאָלקלאָר און לעגענדע און דרינגט טיף אין דעם יידישן מיסטישן געדאַנק: עס קומט פאָר אַ קאַמף צווישן גוג און מגוג, אַ קאַמף נאָך אַ קאַמף, אַ מלחמה נאָך אַ מלחמה.

די רעוואָלוציע, די משיחישע רעוואָלוציע, איז געצוווּנגען צו קעמפן קעגן דער

קאָנטער־רעוואָלוציע. פֿאַלשע משיחים קומען אויף און פֿאַרשווינדן. צום סוף ווערט אויסגעטראָטן דער וועג פֿאַרן אמתן משיח.

און ווער איז דער דאָזיקער אמתער משיח? יאָסעלע קוקט זיך אַרום און דער־זעט, אַז דער אמתער משיח איז אַזוי ענלעך צו אים, ווי ענלעך עס זיינען צוויי טראָפּנס וואַסער. מ׳קען זיי ניט אונטערשיידן איינעם פֿון צווייטן. זיי זיינען איינס. יאָסעלע — דאָס פֿאָלק, די מענטשהייט, דער איך, דער דו און מיר אַלע — זיינען דער אמתער משיח! משיח איז פֿאַרהוילן אין אונדז און נישט אין דרויסן פֿון אונדז!

דאָס איז לייוויקס משיח! ער איז אין אונדז. און אויב מיר ווילן אים גרייכן, קענען מיר אים אַנדערש ניט גרייכן סיידן פֿון דעם טיפֿן אינגעווייד פֿון אונדזערע אייגענע נשמות.

לייוויק האָט באַנומען דאָס משיח געשטאַלט נישט ווי אַ רעאַליסטיש בילד, נאָר ווי קדושה וואָס פֿלאַטערט אין אומגרייכבאַרע הייכן — ווי דער בלוי פֿון הימל וואָס עס זעט דאָס אויג, אָבער די האַנט גרייכט עס נישט. משיח קען נאָר געזען ווערן אין דער ווייטער צוקונפֿט, אָבער צוקונפֿט איז דאָך אַזוי ווי דער האָריזאָנט — וואָס מער מ׳וויל צוקומען צו אים אַלץ מער טרעט ער אָפּ.

האָט לייוויק געשטאַלטיקט משיח אין פּאָעזיע. פּאָעזיע איז קדושה — ווי משיח איז קדושה. ווי פּאָעזיע קען נישט דעפֿינירט ווערן, אַזוי קען משיח נישט דעפֿינירט ווערן. און וואָס שייך שליחות, איז די שליחות פֿון משיח און פּאָעזיע די זעלביקע: אויסבעסערן מענטש און אים דערהייבן צו די העכסטע מדרגות.

לייוויק דער מענטש האָט ניט געקענט אָפּגעטיילט ווערן פֿון לייוויק דעם פּאָעט, און אין דעם פּרט האָט ער זיך אַליין געמעגט רעכענען אין דער בחינה פֿון משיחיות. משיח איז דער גואל, און אַ שליחות פֿון גאולה האָט לייוויק דאָך אויף זיך אַליין גענומען — ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג — מיט דעם וואָס ער האָט זיך מקריב געווען און אויף זיך גענומען די עינויים פֿון קאַטאָרגע צוליב דעם אידעאַל צו באַ־פֿרייען מענטש פֿון אומגערעכטיקייט, פֿון צאַרישער טיראַניי און עקאָנאָמישער און סאָציאַלער עקספּלואַטאַציע. און ווען ער האָט דעמאָלט געשריבן, אַז ער וועט זיין דער ערשטער צו „דערזען דאָס וואונדערלעכעס, גרויסעס, און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פֿרימאָרגן“ — האָט ער אין זיך באמת געפֿילט די כוחות פֿון אַ גואל.

דער צאַרישער דעספּאָטיזם האָט אים געשמידט אין קייטן, אים געפּייניקט מיט די שרעקלעכסטע עינויים — איז ער דען ניט געווען אין דער בחינה פֿון „משיח אין קייטן“? און „משיח אין קייטן“ האָט ער טאַקע דעמאָלט אין תּפֿיסה געשריבן — די ערשטע און איינציקע דראַמאַטישע פּאָעמע פֿון זיינע יוגנט־שאַפֿונגען, וואָס ער האָט שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט.

שוין דעמאָלט אין תּפֿיסה — אינעם עלטער פֿון בלויז 18־20 יאָר — האָט לייוויק געזוכט אַ שליסל צו דער רעטעניש פֿון חורבן און גאולה, צו דעם סוד וואָס איז פֿאַרבאָרגן אין דער מיסטישער פּערזענלעכקייט פֿון מענטש, אין דער גרויסער סתירה אין מענטש — פֿון איין זייט געראַנגל צו גרייכן די מדרגה פֿון דער משיחישער קדושה פֿון כולו זכאי, און פֿון דער אַנדער זייט — זיין תאווה צו זינקען אין דער טומאה פֿון כולו חייב; דער גרוילעכער היפּוך וואָס צווישן די צוויי לייבלעכע ברידער, הבל און קין.

און דערביי האָט לייוויק אין זיך אַליין געפֿילט די עקזאַלטאַציע פֿון עלית נשמה, וואָס ער איז זוכה איבערצולעבן די עינויים פֿון די קייטן אין וואָס ער איז געווען געשמידט און געשטעלט צו ווערן אין דער בחינה פֿון דעם זעער פֿון גאולה — דער רעוואָלוציאָנער וואָס האָט אויף זיך גענומען די שליחות צו זיין אַ קייטן־צעררייסער.

אין דער בחינה פֿון משיח־געשטאַלט האָט לייוויק איינגעפּאַסט זיך אַליין — זיינע אייגענע יסורים פֿון זינט זיינע פֿריסטע יוגנט־יאָרן. דורך אָט דעם געשטאַלט האָט ער שפּעטער, אין זיינע רייפֿע שעפֿערישע יאָרן, געמאַכט דעם איבערגאַנג פֿון זיין אייגענעם איך צום פֿאָלק, דורכגעפֿירט דעם תּרגום פֿון זיינע אייגענע מאַרטי־רערישע דערפֿאַרונגען אין די אָן אַ שיעור מער פּיינלעכע דערפֿאַרונגען פֿונעם פֿאָלק; איינגעהעפֿט זיין אייגענעם גורל אין דעם פֿאָלקס גורל. וואָס ער האָט איבערגעלעבט



יחידיש, האָט ער אַריבערגעטראָגן אין דעם וואָס דאָס פֿאָלק האָט איבערגעלעבט קאָלעקטיוו. משמעות, ער האָט די גרויסע זעונג פֿון דעם, אַז דאָס פֿאָלק איז ניט אויס־געטיילט פֿונעם יחיד; אַז דאָס פֿאָלק איז ניט אַן עצם פֿאַר זיך אַליין, נאָר איז אַ סך־הכּול פֿון אַלע יחידים; און דאָס פֿירט צו דער מסקנה, אַז ווי דאָס פֿאָלק איז דער סכום וואָס איז כּולל אַלע יחידים, אַזוי איז דער יחיד דער זעיר אַנפּין וואָס איז כּולל אין זיך דאָס פֿאָלק — דער מועט המחזיק את המרובה. דאָס פֿירט צום לאָגישן אויספֿיר, אַז ווי דער יחיד איז זיך מתחייב אַריינצופּאַסן זיך צו זיין אַ האַר־מאָניע אין דער סימפֿאָניע פֿונעם פֿאָלק, אַזוי איז דאָס פֿאָלק מחוייב צופּאַסן זיין אַלגע־מיינע האַרמאָניע פֿאַר דער באַזונדערער מעלאָדיע, וואָס זינגט אין האַרץ פֿון יעדן יחיד. און אָט דעם חשבון צווישן יחיד און כּלל האָט לייוויק אָנגעפֿירט אָן אויפֿהער.

און דאָס טאַקע איז דער עיקר־מאָטיוו וואָס לייוויק האָט אַריינגעגעבן אין זיין מייסטערווערק, דעם „גולם“, און, שפּעטער, אין זיין „גאולה־קאָמעדיע“. אין אַ וועלט פֿון רישעות איז טאַקע נישטאָ קיין אָרט פֿאַרן כּולו זכאי, פֿאַר משיח צדקנו, אָבער ער, דער גולם — ער וואָס וויל זיך באַפֿרייען פֿון זיין גולמישקייט; ער וואָס קאָן אויך גלוסטן צו אַ דבורהל, דעם מהר״לס טאָכטער — דעם אידעאַל פֿון ריינקייט, שיינקייט, איידלקייט און וואָס ווערט פֿון איר אָפּגעשטויסן; ער וואָס ווערט פֿון זיין אייגענעם שעפֿער נידערגעשעצט; וואָס טראָגט אויף זיך אַלעמענס שפּאָט; ער, דער גולם — דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס איז דערנידעריקט און פֿאַרשקלאַפֿט צו פֿרעמדע ווילנס, — ער אַליין ווערט אין דער בחינה פֿון גואל צדק און ווערט ענלעך צו משיחן, ווי ער וואָלט געווען זיין אויטענטישער צווילינג.

דער טראַדיציאָנעלער אויסגעבענקטער יידישער משיח, וואָס באַווייזט זיך אין דער „גולם“־פּאָעמע, ווערט באַגלייט פֿון מאַן־מיטן־קרייץ, פֿון ישו. און אויך ישו דערשיינט דאָרט ווי דער בעל־יסורים, וואָס געזאָלט האָט ער פֿלאַנצן אין מענטש ליבע און מיט דעם ברענגען גאולה, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך פֿון דעם שינאה, חורבן.

אין „גולם“ ברענגט לייוויק אַרויס דעם נוצרי בלויז אַגב אורחאדיק, נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, אָבער דער נוצרי־געדאַנק האָט אים באַשעפֿטיקט נאָך פֿריער. ווען ער איז נאָך געווען אין דער צאַרישער תּפֿיסה, דערציילט לייוויק, האָט ער געלייענט דעם נייעם טעסטאַמענט, און דערביי האָט ער „געפֿילט אַ ביטערקייט“ — להיפּוך צו זיין געפֿיל פֿון „גוואַלדיקער דערהייבונג“ ווען ער האָט געלייענט דעם תּנך. אָבער דעם נוצרי אַליין האָט ער באַטראַכט פֿאַר אַ ליידנדיקן מענטש און האָט געהאַט מיט־לייד מיט אים. און ווי אַ פּשוטן ליידנדיקן מענטש האָט לייוויק טאַקע אַרויסגעפֿירט דעם נוצרי אין דער פּאָעמע „ער“. ער, ישו, קומט אַריין צו לייוויקן און באַקלאָגט זיך:

מיט אַלעם פֿאַרטיקן האָבן זיי מיך באַזאָרגט —
איז דען ניט מאַנגל מיין אמתער טרויִם?

„ער“־ישו פֿילט זיך אומגליקלעך פֿון דעם, וואָס מ׳האָט אים באַשערט צו זיין אַ „גאָט פֿון מענטשן“. ער קאָן נישט פֿאַרטראָגן די פֿאַלשקייט מיט וואָס ער ווערט אַרומגערינגלט: ער האָט געזאָלט זיין דער קוואַל פֿון ליבע וואָס צווישן מענטש און מענטש, און איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל פֿון מענטשלעכער תּאווה; מ׳האָט אים געקרוינט פֿאַר אַ גאָט און אים פֿאַרוואַנדלט אין אַן אָפּגאָט, אַן עבודה זרה פֿון מאָרד און בלוט, ווייל — זאָגט ער ווייטער:

די וועלט איז אָנגעפֿילט מיט פּאָגראָם,
מיט שחיטה און מיט מאָרד געבאָט,

און ער גייט צו מיט ביטערער איראָניע, אַז ער אַליין ווערט געצוואונגען „מקיים זיין דאָס מאָרד־געבאָט“ — טאָ זאָל זיין אויס מיט דער ליבע־לעגענדע, ווייל — גייט ער צו:

„פֿאַרשטייסטו נישט, אַז ווען איך זאָג דאָס וואָרט: אַ מעסער — / איז שוין דער האַלדז לאַנג צעשניטן; / אַז ווען איך זאָג דאָס וואָרט: אַ האַמער — / איז שוין דער מאַרך פֿון לאַנג געעפֿנט; / און ווען איך זאָג: דאָס וואָרט — איז מער קיין וואָרט ניט, / איז שוין דער סוף געקומען, שוין געקומען“.

„דער סוף איז געקומען“ — דער סוף פֿון דער צביעותדיקער קריסטלעכער לעגענדע, די לעגענדע וואָס האָט זיך אַליין פֿאַרראַטן און דערפֿירט דערצו, אַז איר גאָט ווערט דערפֿירט צו אַ מין זעלבסטמאָרד — ער רייסט אַראָפּ די מאַסקע פֿון דעם דערנער־קראַנץ, און קלערט אויף, אַז דאָס וואָרט איז געווען נאָר אין אָנהייב, אָבער איצט, ווען פֿון „ליבע“ האָט זיך אויסגעלאָזט שינאה און מאָרד, איז דאָס וואָרט שוין מער קיין וואָרט נישט — געקומען איז דער סוף.

אָבער דער סוד פֿון דער וועלט באַשטייט אין דעם, דער סוד פֿון דעם אמתן, ניט געפֿעלשטן וואָרט פֿון גאָט פֿירט צו דעם, אַז „סוף“ איז קיין מאָל נישט פֿאַראַן, ווייל סוף איז מחייב אָנהייב, מחמת ווען אפֿילו דער גואל אַליין ווערט אומגעבראַכט („גאולה קאָמעדיע“), קומט דבורהל, די אייביקע מוטער, און דערקלערט אַז —

„אויף (אירע) דינע פֿלייצעס איז געפֿאַלן / דאָס פֿייער פֿון זיין (משיחס) בלוט אין טעג פֿון פֿייניקונג, / און דורך דער הויט איז עס אַריין (צו איר) / אין טיפֿעניש פֿון לייב — / (און זי טראָגט) אין זיך די זאָמען פֿון זיין בלוט“. — משיח גייט אַוועק — אַ נייער משיח שטייגט אויף!

לייוויקס גרויסקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט. „דאָס לעצטע וואָרט“, האָט ער געזאָגט, „איז קיין מאָל נישט, קיין מאָל נישט לעצט“. „געזאַנג איז פֿיבער, שפּרייז אַריבער“, און זיין גאַנצער לעבנס־מאָטיוו איז באַשטאַנען אינעם ניגון: קיין מאָל ניט אָפּשטעלן זיך — אַריבערשפּאַנען, און די וועלט איז „אייביק“:

„די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט, / און טראָגט מיך צום פֿייער, און טראָגט מיך צום שייטער; / איך ברען און איך ברען און ווער ניט פֿאַרברענט, — / איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער“.

ער „שפּאַנט אַוועק ווייטער“ און ער האָט געקענט אַזוי טאָן — געקענט שפּאַנען מיט זיין געניאַלער פּאָעטישער זעעוודיקייט, וואָס האָט אָפּט מאָל געגרייכט די מדרגה פֿון נבֿואה צו קענען דערבליקן נישט נאָר דעם פֿלאַך פֿון מענטש, נאָר דערהייבן זיך אַליין — און דערהייבן אויך דאָס פֿאָלק מיט זיך צו דער הייך פֿון די „סאַמע שטערן“ — דאָס ליד, וואָס ער הייבט אָן מיט דעם באַקאַנטן לערמאָנטאָוו־מאָטיוו און ענדיקט אים לייוויקיש יידישלעך:

איך הייב מיינע אויגן צום הימל מיט שטערן
און כ׳זע, ווי עס סודן זיך שטערן מיט שטערן,
און כ׳זע, ווי אַ שטערן פֿאַלט צו צו אַ שטערן.

כ׳בין קליין, אָבער קלענער נאָך זיינען די שטערן —
קוים־קוים וואָס איך זע זיי. איך זוך אין די שטערן
דעם שטערן, וואָס דאַרף זיין מיין שר צווישן שטערן.

און ווייטער:

אין אָנהייב פֿון אָוונט, ביים אויפֿגאַנג פֿון שטערן,
דערנאָך, אין דער חצות־שעה, ביים טרויער פֿון שטערן,
באַשטראַלט מיך מיט שלווה דאָס ליכט פֿון מיין שטערן.
נעמט קוקן אויף מיר מיט אַ גזר־אויג מיין שטערן.
דערנאָך, פֿאַר באַגינען, ביים אָפּשייד פֿון שטערן,



נעמט האָגלען אויף מיר אַ צעפֿאַלונג פֿון שטערן,
און וואַרפֿט מיך אַנידער, ביז וואַנען מיין שטערן
פֿאַרדעקט מיך מיט זיך, און אַ קול זאָגט: דיין שטערן
בעט חסד פֿאַר דיר ביי דעם האַר פֿון די שטערן.

איך ליג אַ פֿאַרדעקטער און כ׳הער, ווי מיין שטערן
גיט איבער מיין נאָמען צום האַר פֿון די שטערן.

די לעצטע צוויי שורות זיינען אויסגעקריצט אויף לייוויקס מצבה. — ער ליגט „אַ פֿאַרדעקטער“ און הערט ווי זיין שטערן גיט איבער זיין „נאָמען צום האַר פֿון די שטערן“. — „אַ פֿאַרדעקטער“ פֿאַר אונדז ליגט אָבער נישט מער ווי זיין חומר, זיין גוף, אָבער זיין גייסט איז פֿאַר אונדז נישט פֿאַרדעקט — ער שוועבט תמיד מיט אונדז, אַרום אונדז און איבער אונדז, און זיין גייסט וועט קיין מאָל נישט אויפֿהערן דרינגען אין אונדז — כל זמן גייסט וועט נישט אויסגעמעקט ווערן פֿון געפֿיל פֿון מענטש, און דאָס, לאָמיר האָפֿן, וועט קיין מאָל ניט געשען.

---

## אהודה רונת / תל אביב

# יעדן טאָג

יעדן טאָג
די סטרונעס
פֿון מיין טרויער.
יעדן טאָג
קלאַפּן די שוואַרצע געשפּענסטער
אין מיין טויער.
אָ טייערע!
פֿון דיין בלוטיק ווייַן
זענען שוין שיכור אויף די בערג
און פֿעלדער

אַלע ביימער, בלומען
און די שטילקייט אויפֿן גרונט פֿון ים.
וויסטקייט! הער זיך צו
ווי עס קעמפֿט מיין צער
שפּינט אַ וווּנדער־ליד פֿון פֿרייהייט,
שעפּט גבורה־קראַפֿט
ציט ליכט און זאַפּט
פֿון טיפֿעניש, די פֿלאַמען,
וואָס זענען גרעסער, טיפֿער,
פֿון אַלע ימען.

## יהושע גרינהאָף

# נאָסטאַלגיע

טעג אַנטרונענע,
טעג אויסגערונענע.
ברענגט מיר צוריק
די פֿריידיקע יאָרן,
וואָס זענען ווי וואָלקנס
צערונען געוואָרן.
גיט מיר צוריק
מיין וואַרעמען נעסט,
מיין וואַרעמע היים
פֿון פֿריינט און פֿון געסט,
פֿון קינדער און אייניקלעך
קולות, געזאַנגען,
וואָס זענען ווי עכאָס
געוואָרן פֿאַרגאַנגען
ווי ליידיקע זאַנגען
פֿון ווייַט אויגעדראָשן,
— אַ פֿייער אין פֿעלד,
פֿון ווינט אויסגעלאָשן.

דעצ. 28, 1968.

א. גאָלאָמב

# לייוויק־הויז אין תל אביב

אין 1927 (אָדער 1926) איז לייוויק דורכגעפאָרן ווילנע. אַ יונגער, בלאָנדער. דער יידישער פאָלקסטעאַטער איז געווען פול מיט יוגנט. מ'האָט נישט געדאַרפט פאַרקויפן קיין בילעטן אין פאָרויס. דער פרומער מאַמין אין וועלטלעכער יידישקייט, זלמן רייזען הי"ד, האָט געפירט דעם פאָרזיץ. שרייבער, געזעלשאַפטלעכע טוערס און איבערהויפּט יוגנט — פון די צוויי גימנאַזיעס, פון לערער־סעמינאַר, פון וואַרשטאַטן. וואָס מ'האָט גערעדט, געדענק איך נישט. איך געדענק אָבער גוט, וואָס קולבאַק האָט מיר אויף מאָרגן געזאָגט אין אַ פּריוואַטן שמועס; בערך זענען די ווערטער געווען אַזוי: „זייט וויסן, גאָלאָמב, אַז דער איינציקער וועמען איך בין געווען גרייט אָפּצוטרעטן דעם אויבנאָן אין יידישער פּאָעזיע — איז לייוויק. און נישט דערפאַר ווייל ער איז מער מייסטער פון מיר. דאָס נישט, אָבער איך פיל אין אים די גאַנצע יידישע אַחריות, דורות יידישקייט ריידן פון יעדער שורה זיינער“. — אַזוי בערך האָט געזאָגט דעמאָלט קולבאַק.

אין 1937 איז לייוויק געקומען קיין ארץ ישראל. פון תל אביב איז מען געפאָרן קיין חיפה אים באַגעגענען פון שיף. צוריק זענען מיט אים געפאָרן אַרום אַ צוואַנציק אויטאָס באַגלייטערס. דעם זעלביקן אָוונט — אַ קבלת פּנים אין בית־הבימה, איינגעאָרדנט טאַקע פון דער „הבימה“, וואָס האָט אויף מאָרגן געדאַרפט אָפּפאָרן אויף גאַסטראָלן. בלויז פאַרבעטענע געסט. רעדעס, איין אַקט פון לייוויקס „קייטן“ (כבלים). לייוויק — נישט בלאָנד, נאָר אינגאַנצן גרוי. עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אַ בילד אין זכרון: טשערניכאָווסקי מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע האָר און דער גרויער לייוויק קושן זיך. דער האָט גערעדט און דער האָט גערעדט — ביידע. וואָס זיי האָבן גערעדט, געדענק איך נישט, אָבער דעם איינדרוק געדענק איך: טשערניכאָווסקי אין אַ באַפליגלטן העברעאיש, לייוויק — אין אַ שטילן יידיש, פּאַמעלעך, ווי יעדער וואָרט וואָלט שווער געווען, שווער אין וואָג טאַקע.

פרייטיק — אַן עפנטלעכער אַרויסטריט אין דעם גרעסטן זאַל דעמאָלט — אין מוגראַבי טעאַטער. כ'בין געקומען עטוואָס שפּעטער — ערשט די טיר איז פאַרשפּאַרט שוין, פאַר דער טיר שטייען עטלעכע מיטגלידער פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „הפועל“, כדי דער עולם וואָס שטייט פאַר דער טיר אין דרויסן, זאָל ניט אויפרייסן די פאַרשלאָסענע טיר אַריינצוגיין אין זאַל, וואָס איז שוין געווען פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. בלויז אַ צעטעלע פון פאָרזיצער האָט געמאַכט מ'זאָל מיך אַריינלאָזן. די רעוויזיאָניסטן האָבן אויף דער גאַס געבראַכט אַ פּויק־אָרקעסטער, מ'זאָל אינעווייניק נישט הערן וואָס מ'רעדט.

אין אוהל שם זאַל איז שפּעטער געווען אַ פאַרזאַמלונג פון שרייבער (אָדער לערער. כ'געדענק נישט), וואָס האָט פּראָטעסטירט פאַר וואָס מ'איז מקבל פּנים אַזוי אַ שרייבער וואָס שרייבט גאָר יידיש. מ'האָט אָבער קיין שטיינער נישט געוואָרפן . . .

אין אַ וואָך אַרום איז לייוויק אַרויסגעטראָטן אין פּתח־תקוה. מיר זענען פון קיבוץ גיבעת השלושה געגאַנגען צופוס, געקומען אין זאַל „היכל“ צו פרי. נאָך געווען ליידיק. אין איין האַלבער שעה געוואָרן פול, מ'שטייט ביי די ווענט — נישטאָ גענוג שטולן, אויף דער בימה — היפּשע צאָל יידישע און העברעאישע שרייבער, וואָס זענען געקומען מיט לייוויקן פון תל אביב. כ'דערמאָן זיך: לייוויק האָט געלייענט „אַ ליד וועגן זיך“: ער האָט געזען געשמיסענע לייבער און בלוט איז גערונען פון זיי. אָבער אַז ער איז געוואָרן אַ דיכטער, האָט ער גאָר געשריבן פון ריינעם שניי . . . שפּעטער, אַז מ'איז גאָר שפּעט ביי נאַכט געפאָרן צוריק קיין תל אביב, האָט געזאָגט די פּאָעטין לאה גאָלדבערג: „אַזוי פּשוט, מיט אַזוי פיל געוויסן, קען שרייבן נאָר דער יידישסטער פון די יידישע פּאָעטן“.



מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן מיר זיך געטראָפן אין אַ שטאָט אין קאַנאַדע. צו אַ גראַדואירונג פון אַ שול האָבן מיר געבראַכט לייוויקן ווי אַ גאַסט. אַרויסצושלאָגן די הוצאות האָט לייוויק געדאַרפט האַלטן אַ פּאָר רעפעראַטן. היטן די טירן האָט מען ניט געדאַרפט. מען האָט געדאַרפט פון פאָרויס פאַרקויפן בילעטן. ביי די ווענט איז מען ניט געשטאַנען, עס האָבן ניט געפעלט קיין שטולן . . . כ'דערמאָן זיך: לייוויק האָט דערציילט אויף דער גראַדואירונג: אין חדר, ווען ער האָט געלערנט עקדת יצחק, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט. האָט מען אים געפרעגט, פאַר וואָס ער וויינט, האָט ער געזאָגט: וואָס וואָלט געווען, אויב דער מלאך פאַרשפּעטיקט מיט איין מינוט . . . אַזוי איז געוואַקסן, אַזוי האָט געפילט דער דיכטער פון דער „באַלאַדע פון דענווער שפּיטאָל“, דער דיכטער פון איינעם אַ מענטשן . . . דער יידישסטער פון אַלע יידישע דיכטערס, דער דיכטער וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן זיך אידענטיפיצירט מיט „עקדת יצחק“, דער דיכטער, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געוויסן, פאַר וואָס „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען“.

אין 1957 האָט לייוויק, אין ירושלים, געהאַלטן זיין לעצטע רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע גייסט־מענטשן. מיר האָבן אַלע די רעדע געלייענט און איך האָב זי געלייענט אַ סך מאָל, איך לייען זי אָפּט פאַר זיך, און אַלע מאָל קלאַפּט עס מיר אין האַרצן, און אַלע מאָל ווערן מיר די אויגן פייכטער. יאָ, נישט אומזיסט האָט עס די פּרעסע דערציילט, אַז נאָך דער רעדע איז אַרויף אויף דער בימה צו לייוויקן דער פאַרעקשנטער העברייער דר' יוסף קלויזנער און אים געקושט. דער קלויזנער, וואָס האָט נאָך אין 1914 פּריוואַט געזאָגט עטלעכע יונגע יידישע לערער, אַז ווען מען גייט אין ארץ ישראל מיט יידיש, וואָלט ער עס בשום אופן נישט גענומען. דער זעלביקער קלויזנער איז באַזיגט געוואָרן פון לייוויקס יידישער לעצטער רעדע. נישט לייוויק און נישט קיינער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ווי אַ צוואה, געזאָגט פון יידישסטן יידישן דיכטער. אַוודאי איז אָט די רעדע די הייליקסטע פון אַלע הייליקע רייד ביי יידן. וואָלטן מיר געווען אַ געזונט פאָלק, אַ מאָראַליש געזונטע, וואָלט מען אָט די רעדע געדאַרפט לערנען אין אַלע יידישע מיטלשולן. י ע ד ע ר וואַקסנדיקער ייד וואָלט אָט די רעדע געדאַרפט טראָגן אין האַרצן. ווען עס וואָלט מקוים געוואָרן דער חלום פון אַ צווייטן יידישן דיכטער — מלך ראַוויטש, וועגן אַ נייעם יידישן תנך, ריכטיקער וועגן נאָך איין, נאָך אַ היינטיקן תנך, וואָלט אָט די רעדע זיכער געווען דער שיר השירים פון דעם צווייטן תנך. איך האָב אויך איצט די רעדע געלייענט, געוואָלט ציטירן פּסוקים פון איר, אָנגעצייכנט מיט אַ בלייער ערטער צום ציטירן. אָבער אויך דאָס ביסל איז צו פיל. לייוויק רעדט וועגן דער נויטיקייט פון ברודער־צו־ברודער פאַרשטענדעניש, וואָס איז אַזוי נייטיק דעם היינטיקן יידן. און — לאָמיר צוגעבן — היינט, מיט עלף יאָר שפּעטער, נאָך מער ווי ווען לייוויק האָט עס געזאָגט. לייוויק רעדט דאָרטן וועגן דער שיינקייט פון דעם יידן, וואָס טראָגט אַריבער דעם גלות. און — לאָמיר צוגעבן — די גרויסקייט און שיינקייט פון פאָלק אין גלות, וואָס ברענגט אַרויס אַזאַ דיכטער, ווי לייוויק, אַ דיכטער מיט אַזאַ רעדע. און איך טראַכט אָפּט, אַז וואָלט איצט געווען ביי יידן אַ מין רבי עקיבא, וואָלט ער זיכער געפּסקנט — ווי ער האָט אַ מאָל געפּסקנט וועגן שיר השירים — אַז עס איז קודש קדשים. אַזוי וואָלט ער זיכער היינט געפּסקנט, אַז אויך די לייוויקשע רעדע־פּאָעמע־צוואה א י ז אויך קודש קדשים . . .

איך מוז אָבער איבעררייסן. איך קום ווידער צו אַ דאַטע.

מיט צען יאָר שפּעטער, אין 1967, ערב דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, האָט דער יידישער שרייבער־פאַרבאַנד אין מדינת ישראל באַשלאָסן צו בויען אַ לייוויק־הויז אין תל אביב.

פאַראַן אַ גמרא, וואָס זאָגט, אַז די בתי מדרשים פון בבל וועלן פאַרפּעסטיקט ווערן אין ארץ ישראל. אין אָט דעם לאַקאָנישן מאמר איז פאַראַן גאָר אַ סך געדאַנקען: לאָמיר לערנען — די תורה — די יידישקייט פון די גלותן דאַרף זיך איינפּעסטיקן אין ישראל; ישראל איז דעמאָלט ישראליש, ווען עס ווערט דאָרטן פאַרפּעסטיקט די יידישקייט פון גלות, פון אַלע גלותן. דער גלות איז ביטער און

מיאוס, זאָגט לייוויק אין זיין יענער לעצטער רעדע, אָבער גרויס, און שיין איז דער גייסט, וואָס האָט אָט די מיאוסקייט פון גלות געקענט אַריבערטראָגן, ווי זילבער ווערט געלייטערט אין פייער. לאָמיר דאָ צוגעבן עפּעס צו לייוויקס רייד: די מיאוסקייט און ביטערקייט פון גלות — דאָס איז דער אויפטו פון דער גויאישער וועלט, איר רשעות, דער כוח דאָס אַלץ אַריבערצוטראָגן און אַרויסקומען געלייטערט — דאָס איז דער אויפטו פון די יידן אין גלות. אַזאַ דערהויבנקייט, אַזאַ געלייטערטע יידישקייט, ווי די, וואָס איז פאַראַן אין יענער צוואה־רעדע — דאָס איז דער אויפטו פון יידישן גלות. און אָט דער גייסט מוז אַריבערגעבראַכט ווערן קיין ישראל!

עס דערמאָנט זיך מיר נאָך אַ צווייטע גמרא: אַ סך מאָל האָט מען אין ארץ ישראל פאַרגעסן די תורה, איז מען געקומען פון גלות און זי באַנייט . . . עס איז געווען אַ צייט, ווען ישראל האָט געוואָלט, האָט זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען צו פאַרגעסן די יידישקייט פון גלות. איז געקומען לייוויק און האָט זי באַנייט . . . זאָל דאָס לייוויק־הויז, וואָס בויט זיך איצט אין תל אביב — און דווקא מיט דער ברכה פון גרויסע ישראל־יידן בראש מיט דעם נשיא ר׳ זלמן שזר — זאָל אָט דאָס הויז — „יפותו של גלות באהלי ישראל" עטוואָס אַנדערש, ווי עס שטייט, אָבער אַזוי ריכטיקער און בעסער.

והיה — און עס וועט דאָך מוזן זיין, מוזן קומען צו אַ שלום על ישראל — אַז ישראל וועט זיך טאַקע איינשטעלן אין שלום, זאָל טאַקע די יידישקייט פון גלות פעסט איינגעפעסטיקט ווערן אין דער מדינה.

צוויי פּחדים פּילן אָן דאָס האַרץ: דער שווערער גויאישער גלות האָט געברענט דעם יידישן גוף — פון אברהם אבינו אין נימרודס קאַלך־אויוון און ביז די טרעבלינקעס און אוישוויצעס און נאָך און נאָך פון נימרוד־היטלער — האָט דאָס דער גלות געברענט דעם גוף און געלייטערט די נשמה. האָט דער גלות אויסגעהאָדעוועט גאונים פון גייסט. גאונים פון תורה און גאונים פון געוויסן. לייוויק איז איינער פון די; אַרויסגערעדט און איז אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן. ציטערט יידיש האַרץ: צי וועט דער נייער גלות, דער גלות, וואָס דעם גוף האָט ער באַפרייט, אָבער די נשמה טיף פאַרשקלאַפט — צי וועט דער גלות נאָך קענען אַרויסברענגען עטוואָס לייוויק? — ווער ווייס?

און דער צווייטער פּחד — צי וועט די גרויסהאַלטערישקייט פון דער מדינה גאָר וועלן פאַרדייען די טיפע, שטילע פּראַכט פון גלותדיקער יידישקייט אין דער ביטערקייט פון גויאישן רשעותדיקן גלות . . . כ׳דערמאָן זיך נאָך אַ גמרא: „קום און זע (דעם אונטערשייד) צווישן די גרויסהאַלטער פון ישראל און די פרומע פון בבל".

טאָ זאָל אָט דאָס הויז, וואָס בויט זיך איצט, זיין דער סימבאָל פון גאַנצקייט, פון איין פאָלקישן „אחד" . . .

---

דער קאָמיטעט פאַרן לייוויק־הויז פון לאָס אַנדזשעלעס האָט ביז איצט איינגעזאַמלט און אָפּגעשיקט קיין תל אביב די סומע פון 3700 דאָלער. צוליב דער מלחמה, האָט די אַרבעט זיך אָפּגעשטעלט, און אויך דער קאָמיטעט האָט זיך פאַרנומען מיט דרינגענדיקע זאָרגן. איצט באַנייט דער קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס זיין אַרבעט. אַלע, וואָס האָבן זיך ביז איצט בייגעשטייערט, וועלן די טעג באַקומען אַ גענויע רשימה פון אַלע ביישטייערטע מיט די סומעס, וואָס זיי האָבן געגעבן. די זאַמלונג וועט אָנגיין ווייטער. עס וואָלט געווען נישט מער ווי רעכט, אַז אין אַנדערע שטעט און ישובים זאָל אָנגיין אַן ענלעכע זאַמלונג, זאָלן אַלע יידישע ישובים נעמען אַן אָנטייל אין דער מצווה „יפותו של גלות באהלי ישראל".



# ווילי שאָרס מתנה און פאָרשלאַג פאַרן ה. לייוויק־הויז

דער באַקאַנטער יידישער קולטור־טוער און מעצענאַט פון לאָס אַנדזשעלעס, ווילי שאָר, וועלכער האָט שוין עטאַבלירט אַ צאָל ליטעראַרישע פרעמיעס און באַטייליקט זיך אין אַ גרעסערער צאָל וואָגיקע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, איז אויך דער קאַסירער און מאָטאָר פון ה. לייוויק־קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס פירט אַ פאַרצווייגטע פאָלקס־אַקציע פאַרן אויפבוי פון לייוויק־הויז. ווילי שאָר האָט זיך שוין אייניקע מאָל באַשטייערט אין דער אַקציע און איצט האָט ער אַריינגעשיקט צום בוי־קאָמיטעט אַ טשעק אויף דריי טויזנט דאָלער, מיט אַן אויספירלעכן בריוו. מיר דערלויבן זיך צו פאַרעפנטלעכן אַ פראַגמענט פון דעם בריוו — סיי צוליב דעם פאָרשלאַג וואָס ווערט אין אים געמאַכט, סיי צוליבן עצם סטיל און אינהאַלט פון בריוו:

„חשובער פרעזידיום פון ה. לייוויק־הויז, משה גראָס־צימערמאַן, מרדכי צאַנין און חלמיש! מען זאָגט, אַז עלטער מאַכט קליגער מענטשן. ווו איז געווען מיין אַלטער קאָפּ? איך האָב דאָך באַדאַרפט פאַרשטיין, אַז אַן אַרבעטער קאָן נישט קומען אַהיים, נאָך אַ וואָך אַרבעט, מיט ליידיקע הענט. ווו וועט נעמען ס׳ווייב חלה אויף שבת? אַזאַ אידיאָט וואָס איך בין! ער קאָן דאָך נישט וואַרטן ביז איך וועל צומאַכן מיינע שיינע אויגן, ווייל איך קאָן דאָך נאָך אפשר אַריינלעבן ביז אַ קיילעכדיקן יאָרהונדערט. דאַרף ער וואַרטן 15 יאָר? איז דאָך אָבער דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט — האָט ער מיר אַריינגעגעבן אַ וווּנדערלעכן געדאַנק: גיי, זאָגט ער, ר׳ וועלוול, צום אַדוואָקאַט, שרייב איבער דיין צוואה אַזוי, אַז די דריי טויזנט דאָלער זאָל דאָס לייוויק־הויז קריגן טאַקע באַלד. נו, אַז גאָט הייסט, מוז מען פאָלגן. שיק איך אייך שוין איצט די דריי טויזנט דאָלער. און וואָס עס וועט איבערבלייבן נאָך דעם ווי די ווערים וועלן קיצלען מיינע פּיאַטעס און איך וועל אפילו נישט קאָנען לאַכן — וועט עס אויך איבערבלייבן פאַר אייך, אויף הוצאות אויסצוהאַלטן דאָס הויז אין אָנדענק פון אונדזער גרויסן דיכטער, ה. לייוויק ע"ה.

„און אפשר וועלן זיך אָפּרופן נאָך אַ צאָל יידן, וואָס וועלן טאָן דאָס זעלבע? אויב נישט — זאָלן זיי כאָטש אָפּשרייבן אַ געוויסע סומע אין זייערע צוואות — אַזוי ווי מען טוט עס פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. ווער שמועסט נאָך, אַז די קינדער און אייניקלעך זענען שוין פאַרזאָרגט . . . און זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד — איך ווייס וועגן אַ סך עלטערע מענטשן, וואָס זיי אַליין זאָגן, אַז די קינדער זענען שוין אומגעדולדיק, וואַרטנדיק אויפן טאַטנס ירושה. אַ סך פון די אַלטע פאָרן אַוועק קיין לאָס וועגאַס און פאַרשפּילן עס דאָרט, אָדער פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ מיט אַ בלאָנדינקע. איז אפשר וואָלט איר אַנאָנסירט דעם געדאַנק — איבערהויפּט ווען זייערע נעמען וועלן אַריינגעשריבן ווערן אין דעם ספר הכבוד פאַר דור־דורות. עלטערע מענטשן מעגן זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם. און דאָס וועט פיל אַרויסהעלפן צו פאַרענדיקן אַזאַ וויכטיקן פּראָיעקט".

„לעצטע נייעס", תל אביב.

---

די נייער ביכער פון

**א. גאָלאָמב**

„אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק"

און

„צווישן תקופות"

קען מען נאָך קריגן פון מחבר

A. GOLOMB
1241 N. Harper
Los Angeles, Calif. 90046
Telephone: 654-8712

יצחק ניומאַן

# גאָט־דערקענטעניש ביי יידן און ביי די אומות העולם

אין תנך, אין תלמוד, ווי אויך אין דער רבנישער ליטעראַטור, ווערט אָנגענומען די מציאות השם ווי אַזאַ באַשטימטער עיקר, וואָס מ׳קען גאָר ניט אָפּפרעגן, וואָס וועגן דעם איז גאָר נישט נייטיק מאריך צו זיין, אָדער צו באַגרינדן עס דורך לאָגישע באַווייזן. און ווי באַשטימט עס איז דער עצם קיום פון גאָט, אַזוי ווערט אויך אָנגענומען בלית פלוגתא, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. און ביידע זאַכן — גאָט און זיין באַשאַף — זיינען ענג פאַרבונדן, אָבער די מציאות השם שטייט אומגעהויער העכער פון בריאת העולם, שוין מיט דעם אַליין, וואָס גאָטס כוח איז געווען נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ווי עס שטייט פאַרשריבן אין בראשית: „ורוח אלהים מרחפת על פני המים" נאָך פאַר בריאת העולם. און דער אייגענער געטלעכער כוח, וואָס איז געווען מעכטיק אַ מאָל, איז מעכטיק עד היום און וועט בלייבן מעכטיק לעולם ועד. און נישט ווי די וועגן פון מענטש זיינען די וועגן פון גאָט: די מענטשנס מעשים לעבן מענטש איבער, אָבער גאָט האָט געלעבט פאַר און לעבט אויך נאָך זיינע מעשים (מגילה יד).

ביי די חכמי התלמוד איז געווען אָנגענומען ניט צו ישובן זיך וועגן עצם פון גאָט. די גמרא (חגיגה יג, א) שטיצט זיך אויף אַ פסוק אין בן סירא: „זוך נישט אין די קודות וואָס זיינען פאַרהוילן פאַר דיר". דער מאמין ווייסט און פילט אינטואיטיוו, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט, וואָס איז דער בורא עולם — פשוט, ווייל אַזוי האָבן די טאַטעס איבערגעגעבן צו זייערע קינדער, און אַ טאַטע וועט דאָך נישט איבערגעבן אַ פאַלשקייט צו זיינע קינדער. דער חבר אין „כוזרי" זאָגט: „אפילו אַז מען זאָל אָננעמען אַז עס איז געווען אַן אורשטאָף אין דער וועלט מעטאַמאָרפאָזע, שטערט עס אויך נישט אונדזער אמונה, ווייל עס קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז די וועלט איז אויפסניי באַשאַפן געוואָרן, און די איצטיקע מענטשהייט הייבט זיך אָן פון אדם און חוה" (כוזרי א, סג). אויך לערנט אונדז די מסורה, אַז אַחוץ וואָס גאָט איז דער באַשאַפער פון דער וועלט, איז ער אויך דער באַשאַפער פון נייע וועלטן, פון נאַטור־כוחות יעדן טאָג.

גאָט איז ניט זעבאַר. ווערט דערציילט אין תלמוד: דער רוימישער הערשער האָט געזאָגט דעם תנא ער זאָל אים ווייזן גאָט. האָט דער תנא געענטפערט: מה דאָך מיר קענען נישט קוקן אין דער זון, וואָס איז נאָר איינע פון גאָטס באַדינערס, לא כל שכן קענען מיר נישט קוקן אין גאָטס פנים. אפילו משה רבינו, וואָס האָט געבעטן גאָט: ווייז מיר דיין פנים — האָט אים גאָט געענטפערט: דו קענסט נישט זען מיין פנים און בלייבן לעבן. אויף דעם זאָגט אבן גבירול: „גאָטס מיסטעריע מאַכט אונדזערע מחשבות מיד און שוואַך — צו קענען געפינען אַן אָנלען".

מיט הונדערט יאָר שפּעטער פון אבן גבירול איז געקומען דער רמב״ם און דערקלערט: „גאָט איז ווייט פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד און אַלע דמיונות וועגן אים זיינען נישט מעגלעך. גאָט און זיין וועזן אין איינס, ער איז דער ווייסער, דער באַוווסער און דער וויסן — נישט פאַרן מויל אַרויסצורעדן, פאַרן אויער צו הערן און פאַר דעם מענטשלעכן האַרץ צו קענען באַנעמען. דעריבער זאָל מען דערקלערן געטלעכקייט בלויז צו יחידי סגולה, און נאָר צו די וואָס פאַרשטייען אויפן ווונק, און מען גיט איבער בלויז ראשי פרקים, אַ ביסל פון יעדן באַזונדער, און דאָס איבעריקע וועט שוין אַליין פאַרשטאַנען ווערן" (מורה נבוכים).

די בעלי קבלה האָבן איין קורצן פאָסטולאַט: גאָט איז דער אין־סוף, און דאָס נעמט שוין אַריין אַלץ — דעם עבר, דעם הווה און דעם עתיד. מחמת גאָט איז די אייביקייט אַליין, איז ער שוין כולל אַלע אַנדערע אייביקייטן.

צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון



חכמת ישראל דורך סעדיה גאון און שפּעטער דורך שלמה אבן גבירול, יהודה הלוי און דער רמב״ם, איז ברייט אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק פון גאָט־דערקענטעניש און זיי האָבן פעסטגעשטעלט דעם באַגריף פון „דע את ד׳ אלוהיך" אין היפּוך צו דעם גריכישן איינשטעל פון „דע את עצמך" (דערקען זיך אַליין). די יידישע לערע האָט געצויגן איר יניקה פון פאַרטיפטער עטיק, פון וויסן גאָט דורך זיין הייליקן נאָמען, וואָס איז אַנדערש פון דער לערע פון עסטעטיק און דאָס פאַרהערלעכן און פאַרהייליקן מענטשלעכן העלדנמוט. עסטעטיק איז טאַקע שיין פאַרן אויג, אָבער איז נישט דויערהאַפט און האָט נישט קיין פעולה צו זעטיקן דעם גייסטיקן הונגער. די יידישע חכמה האָט דערהייבן גייסטיקע ווערטן קעגן מאַטעריעלע פאַרגעניגנס. שפּעטער איז ביי די אומות העולם אויך פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין זייער אַרט דענקען. ווען די רענעסאַנס באַוועגונג האָט באַפרייט די מערב ציוויליזאַציע פון די קייטן, וואָס די קלעריקאַלן האָבן איר אָנגעטאָן, האָט זיך דער פילאָסאָפישער געדאַנק באַפרייט פון דעם טעאָלאָגישן וואָגן אין וועלכן ער איז געווען איינגעשפּאַנט, און דעקאַרט האָט אויפסניי אַנטדעקט, וואָס סאָקראַטעס האָט נאָך פריער באַשטעטיקט, אַז גאָט איז נישט פּערסאָנאַל, נישט רעאַל, נייערט גאָט מיינט אייביקייט. מען קען טאַקע נישט אָנווייזן וואָס איז גאָט, מען קען זיך אָבער משער זיין און אַנען, לויט אונדזערע השגות, וואָס פּלאַטאָן רופט גייסטיקער אידעאַליזם.

די בעסטע אויסטייטשונג וועגן גאָט גיט אונדז בערגסאָן אין זיין בראָשור „אַריינפיר צו מעטאַפיזיקע": „אַלע שכלדיקע אַנאַליזן וועגן גאָט פירן בלויז צום דרויסן, בשעת אינערלעכע באַהעפטונג דורך דערשפירן אינטואיטיוו, פירט צום אמתן שלימות, צו אייביקייט".

דער רמב״ם באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז די וועלט מוז נישט זיין אַן אייביקע, און ער איז מחולק מיט פּלאַטאָן און אַריסטאָטל, וואָס האַלטן אַז עס האָט געמוזט זיין פריער באַשאַפונגס מאַטעריע, אַ יולי אַפּריאָרי.

שפּינאָזע וואַרפט אָפּ אַלע מחיצות צווישן מענטש און דער נאַטור. נישט נאָר איז דער באַשאַפער איינער, נאָר אויך די באַשאַפונג איז איינע, ווייל דער מענטש איז אַ טייל פון דער נאַטור. עס איז דאָ איין געזעץ פאַר דער גאַנצער נאַטור, און דער מענטש איז ניט אַן אויסנאַם. און דאָס וואָס דעקאַרט וויל פאַנאַנדערטיילן חומר און גייסט, גוף און נשמה, טוט שפּינאָזע פאַראייניקן. אין שפּינאָזעס פאַנטעיזם געפינט מען נישט קיין ענטפער וואָס איז גאָט, נייערט בלויז ווו איז גאָט. שפּינאָזעס גאָט איז באַהעפט אין די סיבות. גאָט, לויט שפּינאָזען, איז דער סוד פון דער נאַטור, דער סובסטאַנץ, וואָס איז כולל די גאַנצע וועלט. בכלל איז שפּינאָזע ניט אַזוי באַשעפטיקט מיט גאָט־עקזיסטענץ. ווי באַלד עס איז נישטאָ קיין שאַפונג, איז במילא נישט פאַראַן קיין באַשאַפער, אַז אַלץ ענדערט זיך און בייט זיך — פון שפּראָצונג און וווקס, פון אייביק ביז אייביק.

ווען אַלבערט איינשטיין האָט זיך געגרייט פאָרן קיין אַמעריקע, אַנטלויפנדיק פון נאַצישן דייטשלאַנד, האָט דער באָסטאָנער קאַרדינאַל געוואָרנט די עפנטלעכע מיינונג אַז ער איז אַן אַטעיסט. דעמאָלט האָט ראַביי הערבערט ט. גאָלדשטיין אָנגעפרעגט זיך ביי איינשטיינען צי ער גלייבט אין גאָט. איינשטיינס ענטפער איז געווען, ער גלייבט אין דעם גאָט ווי ער ווערט פאָרמולירט דורך שפּינאָזאַ, אַז ער אַנטפּלעקט זיך אין דער האַרמאָניע פון אַלץ וואָס עקזיסטירט און איז נישט אַ גאָט וואָס זאָרגט זיך פאַרן מענטשנס גורל און מעשים.

אויך די ערשטע פילאָסאָפן, וואָס האָבן געלייקנט אין גאָט און געזאָגט, אַז די וועלט־סיסטעם האָט נישט קיין פירער, האָבן שפּעטער צוגעגעבן, אַז עס איז יאָ דאָ אַ גאָט וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, נאָר די גאָט־עקסיסטענץ קען נישט באַוויזן ווערן מיט ראַציאָנאַלע דערקלערונגען. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט הערמאַן קאָהענס פילאָסאָפיע, אַז גאָט דאַרף געזוכט ווערן נישט אין דער נאַטור, נייערט אין עטיק. אָבער עס איז דאָ אויך אַ צווייטער אַספּעקט צו דער גאָט עקסיסטענץ, אַחוץ דער עטיק — דאָס איז די עסטעטיק: די בענקשאַפט נאָך שיינקייט, ריטם, קלאַנג, די התרוממות הנפש, וואָס דיכטער האָבן אין אַלע צייטן באַזונגען ווי דער

אויסדרוק פון געטלעכקייט און זיין אייביקן כוח.

דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" (חלק ראשון, פרק נז) לערנט אונדז אַז וועגן גאָט קענען מיר נישט האָבן קיין שום באַגריף אָדער אידעע, ווייל גאָט געפינט זיך מחוץ אונדזערע באַגרענעצטע השגות. מיר קענען וויסן בלויז וואָס גאָט איז נישט, אָבער נישט וואָס ער איז יאָ. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אַלע באַגריפן וואָס מיר האָבן וועגן מענטש, קען מען נישט אָנווענדן צו גאָט. גאָט קען מען דערקענען נאָר דורך נעגאַטיווע אַטריבוטן. מיר קענען, למשל, וויסן אַז גאָט איז נישט אַ קערפּער, ער איז נישט באַגרענעצט, ער איז נישט ענדלעך. וואָס גאָט איז באמת קענען מיר גאָר ניט משער זיין זיך, אָבער מיר מוזן יאָ וויסן די אידעע פון גאָט.

יידן באַגרייפן גאָט ווי ריינעם גייסט און מציאות השם איז דער יסוד פון יידישקייט. גאָטס רצון האָט באַשאַפן די וועלט און דאָס וואָרט איז ביי גאָט דאָס אייגענע וואָס טאַט — „דיבור כמעשה". גאָט ווערט אין דער יידישער וויזיע פאָרגעשטעלט ווי דער סימבאָל פון אַן אומבאַגרענעצטן ווילן, פון אומענדלעכקייט. אויך פון אוניווערסאַליטעט, ווייל ער געהערט צו דער גאַנצער מענטשהייט.

אויף דעם גלויבן אַז גאָט איז איינאיינציק איז באַזירט די גאַנצע יידישע מסורה. אין דער תורה ווערט נישט געפירט וועלכער נישט איז וויכוח מכוח דעם וואָס איז גאָט, נאָר גלייך פון אָנפאַנג ווערט דאָרט דערקלערט, אַז בראשית ברא אלהים — אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד. עס ווערט דאָרט נישט דעבאַטירט, נייערט עס ווערט פּראָקלאַמירט: אנכי ד' אלוהיך — איך בין גאָט דיין גאָט וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דעם לאַנד מצרים. און משה דערקלערט גאַנץ פשוט: שמע ישראל — הערט יידן, גאָט איז איינער. אויך די נביאים הערן נישט אויף אויפצווייזן גאָטס מעכטיקייט, גאָטס אַלץ־אַרומנעמענדיקייט, און דער תהילים דיכטער זינגט: „די הימלען דערציילן גאָטס וועזן".

און ווען דער נביא ירמיהו שטראָפט יידן פאַר נישט קענען גאָט, זאָגט ער: „אַזוי איז די רייד פון גאָט: 'מיך האָבן זיי פאַרזען און נישט געהאַלטן פון מיין תורה'". אויף דעם האָבן געדרשנט חז"ל, אַז גאָט זאָגט: הלוואי וואָלטן זיי מיך פאַרזען און בעסער געהיט מיין תורה. און תורה מיינט דער וויסן פון גאָט, ווייל גאָט איז דער יסוד פון אַלע וויסנס.

לויט די נביאים איז דער גלויבן אין גאָט דער העכסטער אַטריבוט, העכער נאָך פון יושר, חסד און צדק, ווייל דער וואָס האָט אמונה האָט ממילא אַלע אַנדערע גוטע מידות. אין שייכות מיט דעם האָט חבקוק זיך אויסגעדריקט: „צדיק באמונתו יחיה".

---

אונדזערע ברכות צו אייך

## ליבער חבר און פריינד יוסף וויינמאַן

צו אייער 75סטן געבוירנטאָג

ווינטשן מיר אייך נאָך אַ סך יאָרן פון געזונט, נחת און פרייד, אַז איר, מיט אייער ליבער און געשעצטער פרוי, זאָלט פאָרזעצן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר און אַ סך ווייטערדיקע יאָרן, אייער פרוכטבאַרע טעטיקייטן פאַר יידישער קולטור, ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים.

אייערע פאַרערערס און פריינד,

| | |
|---|---|
| ראָוז באַלאַט | גאָסי סארטאָ |
| יעטאַ און ז. בונין | בעלאַ און א. פּאָזי |
| שרה באַשע און חיים דאַרנאָוו | משה קאַפּלאַן |
| סיידי און דוד ווינער | ווילי שאָר |

סאָפי שלעזינגער



# ביכער און שרייבער

ד"ר שלמה סיימאַן / ניו יאָרק

# ד"ר מנחם נאור

(צו זיין באַזוך אין לאָס אַנדזשעלעס)

שלוחים פון מדינת ישראל קיין אַמעריקע איז קיין נייס נישט. געוויינטלעך זיינען דאָס שלוחים, וואָס קומען עפּעס נעמען פון אַמעריקאַנער יידן. אַ מאָל פאַר אַן אינסטיטוציע, אַ פּאַרטיי, פאַר פּראָפּאַגאַנדע אָדער אפילו נישט זעלטן צו שאַפן עמיצן אַ קאַריערע. זעלטן ווען עס קומען צו אונדז שלוחים מלומדים אָדער למדנים, וואָס קומען אַהער און זוכן נישט קיין כבוד, געלט און אפילו נישט קיין פּובליסיטי. זיי ווערן איינגעלאַדן, פאַרבעטן אַהער ווי גאַסט־פּראָפעסאָרן, צו איבערגעבן די חכמה און תורה פון אונדזער ארץ ישראל, וואָס איז אַ סך ווינציקער באַקאַנט און באַוווסט ביי אונדז, ווי די מאַטעריעלע און עקאָנאָמישע דערגרייכונגען.

אָט אַזאַ מין שליח, אַן „עמיסאַר פון גוט ווילן" איז ד"ר מנחם נאור, וואָס איז פאַר אַ יאָרן איינגעלאַדן געוואָרן פון וויסקאָנסין אוניווערסיטעט אין מילוואָקי ווי אַ גאַסט־פּראָפעסאָר, און הייַ־יאָר איז ער גאַסט־פּראָפעסאָר פון תנך אין דער „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" אין לאָס אַנדזשעלעס.

ד"ר מנחם נאור (מענדל לערנער) איז געבאָרן געוואָרן אין דעם שטעטל ליפּקאַן, בעסאַראַביע, דאָס געבוירן־אָרט פון דעם העברעיש־יידישן שרייבער יהודה שטיינבערג און דעם באַרימטן פאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג. מענדל לערנער, דער זון פון משכיל מיכל, האָט געקראָגן, ווי אַלע יידישע יינגלעך פון זיין צייט, אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג, אָבער ער האָט אויך געענדיקט אַ גימנאַזיע. אין 1920, ווען ער האָט געענדיקט גימנאַזיע, איז ער אַוועק קיין ירושלים, זיך פאַרפולקומען אין יידישע לימודים. אין 1923 האָט ער געענדיקט דוד יעלינס לערערסעמינאַר. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און דאָרט, אין דעם דייטשן אוניווערסיטעט, האָט ער געקראָגן זיין דאָקטער טיטול, אין סעמיטיקס, אין 1927. ער איז אַוועק קיין לאָנדאָן צו שטודירן, דאָרטן האָט ער געטאָן פאָרשונג־אַרבעט אין בריטישן מוזיי. ער האָט זיך פאַרפולקומט אין ענגליש. ער האָט זיך אומגעקערט אין דער דעמאָלסדיקער פאַלעסטינע און מענדל לערנער איז געוואָרן ד"ר מנחם נאור.

ד"ר מנחם נאור איז פון יענע מלומדים, למדנים און שריפטשטעלערס, וואָס האָבן געשטאַלטיקט און שטאַלטיקן דעם אמתן כאַראַקטער פון ישוב. ער איז דער מחבר פון אַ העברעיש לערנבוך פאַר די ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש און אַראַביש ריידנדיקע. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ העברעישע גראַמאַטיק — אַ דיקדוק פאַר די מיטלשול קלאַסן. גאָר אַ וויכטיק ווערק איז די צוויי בענד „המקרא והארץ", אויף תורה און נביאים ראשונים. דאָס ווערק טראָגט דעם באַשיידענעם סוב־טיטל „ביאור גיאוגרפי לתנך" — אַ געאָגראַפישער פירוש צום תנך. באמת איז עס אַ סך מער ווי דאָס. עס איז פרשנות פון דער העכסטער מדרגה: אַן אַנאַליז פון די ווערטער, דעם טייטש פון שווערע אויסדרוקן, און די שייכות פון די פסוקים לויטן אינהאַלט און היסטאָרישער תקופה. ער פאַרלאָזט זיך גאָר אָפט אויף אונדזערע יידישע קלאַסישע מפרשים: רש"י, אבן עזרא, רמבן, רשבם און ספורנו. אויך ברענגט ער נישט זעלטן אַ מאמר חז"ל ווי אַן אסמכתא. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז זיין פירוש וויסנשאַפטלעך, מאָדערן, אַזוי אַז דער עקסטרעמסטער תנך־

וויסנשאַפטלער קאָן אים נישט באַשולדיקן אין צוריקגעשטאַנענקייט הן אין וויסן די לעצטע שבלעצטע אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען, אָדער וועלכע ס׳איז חידושים פון תנך אויסטייטשונגען.

אָבער דער גרעסטער אויפטו פון ד״ר נאור איז זיין גרויסער און אויסערגעוויינטלעכער טאַלאַנט ווי אַ לעקטאָר־לערער פאַרן ברייטן עולם פון מדינת ישראל. ער איז נישט קיין טרוקענער אַקאַדעמיקער, וואָס לערנט מיט געציילטע סטודענטן, מיט אַ טערמינאָלאָגיע וואָס פּאַסט נאָר פאַר יחידי סגולה. דער עיקר אַרבעטן זיינע זיינען סעריעס רעפעראַטן אין די שטעט, שטעטלעך, מושבים און קיבוצים פון לאַנד. אויך איז ער דער פּאָפּולערסטער לעקטאָר פאַר ספּעציעלע לערער־קורסן — פאַר לערערס, פון אַלע שאַטירונגען, פון די עקסטרעמע סעקולאַריסטן ביז די פרומסטע שבפרומסטע. ער בייט ניט זיין שיטה און פּאַסט ניט צו זיינע רעפעראַטן און קורסן צו דעם וועלטבאַנעם פון יעדער גרופּע. ער האַלט זיך שטענדיק ביים וועלטלעכן יידישן צוגאַנג צום תנך בפרט און די גאַנצע נאָך־תנכישע ספרים. ער באַטאָנט ווידער און ווידער, אַז דער תנך און אויך דער תלמוד קאָן אויפגענומען ווערן נישט נאָר פון די פונדאַמענטאַליסטן ווי גאָטס וואָרט. די תורה איז אַ געטלעך ספר, דער יסוד פון יידישקייט אפילו פאַר נישט קיין פרומע יידן; ניין, אפילו פאַר נישט קיין גלייביקע. איך וואָלט אים באַצייכנט ווי איינעם וואָס ברענגט דעם מאור פון אמונה פאַר נישט קיין מאַמינים.

אָט איז אַן עפּיזאָד, וואָס באַווייזט נאורס איינפלוס און שטעלונג צו יידישער ירושה, אין ישוב פון מדינת ישראל. איין מאָל ביים חידון התנך איז ד״ר גמריהו, וואָס איז אַ טראַדיציאָנעלער ייד און דער אָנפירער פון „החברה לחקר המקרא״, געקומען צו ד״ר נאור און באַשטאַנען אַז ער מוז זיין איינער פון די ריכטער אין ירושלים. ד״ר נאור האָט צו אים געזאָגט: „איך בין פאַרנומען און עס איז פאַר מיר זייער שווער אָנצונעמען דעם אָנבאָט. בכלל, פאַר וואָס באַשטייט איר, אַז דווקא איך זאָל זיין איינער פון די ריכטער? עס פעלן תנך קענער אין ירושלים?״ ד״ר גמריהו האָט אים דערקלערט, אַז ער קאָן געפינען גענוג תנך־מומחים, וואָס טראָגן יאַרמולקעס, אָבער אַ תנך־מומחה אָן אַ היטל האָט ער נישט, אַזוי אַז דער חידון התנך זאָל סימבאָליזירן, אַז די תורה איז פאַרן גאַנצן פאָלק, אפילו פאַר די וואָס זיינען נישט טראַדיציאָנעל.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטיק פון ד״ר נאורס אופן פון רעפערירן וועגן תנך און זיין קוק אויף יידישער טראַדיציע, געשריבן פון אַ פּובליציסט אין מדינת ישראל: „אין זיינע רעפעראַטן אַנטפּלעקט זיך ד״ר מנחם נאור ווי אַן אויסערגעוויינטלעכער בעל מסביר. אין זיין שטראָמיקן שמועס, וואָס ציט זיך אַזוי אָנגענעמען, געלינגט אים צו פאַרינטערעסירן דעם צוהערער אין די ווייטע געשעענישן פון דער תנך־תקופה, אַזוי אַז דער צוהערער נעמט עס אויף ווי עס וואָלט געשען איצט, אָט אין אונדזער צייט. — — זיין שיטה אין אויסטייטשן דעם תנך איז זייער אַן אינטערעסאַנטע און איבערצייגעוודיקע. צו ערשט איז זיין שטייגער צו פאַרשטיין דעם פּשט פון דעם טעקסט, מיט נישט אויסלאָזן די גייסטע דרכים: למשל, צו פאַרגלייכן די באַזונדערע ווערסיעס — גירסאות, די סתירות פון געוויסע פסוקים און ענלעכע זאַכן. ווי איינער וואָס איז קלאָר אין די שיטות פון תנך־פרשנות, פון די עקסטרעמסטע ביז די טראַדיציאָנעלסטע, לאָזט ער נישט אויס די אַלע מיינונגען. אָבער אין זיין אייגענעם אויסטייטש האַלט ער זיך אין „גילדערנעם מיטן״ צווישן די טראַדיציאָנעלע אויסטייטשונגען און ביבל־קריטיק. — — ער פירט זיך אויך, אַז ער באַנוצט זיך מיט די פּערל פון תלמוד, מדרשים און די אויסטייטשונגען פון די יידישע עלטסטע מפרשים און היינטיקע טראַדיציאָנעלע מפרשים. — — אָבער אין דער זעלביקער צייט האַלט ער זיך נישט צוריק צו קריטיקירן וואָס עס געפעלט אים נישט אין אַ פּירוש. אָבער ער איז זייער און זייער טאַקטיש וועגן די עיקרים פון אונדזער אמונה. זיינע אויסטייטשונגען דערוועקן נישט קיין שום קעגנערשאַפט און פאַרביטערטקייט פון זיינע שומרי מצווה־צוהערערס. עס איז כדאי צו באַטאָנען, אַז ער פאַרפעלט נישט קיין געלעגנהייט אַרויסצוברענגען דעם מאור היהדות, דאָס גרויסע ליכט פון יידישקייט און די ווערטן פון אונדזער גרויסער ירושה, אַזוי אַז די צוהערערס ווערן אָנגעשטעקט מיט דרך ארץ און ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו יידישע ווערטן״. (צבי אלישר)

איך האָב אויסגעמיטן איבערצוגעבן די אויפטואונגען פון ד״ר נאור אויף דעם געביט פון תנכישן טעקסט פאָרשונג און נישט דערציילט אפילו בקיצור פון זיין גרויסן אָרט וואָס ער פאַרנעמט אין מדינת ישראל צווישן די תנך־וויסנשאַפטלער. עס איז אָבער כדאי צו באַטאָנען, אַז ער פאַרנעמט גאָר אַ געהויבענעם מעמד אין „חוג התנך״, וואָס איז פריער געווען אָנגעפירט אין הויז פון בן גוריון און איצט ביים נשיא — שזר. איך קאָן דאָ נישט מאריך זיין. איך בין נאָר אויסן צו באַגריסן ד״ר נאורן צו זיין באַזוך דאָ ביי אונדז אין אַמעריקע און אויפמערק מאַכן אונדזער עולם, אַז ער זאָל נישט אויסלאָזן די געלעגנהייט צו באַקאָנען זיך מיט זיין שיטה און אופן פון רעפערירן וועגן תנך. לאָמיר געניסן אַ ביסל מפרי הארץ — פון דעם גייסטיקן גאָרטן פון ארץ ישראל. ד״ר נאור רעפערירט אויף העברעיש, יידיש און ענגליש. ער באַהערשט אַלע דריי לשונות פליסיק.



פראָפ. ח. מ. ראָטבלאַט

# דריי ביכער פון לילי בערגער

„עסייען און שקיצן״ — „פון היינט און נעכטן״ (דערציילונגען) — „נאָכן מבול״

## עסייען און שקיצן

„די מחברין״, שרייבט לילי בערגער אין דער הקדמה צו איר בוך, „באַטראַכט בכן די צונויפגעזאַמלטע דאָ אַרבעטן, ווי אָנגעוואָרפענע קאָנטורן און שטריכן וועגן ליטעראַרישע דערשיינונגען, וועגן דער ראָל און אויפגאַבע פון קינסטלערישן וואָרט, אין בעסטן פאַל די פראַגמענטאַרישע פאַרהאַנדלונגען״. ווילן מיר מאַכן איר אַ קאָמפּלימענט פאַר איר עניוות, אָבער די מאמרים וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט אין אָט דעם בוך זיינען גאָר ניט קיין פראַגמענטאַרישע אָפּהאַנדלונגען. לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל איר עסיי וועגן אברהם מאָראַווסקיס בוך „אַהין און צוריק״. דאָרט רעכנט זי אויס דעם באַזונדערן אָרט, וואָס מעמואַרן פאַרנעמען אין דער ליטעראַטור. נאָך דעם רעכנט זי אויס פאַרשיידנאַרטיקע מעמואַרן־ליטעראַטורן: פּערזענלעכע איבערלעבונגען, גאַנצע געשיכטלעכע אָפּשניטן און פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען. ערשט שפּעטער שטעלט זי אונדז פאָר דעם מחבר פון „אַהין און צוריק״ און זי דערציילט אונדז, ווי ברייט באַקאַנט ער איז אין דער יידישער וועלט, אַז ער איז געוועזן אַן אַקטיאָר און אַ שרייבער פון גרויסן פאַרנעם, און זי שילדערט אונדז זיין וויזיע וועגן דעם „שיילאָק״ טיפּ, און דאָס אַלץ איז באַשריבן מיט גאָר אַ סך חן.

אויך די אָפּהאַנדלונגען פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור זיינען פּראַקטיק, טיף און אינהאַלטסרייך.

די מאמרים וועגן די ענציקלאָפּעדיסטן זיינען רייך אין אינהאַלט און זיינען געשריבן מיט גרויס ערודיציע, די מחברין שילדערט אונדז די פיר וויכטיקסטע אָנטיילנעמער פון דער ענציקלאָפּעדיע, ווי למשל: דידראָ, וואָלטער, ערנסט רענאַן, זשאַן זשאַק רוסאָ. דאָס אַלץ איז געשריבן מיט גרויסע ידיעות, און ס׳איז צו זען, אַז לילי בערגער איז גוט באַהאַוונט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

די אָפּהאַנדלונגען וועגן וויקטאָר הוגאָ, גוסטאַוו פלאָבער, עמיל זאָלא און אַ סך אַנדערע פאַרפעסטיקן די השערה, אַז די מחברין איז אַ באַדייטנדיקע קריטיקערין, וועלכע אַנאַליזירט די ווערק פון די אויסגערעכנטע מחברים מיט לאָגיק און ערודיציע.

מיר ווילן געבן דאָ, ווי אַ משל, איין ציטאַטע וועגן וויקטאָר הוגאָ:

„וויקטאָר הוגאָ איז, ווי געזאָגט שוין, געווען קודם כל אַ דיכטער, הגם אין די רייפסטע יאָרן פון זיין שעפעריש לעבן האָט דאָמינירט דער ראָמאַן. ער האָט אָנגעהויבן מיט דיכטונג — מיט אָדעס

געשריבן אין קלאַסישער פאָרעם און מיט באַלאַדן — און האָט פאַרענדיקט מיט דיכטונג. יעדער לאַנד האָט זיין גרויסן דיכטער: דאָס אַלטע גריכנלאַנד האָט געהאַט האָמערן, איטאַליע — דאַנטע, רוסלאַנד האָט געבוירן פּושקינען, ענגלאַנד האָט געגעבן דער וועלט שעקספּירן, און פראַנקרייך — וויקטאָר הוגאָ״.

איר אָפּהאַנדלונג וועגן קאַפקאַ, איר אַנאַליז וועגן קאַפקאַס ווערק, ווי אַ מענטש וואָס איז צעריסן אינערלעך, דערדריקט פון ספקות און פאַרפאָלגונגען, זיינען טרעפלעך און קינסטלעריש געשילדערט און זיינען רייך אין אינהאַלט.

איר קריטיק וועגן אברהם שוואַרץ־באַרטס ווערק „דער לעצטער פון די למד־וואָווניקעס״ איז געשריבן מיט גרויס התלהבות און, וואָלטן מיר געזאָגט, מיט איבערגעטריבענע לויב־געזאַנגען. למשל, זי שרייבט: „דער מחבר פון דעם דאָזיקן ווערק האָט מיט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט זיך געלאָזט אויף די שפּורן פון די יידישע קלאַסיקערס״. „אַנדרע שוואַרץ־באַרט האָט גענומען צו הילף אַלס קינסטלערישן אויסדרוק־מיטל די לעגענדע. און די ווייטע געשיכטלעכע פּאַנאָראַמע, דער היסטאָרישער לייוונט איז געוועבט מיט אַלטע כראָניקעס; אין פּלוג דוכט זיך אייך, אַז דער היסטאָרישער הינטערגרונט צוימט דאָ עטוואָס די דינאַמיק פון דעם ראָמאַן. איר איבערצייגט זיך אָבער באַלד, אַז די עטלעכע און צוואַנציק זייטן כראָניק זיינען ווי אַ לעבעדיקער קוואַל, פון וועלכן דער ראָמאַן פליסט אַרויס ספּאָנטאַן, ווי אַ מעכטיקער טייך, וואָס רייסט אַלץ מיט זיך אין זיין לויפנדיקן שטראָם״. „מ׳דאַרף צום סוף דערמאָנען דעם דיכטערישן צויבער, מיט וועלכן דאָס בוך איז באַהויכט. אַנדרע שוואַרץ־באַרט איז, ווי שוין געזאָגט, אַ שרייבער מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל: ער איז אי עפּיקער, אי ליריקער, ער איז אַ דיכטער אין פּראָזע״.

אַז אָט די ציטירטע שבחים זיינען איבערגעטריבן קען זיך יעדער אינטעליגענטער לייענער איבערצייגן אין זיי.

די אָפּהאַנדלונגען וועגן אייזיק באַבעל זיינען אויך איבערפילט מיט שבחים. זי שרייבט: „מיר דוכט, אַז קודם כל מיט איר שפּרודלדיקער ספּאָנטאַנישקייט, מיט שעפּערישן ספּאָנטאַנישן כוח, וואָס שטראָמט אַזוי נאַטירלעך, ווי אַ נאַטור־עלעמענט. אין באַבעלס פּראָזע איז נישט פאַראַן קיין שום אָנשטעל, קיין שום פּאָזע. ער באַנוצט זיך נישט, וואָלט איך געזאָגט, מיט קיין שום קאָסמעטיק. זיין פּראָזע פאַרמאָגט די פרישקייט, די נאַטירלעכקייט פון אַ קינדעריש פּנים, די זויבערקייט און פרישקייט פון פרימאָרגן־טוי. די שרייבערישע אויפריכטיקייט און דער מענטשלעכער אמת איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן ער בויט זיינע קינסטלערישע קאָנסטרוקציעס. נישטאָ קיין צייכן פון פאַרלייקענונג, פעלשונג, אָדער גאָר באַפּוצונג. נישטאָ קיין שום קאָמפּראָמיס, קיין פאַרשווייגן. אַלץ איז ביי אים וואָרהאַפטיק, אמתדיק, אַזוי דורכזיכטיק קלאָר, אַזוי שרייבעריש ערלעך״.

נאָך די אַלע שבחים אַנאַליזירט לילי בערגער זיינע ווערק: „די רויטע אַרמיי״ און זיינע אַנדערע ווערק, און איך ציטיר ווייטער:

„איזאַק באַבעל, דער רוסישער שרייבער, האָט קינסטלעריש, שעפּעריש געאָטעמט מיט יידיש לעבן: דאָס יידישע אָדעס, זשיטאָמיר, די אָרעמע מאָלדאַוואַנקע האָבן געלעבט אין אים. ווי טיף האָט ער אָפּגעפילט ווי די דעמערונג און שטילקייט, די שבתדיקע שטילקייט האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אויף די קרומע דעכער פון דער זשיטאָמירער געטאָ! ס׳האָבן אים פאַסצינירט די מענטשן פון די אָממיינסטן נידעריקע שיכטן: די באַלעגאָלעס, הענדלער, ווילדע יונגען. די אָדעסער פּאָרט־שטאָט האָט אַ מאָס פאַרמאָגט אַ באַזונדערן מענטשן עלעמענט. איזאַק באַבעל האָט זיין אייגנאַרטיקע יידישע וועלט געמאָלן מיט די אַממיינסטן בונטע פאַרבן״.

די ביידע שרייבער, אַנדרע שוואַרץ־באַרט און איזאַק באַבעל, זיינען ביי לילי בערגער פאַררעכנט פאַר יידישע שרייבער, הגם זיי שרייבן אויף צוויי באַזונדערע שפּראַכן: שוואַרץ־באַרט — פראַנצויזיש און איזאַק באַבעל — רוסיש. נישט וויסנדיק, אָדער נישט מאַכן זיך וויסנדיק, אַז די שפּראַך שפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע פון דעם שרייבער, און דער בעסטער אינסטרומענט פון זיין שעפּערישקייט.

„יידישע געשטאַלטן און מאָטיוון אין



דער פּוילישער ליטעראַטור״ איז אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג געשריבן מיט אַ סך וויסן און פאַרשטענדעניש, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין אָט דעם אַרטיקל איז די אויפפאַסונג נישט קיין ריכטיקע. לילי בערגער וויל באַווייזן, אַז די אַלע גרויסע פּוילישע שרייבער, „פּונקט ווי זיי זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון פּוילישן פּויער, קעגן דער אונטערדריקונג פון פאָלק, אַזוי זיינען זיי אַרויסגעטראָטן קעגן די עוולות, די רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג״.

מיר דאַכט זיך, אַז די בעסטע פון זיי, ווי צום ביישפּיל, עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ און מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ האָבן געהאַט איין איינציקן צוועק — צו שילדערן די יידישע עקזאָטישקייט, אָפּשפּאַסן פון דעם ייד, און שילדערן זיינע שלעכטע מידות. דאָ ווו זיי ווילן אַרויסברענגען די יידישע אייגנאַרטיקייט, הינקט עס צו אַ ביסל. אמת, איך האָב שוין אַכט און פערציק יאָר נישט געלייענט קיין פּויליש, אָבער דעם איינדרוק פון עליזאַ אָרזשעשקאָס ווערק זיינען נאָך פריש אין מיין זכרון, גלייך ווי איך וואָלט זיי היינט געלייענט.

לילי בערגער ווערט נתפּעל פון דעם ווערק „גיב אַ בלימל״ פון אָרזשעשקאָ. איך דערקען אין דעם די באַהאַלטענע טענדענץ ווי שלעכט און טרויעריק ס׳איז, אַז כאַימעק קען נישט קיין פּויליש וואָרט, און זיין האַרץ גאַרט און לעכצט נאָך די צוויי פּוילישע ווערטער „גיב אַ בלימל״, אַז אַפילו אין חדר חזרט ער זיי איבער אויף פּויליש.

און „מאיר עזאָפּאָוויטש״ איז פול מיט יידישע עם־הארצות. מיר וועלן נעמען נאָר איין ביישפּיל: עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ ברענגט אַ ציטאַטע פון תנך, און זאָגט אַז אַזוי שרייבט דער רמב״ם: „די ערד וועט פול ווערן מיט וויסן, אַזוי ווי די וואַסערן וועלן צודעקן דעם באָדן פון ים״ און אַ סך אַנדערע נישט־פּינקטלעכקייטן. אין אירס אַ ווערק, „פּאַן גראַבאַ״, שילדערט זי אַ יידישן פּראָצענטניק מיט די שוידערלעכסטע פאַרבן.

באָלעסלאַוו פּרוס, אין זיין באַקאַנט ווערק „לילקאַ״ און אַ סך אַנדערע, שטעלט ער דעם ייד פאָר אין אַ גאָר אַנטיסעמיטישן ליכט, ער שפּאַסט פון אים, מאַכט חוזק פון זיין שפּראַך ווי אַן אמתער יידן־פיינט.

לילי בערגער גייט אַרויס פון דעם קוקווינקל, אַז די פּוילישע שרייבער באַשרייבן אַ „פאַרשוווּנדענע וועלט, אַ טראַגיש אָפּגעווישטע. עס פאַרשווינדן ליידער אפילו די שפּורן נאָך זיי. זייערע און זייערע קינדערס מצבות, די קברים, די בית עולמס גופא ווערן ליידער אויך אָפּגעווישט. דעריבער זיינען אונדז די מצבות, וועלכע עס האָבן זיי געשטעלט די פּוילישע שרייבער, זייער פאַראייביקונג אין דער פּוילישער ליטעראַטור, אונדז היינט באַזונדערס טייער״.

דאָ בין איך מחולק מיט דער חשובער מחברין לילי בערגער. איך בין מוחל די פּוילישע שרייבער די מצבות וואָס זיי האָבן געשטעלט. פאַר מיר איז גענוג די מצבות וואָס ס׳האָבן געשטעלט די יידישע שריפטשטעלער, ווי, צום ביישפּיל: שלום אַש, אָפּאַטאָשו, נאָמבערג, פּרץ און אַ סך אַנדערע.

לילי בערגערס צווייטער אַרטיקל: „יידישער אומקום און ווידערשטאַנד אין דער פּוילישער ליטעראַטור״ איז מיר אין גאַנצן פרעמד און דעריבער קען איך וועגן דעם ניט אויסדריקן קיין מיינונג.

לילי בערגערס צוויי קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן שלום עליכם: „דורך דער פּריזמע פון קינדס שטרעבונגען און פאַרלאַנגען״, ווו זי באַהויפּטעט, אַז שלום עליכמס גרויסקייט דריקט זיך אויס אין זיינע קינדער־געשטאַלטן — „אין וועלכן די קינדער־געשטאַלטן צוזאַמען מיטן מחבר גופא פאַרנעמען דעם אויבנאָן, געהערט צו די רייפסטע, אַממערסטן ליריש, פּאַטעטישע ווערק פון שלום עליכמען״. אָט די באַהויפּטונג איז, לויט מיין מיינונג, איבערגעטריבן. דער צווייטער אַרטיקל: „די טראַגישע אילוזיע אין שלום עליכמס ווערק״, ווו זי זאָגט: „אַזאַ הויפּט־מאָטיוו איז אָן ספק די אילוזאָרישקייט, די מענטשלעכע אילוזיע, קאָנקרעטער — די יידישע אילוזיע אין איר טיפער טראַגיק״, איז לפי דעתי פאַלש.

די דאָזיקע ביידע אַרבעטן וועגן שלום עליכמען מינימיזירן די גרויסקייט פון דעם קינסטלער שלום עליכם. ווען מיר פאַרגלייכן אָט די אַרטיקלען מיט די מאמרים וועגן שוואַרץ־באַרט און איזאַק

באבעל, איז עס פאַר שלום עליכמען נאָך אַ גרעסערע באַליידיקונג.

די פּראָפּאָרץ פון בלויז דריי אַרטיקלען וועגן יידישע שרייבער און צוויי נאָר וועגן שלום עליכמען, לגבי די אַרטיקלען וועגן שרייבער אין אַנדערע שפּראַכן, באַווייזן די אונטערשעצונג פון דער שרייבערין צו דער יידישער ליטעראַטור.

## „פון היינט און נעכטן"

להיפּוך זיינען אַלע דערציילונגען פון לילי בערגער דורכויס אויף יידישער טעמאַטיק. לילי בערגער איז בלי ספק אַ גרויסע קענערין פון ליטעראַטור און אַ שאַרפזיניקע קריטיקערין. זי איז באַהאַוונט דורך און דורך אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, אין דער פּוילישער ליטעראַטור, אין דער דייטשער ליטעראַטור און איך בין זיך משער אַז זי קען אויך העברעיש, ווייל זי איז פיל באַהאַוונט אין יידישער געלערזאַמקייט און אין יידישע פּראָבלעמען. אַז זי קען דאָס יידישע לעבן דורך און דורך איז ביי מיר אָן שום ספק, און ווען עס קומט צו אַ פּסוק ציטירט זי אים אין אָריגינאַל.

די דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין דעם אויבנדערמאָנטן באַנד, זיינען איינגעטיילט אין צוויי טיילן: שילדערונגען פון דעם טראַגישן היינט ווי אויך בילדער פון אַמאָליקן יידישן לעבן.

די טראַגישע שילדערונגען פון דעם נאָך־היטלער עראַ, ווי צום ביישפּיל, „אין טאָג פון דער הייליקער קאַטערינאַ", ווו זי שילדערט דאָס לעבן פון אַ יידיש מיידל, וואָס האָט זיך דערצויגן ביי אַ פּוילישער פרוי אַן אלמנה, וועלכע האָט זיך צו איר צוגעבונדן בלב ונפש — ווי פלוצים דערוואַכט זיך דאָס יידישע באַוווסטזיין ביי דעם מיידל און זי פייניקט איר אַדאָפּטירטע מוטער, אַז זי זאָל איר זאָגן דעם אמת פון איר אָפּשטאַם. די אַדאָפּטירטע מאַמע ווערט געצוווּנגען צו זאָגן איר דעם אמת, אַז זי איז אַ יידישע טאָכטער, און ס'באַווייזט זיך אין אַ יידישער צייטונג דער וויטערדיקער אַנאָנס: „מרים זאַק, טאָכטער פון לייזער און רבקה זאַק, זוכט קרובים אין לאַנד אָדער אויסלאַנד, און בעט זיי אַז זיי זאָלן זיך אָפּרופן".

אָט די דערציילונג ברענגט אייך אַריין אין אַ טרויעריקער שטימונג פון וועלכער ס'איז שווער זיך צו באַפרייען. נאָך טראַגישער איז די דערציילונג „דער שטומער בעטלער". אַ שטומער בעטלער וואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, רופט אַרויס רחמנות ביי די פּויערים מיט זיין כלומרשטע שטומקייט און טויבקייט, און זיי וואַרפן אים צו פון צייט צו צייט אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל געקעכץ, און אַ מאָל גיט אים אַ פּויער אַ געלעגער אין שטאַל אויפן היי. און אַזוי וואַנדערט דער אָרעמער בעטלער אין קעלט און אין היץ, און ס'איז אים קיינער ניט חושד אַז ער איז אַ באַהאַלטענער ייד. נאָר איין מאָל האָט ער געהערט ווי יונגע פּויערים זינגען, און ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם פאַלשן טאָן, און ס'האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט: „פאַלש! פאַלש!" אין דער זעלבער צייט האָבן צוויי באַשטיוולטע דייטשן, וועלכע האָבן זיך אויך צוגעהערט צו דער מוזיק, אים קורץ און שאַרף געפרעגט: „יודע?" און גלייך האָט זיך דערהערט אַ שאָס, און דער טויבשטומער בעטלער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. אַ פּאָליאַק האָט זיך דערביי איבערגעצלמט און שטיל אויסגערופן: — „אָלאַ באָגא טאָ . . . טאָ כיבאַ מין קאָנטראָא מינצא, כיבא טען לייזאָרעק פּאָדאָבני . . . דאָ טעגאָ . . ."

אָט די דערציילונג קריצט זיך איין אין זיכרון און באַרויבט אייער שלאָף.

די דריטע דערציילונג, „דריי פריינד" איז פון דעם זעלבן זשאַנער און די דערציילונג „אַ נישט דערפילטע צוואה" מיט איר טראַגישן אינהאַלט, מאַכן אויף דעם לייענער גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק. ס'איז אַ געשיכטע פון אַ יידישן מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ דייטשע פרוי און צוויי קינדער. די פרוי, אַ נאַצי, האָט צוגענומען די קינדער און איר מאַן האָט זי געמסורט און ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער צו זיין אומקום. אַ יידישע וויסנשאַפטלערין האָט פאַרשטעלטערהייט געדינט ביי דער נאַציכע אין הויז, האָט זיך צוגעהערט צו די קריגערייען וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן דער נאַצי־פרוי און איר מאַן, האָט אַ מאָל אינטערוועניִרט, לטובת דעם מאַן, אַזוי אַז די נאַצי־פרוי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי איז אויך אַ יידישע, און זי האָט זי אויך אַרויסגעגעבן געשיקט צו ווערן אין קאָנצענטראַציע לאַגער. נאָך איר באַ־



פרייונג האָט די יידישע וויסנשאַפטלערין זיך צופעליק געטראָפן מיט דער נאַציכע, וועלכע איז אין אַ טאָג שפּעטער פאַרשוונדן געוואָרן. די וויסנשאַפטלערין באַקענט זיך מיט אַ פּראָפעסאָר פון דייטשלאַנד און זי דערפאַרט זיך, אַז ער ווייסט דער נאַציכעס אַדרעס. זי רעדט מיט אים אָפּ צו טרעפן זיך צו מאָרגנס אין גאָרטן, ער זאָל איר מגלה זיין דעם סוד ווו זי געפינט זיך, אָבער ווען זי איז געקומען אין גאָרטן האָט זי געפונען אַ ליידיקע באַנק.

די דערציילונג ענדיקט זיך מיט דעם וויטערדיקן זאַץ: „די געלע באַנק האָט אַ ליידיקע געוואַרט, פּראָפעסאָר זיגפריד קרעבס איז נישט געקומען", און צוזאַמען מיט דער יידישער וויסנשאַפטלערין וואַרטן מיר ביזן היינטיקן טאָג אויפן דייטשישן פּראָפעסאָרס יושר.

די געטאָ־סקיצע „אין קינדער־שפּיטאָל" ווו יעדער וואָרט איז פּלאַסטיש אויסגעטאָקט און איר זעט פאַר זיך די גרויזאַמקייט פון די יסורים פון אַ יידיש קינד, וואָס ליגט אין שפּיטאָל אין אַ ווינקל איינגעקאָרטשעט און עס עגבערט איר אין מוח דער געדאַנק: פאַר וואָס זיינען אַלע קינדער מיט מיר ברוגז און ווילן מיט מיר נישט רעדן? דאָס קינד ווייסט נישט, אַז דאָ אויף די בעטלעך לעבן איר ליגן לעבעדיקע מתים, הונגער־קראַנקע, וואָס קענען זיך נישט רירן פון אָרט, קענען נישט לעבן און נישט שטאַרבן. עס נעמט אייך אָן אַ רחמנות אויף די טויטע־לעבעדיקע מתים, וואָס פאַרסמט אייער בלוט אין די אָדערן.

נאָך אַ סקיצע — „די לעצטע נאַכט". דאָס איז אַ געטאָ־דערציילונג, וואָס שילדערט דעם באַרימטן יידישן דערציִער יאַנוש קאָרטשאַק, זיין איר־סופּיקער איבערגעגעבנקייט צו די קינדער, זיין זאָרג פאַר די קינדער, זיין דראַנג צו מילדערן די פּיין פון די קינדער און זיין טרויעריקן סוף, און דערנאָך, איין פרימאָרגן דערהערט זיך אַ קול: „יודען הערויס!" און דער דערציִער שעפּטשעט אויס: „זיי זיינען דאָ, די גיפּטיקע שלאַנגען. כ'וועל מיינע קינדער שיצן קעגן . . . כ'וועל . . . און ער האָט זיך געשטעלט אין אויבנאָן פון צוג מיטן יינגסטן ביי דער האַנט און מיט אַ געזאַנג אויף די ליפּן, שיצנדיק זיינע קינדער קעגן דער שרעק".

לייענענדיק אָט די דערציילונג האָט מיך באַהערשט אַ שרעקלעכער געפיל: פאַר וואָס זיינען די יונגע קינדער אַזוי שרעקלעך באַשטראָפט געוואָרן? איך האָב געלייענט אַ סך שילדערונגען וועגן דער טעטיקייט און אומקום פון יאַנוש קאָרטשאַק, נאָר אָט די סקיצע פון לילי בערגער האָט מיך דערהויבן צו אַן אומגעהויערן הויך.

איך וואָלט זיך געקענט אָפּשטעלן נאָך אויף די אַנדערע דערציילונגען אין דאָזיקן בוך. איך קען עס אָבער נישט טאָן איבער דוחק אין פּלאַץ. איך וועל זיך בלויז אָפּשטעלן צו דערמאָנען בתכלית הקיצור די סעריע „מענטשן פון מיין שטעטל", און פון זיי וועל איך אַרויסנעמען נאָר איין דערציילונג, „דער רביצינס יושר". דאָ שילדערט לילי בערגער אַ רביצין „אַ קאָזאַצקע", וועלכע קען נישט פאַרטראָגן קיין עוולות. זי צעטיילט די פאָרציע עסן, וואָס דעם קצבס יינגל האָט מיט זיך געבראַכט אין חדר, מיט אַן אַנדער יינגל וואָס האָט בדוחק דורכגעשטופּט דעם טאָג מיט זיין בידנע עסן. און אַז די קצבטע קומט אין חדר מיט רוגזה, הלמאי די רביצין נעמט צו איר זונס עסן און גיט עס אַוועק צו אַ צווייטן יינגל, ענטפערט זי איר: — יושר? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַז דיין בחור זאָל אויפפרעסן פאַר פיר און דאָס אָרעמע יינגל זאָל שמאַכטן פאַר הונגער? . . . איז דאָס יושר? . . .

די דערציילונגען: „פון מיין שטעטל" דערוועקן אין אייך בענקעניש נאָכן אַמאָליקן שטעטל, וואָס איז שוין מער נישטאָ. די טיפּן געשילדערטע פון לילי בערגער, זיינען קינסטלעריש געשטאַלטיקט, און די שפּראַך איז אַ ריינע פּלאַסטישע. אַרום און אַרום קען געזאָגט ווערן אַז אין דעם ווערק האָט לילי בערגער זיך אויפגעהויבן צו גאָר דערהויבענע קינסטלערישע מדרגות.

## „נאָכן מבול"

די טאַלענטירטע שרייבערין לילי בערגער ברענגט אונדז אַריין אין אַ געדריקטער שטימונג ווען מיר לייענען איר ווערק „נאָכן מבול". פון דעסטוועגן דויערט אָט

די שטאַמונג ניט לאַנג, ווייל מיר ווערן פאַרכאַפּט פון די קינסטלערישע שילדערונגען הן פון דער נאַטור און הן פון די פאַרשיידענע פערסאָנאַזשן.

אין דעם ערשטן פרק פון דעם בוך איז די נאַטור־שילדערונג אַ טרויעריקע, צוגעפּאַסט צו די פערזאָנען וואָס זי שילדערט. זי שטעלט פאַר אונדז פאַר אַ גרופּע פּסיכיש־ און נערוועז־קראַנקע לייט אין דעם הויף פון אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. די מענטשן וואָס זי שילדערט זיינען לעבעדיקע, יעדער פון זיי האָט זיך זיין אייגנאַרטיקע קראַנקהייט, זיינע באַזונדערע איינרעדענישן — איינעם פעלט אויס די דיפּלאָמע, וואָס ווען ער וואָלט געהאַט אָט די דיפּלאָמע וואָלט ער מיט איר חרוב געמאַכט די וועלט; צום צווייטן באַווייזט זיך אליהו הנביא דורך דער נאַכט און אַנטפּלעקט פאַר אים די סודות פון דער צוקונפט; אַ דריטער, אַ פרוי, חלומט פון אַ קעלער פול מיט עסן, אייער, פּוטער, ברויט, זי זיצט אין קעלער מיט איר מאַן — זאָל די גאַנצע וועלט אונטערגיין, איר אַרט עס ניט; די פערטע וויל זיך באַזאָרגן מיט אַ פּוטערן היטל, זי גיט איר צו פאַרשטיין מיטן שכל, אַז דער קאָפּ איז געזיכערט איז ממילא דער גאַנצער קערפּער געזיכערט.

אין דעם גאַנצן פרק זיינען געשילדערט גייסטיק־קראַנקע, יעדער, ווי געזאָגט, מיט זיין אייגנאַרטיקער חולאת, מיט אייגנאַרטיקע איינרעדענישן ווי אויסצובעסערן די וועלט, און דאָך באַפרייט ער זיך פון זיין קאָשמאַר אַ דאַנק די קינסטלערישע שילדערונגען פון דער שרייבערין.

אין די שפּעטערדיקע פרקים זיינען געשילדערט פאַרשיידענע פערסאָנאַזשן, און ס׳איז שווער זיך צו באַשליסן: ווער סע איז דער העלד פון דער דערציילונג, צי פּראָפ. אַנדריטש, אָדער זיין אַסיסטענטקע ד״ר איוואַ שטערן, אָדער פרוי אַמעבעזטיס. פרוי אַמעבעזטיס האָט דורכגעמאַכט אַלע מדורי גיהנום, פון היטלערס קאָנצענטראַציע לאַגערן. זי איז געווען אין זיינע „אַנאַטאָמישע אינסטיטוטן", ווו מ׳האָט עקספּערימענטירט אויף מענטשלעכע קערפּערס ווי אויף קראָליקעס. זי איז געוואָרן עטלעכע מאָל אָפּערירט פון אַלערליי געלערנטע, זי האָט געשוועבט צווישן טויט און לעבן, אָבער אַ דאַנק איר געזונטן קערפּער, האָט די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע זי געפונען אין אַ מצב פון נישט טויט נישט לעבעדיק. מ׳האָט זי אַריינגענומען אין אַ שפּיטאָל און זי אָפּגעראַטעוועט, אָבער זי האָט פאַרלוירן איר זיכרון: זי האָט נישט געוווּסט איר נאָמען, איר אָפּשטאַם, איר באַשעפטיקונג, קורץ, אַ פולשטענדיקע אַמנעזיע און דערצו אַ גייסטיק־קראַנקע. ס׳האָט זיך געפונען אַ באַרימטער פּסיכיאַטער און אַ מענטשנפריינד, וועלכער האָט באַשלאָסן אַז ער וועט טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך זי אויסצוהיילן פון איר גייסטיקער חולאת. מ׳האָט זי אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל וואָס איז געווען אונטער זיין אויפזיכט, מ׳האָט איר איבערגעגעבן אַ גרויסן צימער פאַר איר געברויך און פּראָפ. אַנדריטש האָט געוואָרנט אַלע באַדינער, אַז זיי זאָלן זיך מיט איר גוט באַגיין. מ׳האָט זי באַהאַנדלט מיט אַלערליי מיטלען צו דערוועקן איר באַוווסטזיין, אָבער דערווייל האָט זיך קיין זאַך ניט איינגעגעבן. מ׳האָט פאַר איר באַשטימט אַ באַזונדערע אַסיסטענטין, ד״ר איוואַ שטערן, וועלכע האָט ווי אַ צוגאָב צו אירע קענטעניש אויך באַזיצט אַ טיף מיטפילנדיק האַרץ. זי האָט ביסלעכווייז דערוואָרבן דעם צוטרוי פון דער קראַנקער, וועלכע האָט זיך צו איר אָנגעהויבן באַציען ווי צו אַ טאָכטער.

איין מאָל האָט די קראַנקן־שוועסטער זי געפונען זיצנדיק אין איר צימער אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ צום טיש, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, נאָר ווי פאַרגליווערט און פאַרזונקען אין געדאַנקען. די קראַנקן־שוועסטער האָט געפּרוּווט צו איר רעדן מיט גוטן, זי באַאיינפלוסן צו שפּאַצירן און עסן און למען השם נישט צו זיצן אין דער פינצטער. די קראַנקע האָט געענטפערט, אַז איר איז שטענדיק פינצטער, און ווייזנדיק אויף איר קאָפּ האָט זי געזאָגט: „דאָ איז ביי מיר שטענדיק פינצטער". די קראַנקן־שוועסטער האָט צו איר געשיקט ד״ר שטערן און פאַר איר האָט די קראַנקע אויסגעגאָסן איר גאַנץ ביטער האַרץ. „זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער בין איך, פון וואַנעט קום איך און ווו איז מיין זיכרון?"

ד״ר עווא שטערן באַרויִקט זי און באַווירקט אויף איר, אַז זי זאָל ניט פאַרלירן איר האָפענונג און אַ דאַנק פּראָפ.



אַנדריטשעס קוראַציע וועט זי מיט דער צייט צוריק געווינען איר זיכרון. זי רעדט צו איר ווי צו אַן אייגענער טאָכטער און פאַרטיידיקט זיך פאַר וואָס זי האָט לעצטנס זי אַזוי אָפט נישט באַזוכט און איז איר מגלה אַ סוד, אַז זי דערוואַרט איר געליבטן און דאָס איז די סיבה פאַר וואָס זי באַזוכט זי נישט אַזוי אָפט.

אויף דער נאַכט טרעפט זיך ד״ר שטערן מיטן פּראָפעסאָר און גיט אים איבער אירע אָבסערוואַציעס, אַז די קראַנקע רייסט זיך אַרויסצוגיין אין דער וועלט. וווהין זי וויל גיין ווייסט זי נישט, נאָר זי האָפט אַז ווען זי וועט אַרויסגיין אין דער וועלט וועט דער זיכרון זיך צו איר צוריקקערן בהדרגה.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג מיט ד״ר שטערן האָט דער פּראָפעסאָר באַשלאָסן, אַז מ׳דאַרף נאָכקומען דער קראַנקערס פאַרלאַנג און אַז ד״ר עווא שטערן זאָל זיך אָנהייבן אויסשליסלעך אָפּגעבן מיט אָט דער קראַנקער און איר ווידמענען די גאַנצע צייט.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג מיט זיין פרוי זאָפיע באַשליסט פּראָפ. אַנדריטש, אַז ד״ר שטערן זאָל אַריינברענגען די קראַנקע אין זיין הויז כדי זי זאָל אַריינפירן אַן אָרדענונג אין זיין ביבליאָטעק. דער פאָרגעשלאָגענער באַזוך פון דער קראַנקער איז גאָר נישט צום האַרצן פון דעם פּראָפעסאָרס פרוי, ווייל זי גרייט זיך מקבל פנים זיין איר זון, וועלכער איז שוין אייניקע יאָרן נישט געווען אין דער היים, נאָר זי קען איר מאַן נישט אָפּזאָגן און אויך ווייל זי האָט זייער ליב ד״ר עווא שטערן — איר זונס געליבטער.

איין מאָל, אין אַ פרימאָרגן, האָט עווא שטערן גענומען די קראַנקע פאַר אַ שפּאַציר, האָט זי אַריינגעבראַכט אין דער קיך פון פּראָפ. אַנדריטש, ווו די קראַנקע האָט עטוואָס געגעסן און פון דאָרט האָט זי זי אַריינגעפירט אין דער ביבליאָטעק.

נאָך דעם ווי ד״ר שטערן האָט איר דערקלערט איר אויפגאַב, האָט די קראַנקע אָנגעהויבן מסדר צו זיין די ביבליאָטעק. אַ שטערונג אין דער אַרבעט האָט די קראַנקע געפונען פאַרגעסנדיק אירע ברילן אין דער קיך. ד״ר איוואַ שטערן איז צוריקגעגאַנגען אין דער קיך צו ברענגען דער קראַנקער אירע ברילן. אין איר אָפּוועזנהייט האָט זיך די קראַנקע אַרומגעקוקט אין צימער און האָט דערזען אַ קליין בילד פון אַ יונג קינד, וואָס האָט זי אין גאַנצן צעטומלט.

ווען דאָקטאָר שטערן איז צוריקגעקומען אין צימער און האָט זי דערזען אין אַ חלשותדיקן צושטאַנד האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן. די קראַנקע האָט געשטאַמלט און געברומט מיט אַ קלאָג און אַ פרייד צוזאַמען:

„אָ־אָ־אָ־אָ, דאָ! ד־אָ! דד־ד!!" און האָט אָנגעהויבן אַרטיקולירן אַ וואָרט:

„דא־ניע־ל, דא־נ־יעל, דא־נ־יע־ל!"

זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אַ געוויין פון אומגעהוירן צער און פרייד, ס׳האָט זי געטרייסלט אַ ספּאַזמאַטישער יאָמער, איר שוואַכער גוף האָט זיך געבראָכן, אָנגעהויבן זיך צו וואַקלען ווי צו פאַלן.

ד״ר שטערן האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, האָט גערופן צו הילף: אַדאַם! אַדאַם! ס׳איז אַריינגעקומען דער זון, איר געליבטער, אַ קוק געטאָן אויף דער קראַנקער און געפּרוּווט שטעלן אַ דיאַגנאָזע: עפּילעפּסיע אַטאַקע? ד״ר שטערן און ד״ר אדאם האָבן די קראַנקע אַוועקגעזעצט אויף אַ באַקוועמען פאָטעל און ד״ר שטערן האָט דערהויבן איר קאָפּ, ברייט צעעפנט אירע אויגן, געקוקט אויפן בילד און אויף אדאמען, און זי האָט מיט ציטערדיקע ליפּן אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

„זז־יי־ן? ז־יי־ן? ער דאָס?"

עווא האָט געפּרוּווט זיך באַרואיקן מיט אַלע מיטלען. די קראַנקע האָט זיך באַרואיקט, נישט אויפגעהערט צו וואַרפן אירע בליקן אויפן בילד און גלייכצייטיק אויף אדאמען און האָט געזאָגט:

„יאָ, איך דערמאָן מיך, איך דערקען, מיין זיכרון איז צוריקגעקומען, די פינצטערניש איז אָפּגעטראָטן, איך דערמאָן זיך אַלץ, ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ".

„וואָס דערמאָנט איר זיך, זאָגט, וואָס?"

און די קראַנקע האָט געוויזן אויפן בילד און אויף אדאמען: „מיין יינגעלע, מיין זון . . ."

אדאם, אַ דערשטוינטער, האָט געקוקט אויף דער פרוי און געפרעגט:

„איך? אייער זון? איך דערמאָן אייך אייער זון? ווער זענט איר? „דיין מאַמע", האָט זי געענטפערט.

די קראַנקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפ, איר פנים האָט זיך פאַרוואָלקנט און זי האָט זיך אַראָפגעלאָזט אויפן פאָטעל אַ דערשעפטע. אדא האָט זייטיק אַריינגעשושקעט עוואן אין אויער: „האַלוציניִע״ . . . עווא האָט אָנגעהויבן זוכן איר בייטל, קוים געפונען די פילן. אדאם האָט געבראַכט וואַסער, די קראַנקע האָט דאָס אָן אַ וואָרט אַראָפגעשלונגען. דער פראָפעסאָר איז אַריין אין צימער, האָט זיך אָנגעבויגן, ווי ס'וואָלט פלוצלינג געפאַלן אויף זיין רוקן אַ שווערע משא. אדאם האָט אינפאָרמירט זיין פאָטער: „פאָטער, מיר האָבן איר געגעבן . . .״ די קראַנקע האָט מיט איר שטאַרקער חוש השמיעה דאָס דערהערט און דערשיטערט געפרעגט: „פאָא־טער? וועמעס?״

די קראַנקע האָט דאָס מאָל איבערגעריסן דאָס שווייגן און אָנגעוויזן אויף אדאמען: „הער פראָפעסאָר, מיין זון, מיינער! איך דערקען, זעט, דער שראַם אויף דער גאָמבע, אַ קליינטשינקער געווען, געפאַלן, פון דעמאָלט אָן . . . איך דערמאָן מיך אַלץ״.

דער פראָפעסאָר האָט זי געוואָלט עפעס פרעגן: „פרוי אמנעזטיס . . .״ און האָט נישט געענדיקט די פראַגע. זי האָט אים איבערגעריסן און פראָטעסטירט: „אמנעזטיס? אמנעזטיס? וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען? נישט מיינער! כ'הייס . . . רעבעקא זאקשטיין . . .״ און נאָך אַ ווײַלע האָט זי צוגעגעבן: „פראָפעסאָר זאקשטיין, ד״ר פילאָסאָפיע, פראָפעסאָר פון לאָגיק . . .״

די דריי זיינען געבליבן זיצן ווי צעטומלטע, זיי האָבן זי באַרויִקט און פראָפ. אנדריטש האָט געזאָגט: „איר דאַרפט איצט רו. מיר וועלן אייך אַריבערפירן אין אַן אנשטאַלט אין אייער צימער. ד״ר שטערן וועט בלייבן מיט אייך״. די קראַנקע האָט פראָטעסטירט, גלייך ווי זי וואָלט מורא געהאַט עס זאָל זיך נישט אויסשווענקען פון איר זיכרון, און זי האָט געזאָגט: „ביט שפעטער, איצט. כ'וועל דערציילן, באַלד, וואַרט צו, לאָזט מיך, כ'וועל . . .

זי האָט אַלץ דערציילט און דער פראָפעסאָר האָט זיך אָפגערופן צו דעם אדאָפטירטן זון: „אַלץ שטימט. זי איז דיין מוטער״.

דער עפיזאָד איז אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל דראַמאַטישקייט, ס'איז געווען אַ שרעקלעכע דראַמע, אי פאַר אדאמען צו הערן אַז די קראַנקע פרוי איז זיין מוטער, אי פאַר זאָפין וואָס האָט יעדער מאָל ווען זי האָט געהערט פון אדאמען דעם רוף מאַמע, איז געוואָקסן איר האַרץ פאַר פרייד, אי פאַר פראָפ. אנדריטש, וואָס איז געווען איבערגליקלעך אַז אַדאַם פאַרברענגט מיט אים געמיטלעך ווי אַ זון מיט אַ פאָטער, וואָס גייט נאָך אין זיינע טריט און ס'דערוואַרט אים אַ גרויסע קאַריערע אויף זיין געביט. נאָר איינע איז געווען וואָס האָט מיט איר פרויען־האַרץ מיטגעפילט דאָס גרויסע גליק פון דער מאַמע, וואָס האָט געפונען נישט נאָר איר זיכרון, נאָר אויך איר זון. דאָס איז געווען ד״ר איוואַ שטערן.

דאָס בוך, ווי איך האָב געזאָגט, איז רייך אין פסיכאָלאָגישע אָבסערוואַציעס, נאַטור שילדערונגען, וואָס זיינען אַזוי ווי אויסגעוואָקסן צוזאַמען מיט די פערסאָנאַזשן פון דער דראַמע, מיט מאַסן סצענעס, ווו יעדער איינע איז געשילדערט אינדיווידואַליסטיש און דאָך פאַרקניפן זיי זיך אין אַ גאַנצעס.

צום ביישפיל: די גרופן־סצענע, ווו עס קומען זיך צונויף ביי פראָפ. אנדריטש אין הויז אַלע געסט, וואָס די מוטער האָט איינגעלאַדן לכבוד איר צוריקגעקומענעם זון, די אַלע פערזאָנען זיינען געשילדערט זייער כאַראַקטעריסטיש, לויט זייערע פערזענלעכקייט און זייערע מיינונגען. ס'אַנטוויקלט זיך אַ שמועס צווישן די פאַרשיידענע פריינד, וועלכע זיינען אַלע געלערנטע, איבער נאַטור־וויסנשאַפט און קונסט. שווער איז אָנגעקומען אדאמען זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז די קראַנקע פרוי איז זיין מאַמע, נאָך שווערער איז געווען פאַר דער מוטער צו זען איר העסלעכקייט אין אַ שפיגל און זי האָט דערפון שטאַרק געליטן. זי האָט געוואָלט איר זון זאָל זי זען ווי אַ מאָל. נאָך אַ קורצער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זי זאָל דורכמאַכן אַ קוראַציע און אַ פלאַסטישע אָפעראַציע אויפן פנים.

שווער איז געווען פאַר ד״ר רעבעקא זאקשטיין צו פאַרלאָזן איר זון און איר צוקונפטיקע שנור ד״ר עווא שטערן, אָבער וואָס טוט נישט אַ מאַמע ווען זי וויל געפעלן אירע קינדער. נאָך דער קוראַציע



איז זי צוריקגעקומען צום פראָפעסאָר און ער האָט זי נישט דערקענט. גרויס איז געווען ביידנס שמחה פון דעם וווּנדערלעכן פאָרשריט וואָס די קראַנקע האָט דורכגעמאַכט אין אזאַ קורצער צייט, אָבער רעבעקא, איר האַרץ איז פאַרוווּנדעט. די ווונדן אויפן קערפער האָבן זיך אויסגעהיילט, אָבער די ווונד פון איר האַרץ און נשמה האָבן זיך נישט אויסגעהיילט. זי פאַרטרויט פאַרן פראָפעסאָר אירע פעסימיסטישע שטימונגען און פרעגט אַ ביטערע פראַגע: ווי קען דער מענטש נאָכן מבול, ווו ימען בלוט און טרערן האָבן פאַרפלייצט די וועלט און די מענטשן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות, ווו מען האָט עקספערימענטירט אויף מענטשלעכע קערפערס ווי אויף קראָליקעס, און דאָס האָבן געטאָן געלערנטע פראָפעסאָרן, — ווי קען מען לעבן אין אַזאַ וועלט?

דער פראָפעסאָר טרייסט זי און ער רעגט זי אָן צו שעפערישער אַרבעט, אָבער דאָס איז פאַר איר נישט קיין טרייסט. עס עפנט זיך די טיר און אדאם באַווייזט זיך. און רעבעקא האָט געפונען אַן אינהאַלט און אָנהאַלט אין איר לעבן: „מיין זון! מיין זון!״ שעפטשען אירע ליפן אין אַ געהויבענעם עקסטאַז.

„נאָכן מבול״ איז אַ גרויס ווערק, אַ קאָלאָסאַל קינסטלעריש ווערק און הגם די טעמאַטיק איז אַ טרויעריקע, פאַרגעסט מען דעם טרויער צוליב די קינסטלערישע אייגנשאַפטן. ס'איז גרויסאַרטיק געשילדערט, ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער יידישער עלעמענט איז דאָ אַזוי שוואַך. בלויז צוויי טיפן אין בוך, דער קינסטלער צימערמאַן און פראָפ. זיינוויל פאַרטרעטן דעם יידישן עלעמענט, נאָר זיי זיינען אָרגאַניש נישט פאַרבונדן מיט דער טעמאַטיק פון בוך.

---

צו אונדזער זייער ליבן און חשובן פריינד

**לייזער מעלצער**

דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער, דערציער און וווּנדערלעכן עסקן בצרכי ציבור, ווינטשן מיר

צו זיין 80סטן געבוירנטאָג

נאָך אַ סך, אַ סך שעפערישע, געזונטע יאָרן,

צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי, די דיכטערין

**מרים מעלצער**

לאַנגע יאָרן אָנגעפילט מיט אַ סך נחת און פרייד.

**א. ליעסין צווייג אַרבעטער רינג**

מ. זילבערט, סעקרעטאַר

**באָראָכאָוו־פינסקי צווייג**

**יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד**

יצחק בערקון, פאָרזיצער

יעטא און ז. בונין — בעלא און א. פאָזי

פעי סאַפיאַן — עלסי און אהרן ראַפאָפאָרט

# יעקב שמואל טויבעס

# וועלטלעכע יידישקייט אָדער יידישע וועלטלעכקייט*

(אייניקע באַמערקונגען צו אברהם גאָלאָמבס בוך „צווישן תּקופות“, י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תּל אביב).

וואָס איז דער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון אברהם גאָלאָמבס וועלט־באַנעם? וואָס איז די פילאָסאָפישע באַזע, דער גייסטיקער יסוד, אויף וועלכן ער בויט אויף זיינע טעאָריעס פון וועלט און לעבן? אויף וואָס איז ער זיך סומך בעת ער פּראָקלאַמירט זיינע פּראָגראַמעס און שטעלט פאָדערונגען צום יידישן פאָלק?

דער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון גאָלאָמבס וועלט־באַנעם איז, אַז יעדעס פאָלק פאַרמאָגט אַ געוויסן נוסח פון לעבן. אַ פאָלק, צי אַן עטנישע גרופּע לעבט אַזוי און ניט אַנדערש. די דאָזיקע פאָרם, דער דאָזיקער נוסח פון לעבן רופט זיך שטייגער. מיט דעם וואָרט שטייגער אָפּערירט גאָלאָמב זייער אַ סך. מען מעג זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט, אַז דער דאָזיקער באַגריף איז דער צענטראַלער פּונקט, דער אַקסנפּונקט, וואָס אַרום אים דרייען זיך אַ היפּש ביסל פון גאָלאָמבס טענות און טעאָריעס.

איז וואָס איז אַזוינס די רבותא מיטן שטייגער? וואָס איז דער יחוס, וואָס איז דער כוח פון דעם דאָזיקן שליסלוואָרט? מחמת פאַר זיך אַליין איז די אידעע פון אַ באַזונדערן שטייגער ניט קיין באַזונדערער אויפטו. עס איז מובן מאליו, אַז אויף אַ געוויסן אופן מוז דאָך אַ סאָציאַלע איינהייט לעבן און פונקציאָנאַרן. אינטערעסאַנט וואָלט געווען זיך צו דערוויסן, פאַר וואָס באַשטימטע גרופּעס מענטשן זאָלן זיך פירן אויף „זייער“ אופן. נאָר מכוח דעם שווייגט גאָלאָמב. אַזוי ווי דעם מין מעטאַפיזישע פראַגעס קען מען נישט פאַרענטפערן אויף אַ ראַציאָנאַלן און וויסנשאַפטלעכן אופן, רירט זיך גאָלאָמב צו די דאָזיקע פּראָבלעמעס שוין לכתחילה נישט צו, מחמת גאָלאָמב איז אַ וויסנשאַפטלער און אַ ראַציאָנאַליסט. פאַר אונדז זענען זיינע מאַטעריאַליסטישע און ריין נאַטורוויסנשאַפטלעכע תירוצים כלל נישט קיין תירוצים, לכל־הפּחות באַפרידיקן זיי נישט די מעטאַפיזישע באַדערפענישן פון דעם מענטשלעכן גייסט. זיי זענען נישט מער ווי אַ פאַרצייכענונג פון טרוקענע פאַקטן מיט דעם פּרימיטיוון פּירוש: עס איז אַזוי, מחמת אַזוי איז עס . . .

ווילן מיר באַטאָנען שוין ביים סאַמע אָנהייב פון אונדזערע אויספירן, אַז דער־מיט דערווייטערט זיך גאָלאָמב בפירוש פון אַ כאַראַקטעריסטישער מידה פונעם יידישן פאָלק, דהיינו, דווקא יאָ צו זיין איינגעוואָרצלט בלב ונפש אין אַ מיסטישן, אַן איראַציאָנאַלן יסוד. ווי די וואָרצלען פון אַ בליענדיקן בוים פאַרצווייגן זיך אומגעזען אין די טונקעלע טיפענישן פון דער ערד און פון דאָרט ציען זיי די יניקה פאַר דעם לעבן פון דעם בוים, פּונקט אַזוי איז די מיסטישע טיפעניש פון דעם באַשאַף און פון דעם באַשעפער דער באָדן, אין וועלכן עס זענען איינגעוואָרצלט די וואָרצלען פון דער יידישער אמונה, וואָס פון איר ווערט דאָס יידישע פאָלק געשפּייזט, פון איר ציט זיין יניקה דער יידישער לעבנסבוים.

*) פון דער רעדאַקציע: מיט אַ סך הנחות אין אָט דער קריטישער אָפּהאַנדלונג און מיט אַ סך מסקנות זיינען מיר ניט מסכים. מיר האַלטן אָבער אַז פריינד טויבעס, פון זיין צד, ווי אַ טראַדיציאָנעלער אָרטאָדאָקסישער ייד, האָט דאָס רעכט אַרויסצוברענגען זיינע טענות. ס׳איז אונדזער מיינונג, אַז דער שרייבער מאַכט ניט פּונקט אַזאַ גרינטלעכן אַנאַליז פון א. גאָלאָמבס היסטאָריאָסאָפישער שיטה. מיר וועלן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט פאַרעפנטלעכן אַן אַנטשיידנדיקע טעזע אין שייכות מיט אָט דעם ערנסטן ענין.



צו דער דאָזיקער מסקנה איז גאָלאָמב ניט צוגעקומען.

ער הייבט אָן פּראַגמאַטיש מיט דעם פאַקט פון אַ יידישן לעבנסשטייגער, וועלכער פאַרפעסטיקט זיך, לויט גאָלאָמבס טעאָריע, בהדרגהדיק און וואָס אַ מאָל מער אין דער השגה פונעם פאָלק. וואָס אַ מאָל מער ווערט דער דאָזיקער פאָלקישער שטייגער איינגעבאַקן אין דעם באַוואוסטזיין פונעם פאָלק, ביז ער ווערט די אָנגענומענע נאַציאָנאַלע שיטה. די דאָזיקע שיטה ווערט שפּעטער פאַרהייליקט אין ספרים אָדער, להבדיל, אין ליטעראַטור און די דאָזיקע ליטעראַטור איז ווידער משפּיע אויפן לעבן אין אַ שטענדיקן וועקסלשפּיל. אָט אַזוי איז אויך געשען מיט דער תורה הקדושה, מיט אונדזער הייליקער תורה, וואָס זי איז — לויט גאָלאָמבס תורה — ניט מער, ווי נאָר דער שבכתב פונעם פאָלקסשטייגער.

נישט כביכול האָט זיך אין אַ געוויסן היסטאָרישן מאָמענט אַנטפּלעקט פאַר דעם יידישן פאָלק און דערמיט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, נייערט דאָס פאָלק גופא האָט פּראָדוצירט די אידעע פון אַזאַ מין אַנטפּלעקונג. נישט דורך דעם גאונות פון איין מאַן, פון אונדזער לערער משה רבנו איז פאַרמיטלט געוואָרן צו דעם יידישן פאָלק זיין עטישע לערע און זיינע מאָראַלישע געזעצן, נייערט דאָס פאָלק גופא האָט פּראָדוצירט זיינע אייגענע אידעען פון עטיק און פון מאָראַל און זיי שפּעטער פאַרפיקסירט און קאָדיפיצירט אינעם נאָמען פון גאָט. דאָס פאָלק גופא האָט אַנטוויקלט אידעען פון אַ געטלעכער השגחה איבער דער וועלט און לסוף די אידעע פון איין גאָט, דעם מאָנאָטעיסטישן פּרינציפּ, וואָס איז דורך אונדז געגעבן געוואָרן דער גאַנצער וועלט.

איז דאָ נישט דער אָרט זיך מתווכח צו זיין מיט גאָלאָמבן איבער זיינע השגות מכוח דעם ערשטן גורם, מכוח דער סיבה ראשונה פון רעליגיע און פון מאָראַל. אַדרבה, מיר ווילן אים אויף אַ ווײַלע און לשם פּילפּול אפילו מודה זיין, אַז ער איז מכלומרשט גערעכט און אַז דאָס פאָלק האָט פון זיך אַרויס אַנטוויקלט רעליגיעזע אידעען און בתוכם די אידעע פון אַ גאָט, וואָס רעגירט די וועלט לויט מאָראַלישע געזעצן. מען קען מיט אים אויך מסכים זיין, אַז דאָס פאָלק האָט פאַרפיקסירט די דאָזיקע געזעצן אין ספרים, וואָס זיינען דערנאָך פאַרהייליקט געוואָרן.

אָבער — און דאָס איז די גורלדיקע פראַגע — צי זענען די אידעען, וואָס דאָס פאָלק האָט אַנטוויקלט, אין הסכם מיט דערווירקלעכקייט? זענען דעם פאָלקס אידעען מכוח גאָט און זיין הערשאַפט איבער דער וועלט אמתע אידעען? זענען זיי בלויז אידעען, גייסטיקע באַשעפענישן אָן קיין שום מציאות, אָדער פאַרמאָגן זיי רעאַליטעט?

מחמת דער אומשטאַנד, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך דערשלאָגן צו זיינע אמתן בהדרגהדיק און אויף אַן עוואָלוציאָנערן אופן און נאָך אַ היסטאָרישן פּראָצעס, מאַכט דאָך די דאָזיקע אמתן נישט ווייניקער אמת! דאָס מיינט נאָך נישט אַז יענע אידעען זענען בלויז חלומות, אילוזיעס און פיקציעס, מיטאָסן און לעגענדעס. און זאָל מען נישט מיינען, אַז די דאָזיקע פראַגעס זענען פּוסטע פראַגעס, קלאָץ־קשיות. אדרבה, זיי זענען זייער פּראַקטיש, עמינענט פּראַקטיש, מחמת פון דעם ענטפער אויף די פראַגעס איז אָפּהענגיק דער גאַנצער, אַזוי גערופענער גאָלאָמביזם צוזאַמען מיט זיין שטייגער־טעאָריע.

מחמת אויב אונדזערע רעליגיעזע אמתן זענען אמת, אויב דער באַשעפער האָט באַשאַפן זיין באַשאַף מיט אַ תכלית, דאַן מוז אויך דער שטייגער לעבן אַריינגענומען ווערן אין דעם דאָזיקן תכלית. דאַן האָט כביכול פּראָדוצירט דעם שטייגער און נישט ווי גאָלאָמב וויל — דער שטייגער כביכולן.

מיינען מיר נישט דערמיט צו זאָגן, אַז גאָלאָמב, שטייענדיק פאַר דער דאָזיקער מעטאַפיזישער פראַגע, דהיינו, צי האָט די וועלט אַ מאָראַלישן תכלית, צי האָט דער עולם ומלואו אַן עטישן זין און דעריבער אויך אַ זין־געבער, מוז ער דערויף ענטפערן אויף אַ פּאָזיטיוון אופן און זאָגן, אַז יאָ. זיכער האָט ער דאָס גוטע רעכט צו זיין פּריוואַטער מיינונג און מעג רואיק זאָגן, אַז ניין, אַז ער גלייבט נישט אין דעם, אַז זיין וויסנשאַפטלעך געוויסן איז אים נישט מתיר אָנצונעמען אַזאַ גלויבן.

אָבער דאָס יידישע פאָלק, שטייענדיק פאַר דער דאָזיקער פראַגע, האָט שוין לאַנג

אַרויסגעטראָגן זיין פּסק און געגעבן זיין ענטפער. און דאָס יידישע פאָלק האָט געענטפערט אַז — יאָ! יאָ, עס איז פאַראַנען אַ גאָט איבער דער וועלט און די וועלט האָט אַ זין און אַ תכלית. עס איז פאַראַנען אַ תורה און די תורה איז אמת. און זי איז נישט נאָר אַ צייטווייליקער אמת, נאָר אַן אַבסאָלוטער און אייביקער אמת, וואָס אַלע קומענדיקע צייטן און אַלע קינפטיקע דורות מיט אַלע זייערע שינויים און ענדערונגען וועלן מוזן צוריקגעפירט ווערן צו יענעם מקור און פאַרבונדן ווערן מיט יענעם אייביקן יסוד. אַז דווקא די דאָזיקע אידעע פון אַן אַבסאָלוטן אמת איז געווען דער אייגנטלעכער, דער גרויסער און געניאַלער אויפטו פונעם יידישן פאָלק, להיפוך צו אַלע רעלאַטיוויסטישע פילאָסאָפיעס און לגבי זיך שטענדיק בייטנדיקע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס און היפּאָטעזן.

אין סתירה צו די דאָזיקע היסטאָריש־פאַרפעסטיקטע השגות פונעם יידישן פאָלק, האַלט גאָלאָמב, אַז — ניין! פון זיין בוך „צווישן תקופות“, וואָס קען באַצייכנט ווערן ווי אַ סך־הכל פון כמעט אַלע זיינע השקפות, זעט זיך בולט אַרויס, אַז ער האָט אַ דורכויס מאַטעריאַליסטישן צוגאַנג צו געשיכטע און אַ לחלוטין זאָאָלאָגישע אויפפאַסונג פון דער מענטשהייט. אָט זאָגט ער, למשל (דאָרט, זייט 75): „. . . אַזוי ווי עס קומען אויף פאַרשיידענע סאָרטן געוויקסן און בעלי־חיים . . . אַזוי איז אויך מיט פעלקער. זיי קומען אויף ווי פון זיך. קיין כוח באַשטימט ניט פאָרויס קיין פונקציע, קיין אויפגאָב, און צוליב דעם שאַפט מען ניט קיין פעלקער“.

וואָלט מען אָבער געפרעגט גאָלאָמבן, אַז אויב אַזוי, איז צו וואָס שאַפט מען יאָ פעלקער? וואָלט זיין ענטפער מן־הסתם געוועזן, אַז מען, אַז דער סודותדיקער, אַנאָנימער מען, צי אַז די „נאַטור“ שאַפט אומבאַוווּסט. די נאַטור שאַפט אָן אַ צוועק און אָן אַ זין, אַ גולם, אַ ראָבאָט, אַן אויטאָמאַטישער פּראָדוקציע־אַפּאַראַט. מחמת אויב די נאַטור וואָלט געשאַפן באַוווּסט, אויב זי וואָלט געוווּסט וואָס זי טוט, וואָלט זי דאָך געוועזן, להבדיל, אַ גאָט.

איז, אַזוי לאַנג ווי גאָלאָמב שטעלט אַוועק די דאָזיקע פאַרעלטערטע טעאָריע ווי זיין פּריוואַטע מיינונג, איז ניט נויטיק מיט אים צו פּאָלעמיזירן. אָבער אויב ער זאָגט (דאָרט, זייט 75) אַז „קיין פאָלק טראַכט ניט, אַז עס עקסיסטירט אויף דער וועלט צוליב עפּעס אַ פונקציע, אַן אויפגאָב, פונקט אַזוי ווי עס טראַכט ניט קיין בוים וועגן זיינע אויפגאַבעס צוליב וואָס ער לעבט אויף דער וועלט“, זאָג איך, אַז לפי עניות דעתי איז דאָס נישט אמת.

צי דער בוים טראַכט, צי ניין, דאָס ווייסן מיר נישט, אָבער אַז דער מענטש טראַכט, דאָס ווייסן מיר יאָ. און מיר ווייסן, אַז יעדעס פאָלק, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען פאָלק, האָט שטענדיק פאַרבונדן זיין עקסיסטענץ מיט אַ העכערער אידעע, מיט אַ דערהויבענער פונקציע. לויט גאָלאָמבן אָבער לעבט יעדעס פאָלק דאָס לעבן פון אַ פלאַנץ, צי פון אַ חיה און נאָר צוליב דעם, וואָס „קיינער וויל נישט שטאַרבן, אונטערגיין“, ווי ער באַמערקט אויף דעם גלייכן אָרט.

אַיי דאָס יידישע פאָלק איז שוין נישט איין מאָל גרייט געוועזן זיך מקריב צו זיין און אַוועקצוגעבן זיין לעבן פאַר זיינע רעליגיעזע אידעען און אידעאַלן, אַזוי אַז מען קען באין־אופן נישט זאָגן, אַז סתם לעבן, סתם עקסיסטירן איז דער לעצטער תכלית פון אַ פאָלק, דאָס, זעט אויס, אַרט גאָלאָמבן ניט. אויף דעם האָט ער אַן ענטפער און אַ נייע טעאָריע. זיין טעאָריע איז, אַז די גרייטשאַפט זיך מקריב צו זיין נעמט זיך דערפון, וואָס יעדעס פאָלק וויל בלייבן אייגנאַרטיק, אָדער, אין אַן אמת געלונגענער וואָרטשאַפונג טאַקע פון גאָלאָמבן אַליין, מחמת יעדעס פאָלק וויל בלייבן „פאַרזיכיק“.

קען מען נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע אידעע איז אַ דבר חדש, אַ חידושדיקער אויפטו פון גאָלאָמבן. מיר ווייסן שוין מקדמונים, אַז דאָס יידישע פאָלק איז שטענדיק געוועזן און האָט שטענדיק געשטרעבט צו זיין אַן „עם לבדד ישב“. אָבער דאָס איז קיין מאָל נישט געוועזן קיין תכלית פאַר זיך, דאָס איז נאָר געוועזן אַ תנאי, אַ באַדינגונג. מיר האָבן געשטרעבט צו לעבן פאַרזיכיק, כדי צו באַוואָרענען אונדזער תכלית, כדי צו האָבן כוח מקיים צו זיין אונדזער תכלית. עס איז אַבסורד אָנצונעמען, אַז מיר האָבן זיך געלאָזט פאַרברענען אויף די שייטערפלאַקערס פון דער אינקוויזיציע, אַז מיר האָבן דורכגעליטן (און ליידן נאָך היינט) די שבעה



מדורי גיהנום פון גלות, אַלץ נאָר כדי צו בלייבן „פאַרזיכיק“. דער פשוטער שכל איז דאָך מחייב — האָבנדיק אין זינען זיין ריין ביאָלאָגישן וועלט־באַנעם — צו פרעגן גאָלאָמבן: וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו לעבן פאַרזיכיק, אַז דאָס לעבן גופא האָט ניט קיין זין?

אָבער לאָמיר באַטראַכטן אַן אַנדערן אַספּעקט פון דער גאָלאָמבשער פאַרזיכיקייט.

עס איז אַ דבר ידוע, אַז דאָס יידישע שטעטל האָט פאַרלוירן זיין עיקרדיקע, יידיש־פרומע פאַרזיכיקייט דורך דעם, וואָס עס האָט זיך אַסימילירט צו געוויסע אייראָפּעישע שיטות, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אין זיינע געמאַרקן. קודם די השכלה, דערנאָך די שיטות פון נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם און בונדיזם און אַ האַלב טוץ אַנדערע איזמען; זיי אַלע האָבן משנה געווען דעם פרצוף פונעם מיזרח־אייראָפּעישן יידישן שטעטל. וואָלט מען געוואָלט מיינען, אַז גאָלאָמב, דער ענטוזיאַסטישער אָנהענגער פון פאַרזיכיקייט, וועט אָט דעם פּראָצעס באַדויערן און באַוויינען. מחמת דאָ איז דאָך פאָרגעקומען אַ פאַרלוסט פון יידישן שטייגער לעבן, אַ קאָלעקטיווע, נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע צו פרעמדע, אייראָפּעישע שיטות אויף אַ גרויסן מאָסשטאַב. גאָלאָמב אַליין וועט זיכער ניט לייקענען, אַז די השכלה איז נאָר געוועזן אַן אימיטאַציע פון דער דייטשער „אויפקלערונגס פּעריאָדע“; אַז דער נאַציאָנאַליזם פון אייראָפּע, וואָס האָט אויך אונדז פאַרכאַפּט, איז געוועזן אַ פּועל־יוצא פון דער באַלקאַניזירונג פון דרום־אייראָפּע און אַז די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע שטרעמונגען אין יידישן לעבן זענען געוועזן ניט מער ווי קאָפּיעס פון דייטשע און רוסישע אָריגינאַלן. די אַלע דערמאָנטע באַוועגונגען זענען נישט אַרויסגעוואָקסן פון אַ כשרן, יידישן מקור. זיי זענען געוועזן אונטערגערוקטע ממזרים, פרעמדקערפּער, וואָס האָבן זיך אַריינגעגנבהט אין יידישן תחום.

האַלט אָבער גאָלאָמב נישט אַזוי. ער באַוויינט נישט און באַדויערט נישט די גרויסע אבדה, דעם פאַרלוסט פון אונדזער יידישער אייגנאַרטיקייט, נאָר אדרבה, ער ווערט גאָר נתפּעל פון דעם „נייעם“, וואָס איז דאָ אַרויסגעקומען. ער באַגריסט ווי אַ חידושדיקן אויפטו די געבורט פון דעם נייעם באַשעפעניש, ער באַגריסט דעם פּראָדוקט פון די אַסימילאַטאָרישע באַוועגונגען, וואָס פון זיי איז אויסגעוואַקסן דאָס, וואָס מען רופט היינט: וועלטלעכע יידישקייט. אָט, ווי גאָלאָמב שטאָלצירט מיט דעם „נייעם“, וואָס מיזרח־אייראָפּע האָט געשאַפן (דאָרט, זייט 32): „קיין ריין מענטשלעכע יידישקייט, יידישקייט ווי אַ קולטור, ווי אַ נאַציאָנאַלע וועלט־קולטור אָן באַציונג צו רעליגיע (אונטערגעשטראָכן פון מיר—י.ש.ט.) פון דעם האָט מען ניט געוווּסט“. און ער חזרט איבער דעם חידושדיקן אויפטו מיט דעם טאָן פון אַ טריומפאַטאָר: „וועלטלעכע יידישקייט אָן רעליגיע — דאָס איז אַן אויפטו פון מיזרח־אייראָפּע“.

אומשטיינס געזאָגט, אַן אויפטו! שוין איין מאָל אַן אויפטו!

מיר האָבן פאַרלוירן דעם טייערסטן יידישן אוצר, מיר האָבן אָנגעווירן דאָס, וואָס צוליב אים האָבן מיר געלעבט פאַרזיכיק און פון דער אַנדערער זייט איז דאָס, איז אונדזער יידישער דת, געוועזן אַ סגולה צו פאַרזיכיקייט און — מיר גרויסן זיך גאָר דערמיט. עס ווילט זיך כמעט ניט גלייבן, אָבער גאָלאָמב איז ווי פאַרשיכורט פון דעם „נייעם“ און ווערט ניט מיד אַלץ איבערצוחזרן דעם גלייכן פּיזמון (דאָרט, זייט 33): „. . . יאָ, יידיש, געטריי יידיש אָן רעליגיע! עקשנותדיק יידיש מיט זעלבסטאַכטונג און דאָך אָן רעליגיע!“

וויל איך דאָ פרעגן גאָלאָמבן, במחילת כבודו און מיטן גרעסטן רעספּעקט: געטריי צו וואָס? צו די אַסימילאַטאָרישע שיטות, וואָס האָבן אונטערמינירט די פונדאַמענטן פון אונדזער יידיש לעבן, צעשטערט דעם פאַרזיכיקן עלעמענט פאַר עקסעלאַנס, אונדזער יידישן דת?

דער אמת איז, אַז נאָך דעם פאַרלוסט פון דעם רעליגיעזן עלעמענט האָט מען נישט געהאַט צו וואָס צו בלייבן געטריי. דער אמת איז, אַז עס איז בכלל נישט פאַראַנען קיין אָריגינאַלע, פּאָזיטיווע שיטה פון וועלטלעכער יידישקייט. וועלטלעכע יידישקייט איז געוועזן און איז נישט מער ווי אַ נעגאַטיווע רעאַקציע צו דער פּאָזיטיווער, יידיש רעליגיעזער קולטור און פאַרהאַלט זיך צו איר ווי, להבדיל, מתנג־

דות צו חסידות. אַ וועלטלעכער ייד איז נישט אַ ייד, וואָס האַלט „וועלטלעכע מצוות". אַ וועלטלעכער ייד איז אַ ייד, וואָס האַלט נישט קיין יידישע מצוות. אַ וועלטלעכער ייד איז אַ ייד, וואָס האַלט נישט קיין שבת, וואָס ווייסט נישט קיין יום־טוב, וואָס פאַסט נישט אום יום כיפור, וואָס עסט נישט כשר, הקיצור, אַ וועלטלעכער ייד איז מקיים רק „נישטן" . . .

דעריבער איז וועלטלעכע יידישקייט נישט קיין פועל־יוצא פון געטריישאַפט צו יידישקייט, נאָר אדרבה און פאַרקערט, דער פועל־יוצא פון אומגעטריישאַפט צו יידישקייט. און דער דאָזיקער „אויפטו" פון מזרח־אייראָפּע וואָלט הרוב געמאַכט און פאַרניכטעט, חלילה, דאָס יידישע פאָלק אין איניקע יאָר, ווען ניט דער כוח פון אונדזער אַלטער ירושה, פון דער יידיש־רעליגיעזער היים, וואָס האָט נאָך אַלץ געלעבט און געוועבט אין דעם בלוט און אין די ביינער אפילו פון די משכיליש, נאַציאָנאַליסטיש, סאָציאַליסטיש און בונדיסטיש אַסימילירטע יידן. זיי האָבן זיך גענערט פון דעם אַלטן קרן, געלעבט פון דעם אַלטן קאַפּיטאַל, אונדזער אויסגעפּרוווטער יידיש־רעליגיעזער קולטור, דער איינציקער, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען קולטור. אַ והא ראַיה, ביי וואָס פאַר אַ מצב מיר האַלטן היינט, בעת דאָס דאָזיקע קאַפּיטאַל איז כמעט אינגאַנצן אויסגעצערט און דער קרן כמעט אינגאַנצן אויסגערונען. איז דאָך גאָלאָמב אַליין איינער פון די מקוננים, וואָס קלאָגן דערויף, אַז וועלטלעכע יידן קערן זיך אָפּ פון דעם לעצטן ביסל וועלטלעכע יידישקייט, וואָס מען פּרוווט מיט גוואַלד אויפצוהאַלטן.

דער פעלער פון גאָלאָמבן, לכל־הפחות אין שייכות מיטן יידישן פאָלק איז, וואָס ער מיינט, אַז מען קען מחלק זיין די באַגריפן קולטור און רעליגיע. מחמת דווקא די איינהייט פון די דאָזיקע באַגריפן איז געווען די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער קולטור אין אַלע צייטן און איבער אַלע שטחים. יידישע קולטור איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט יידישער רעליגיע. דער יידישער שטייגער לעבן, אַלע פאַזעס פונעם יידישן לעבן זענען געווען דורכגענומען און דורכגעזאַפּט מיט רעליגיעזן תוכן. עס איז געוועזן אין געוועב. הקיצור, אונדזער קולטור איז געווען אונדזער רעליגיע און אונדזער רעליגיע איז געווען אונדזער קולטור. יעדער עקספּערימענט אויסצעוואָרצלען די יידישע קולטור פון איר רעליגיעזן באָדן, צו מאַכן אַ כירורגישן איינשניט אין אַזאַ ענג־פאַרקייטלטער איינהייט, מוז שטעלן אין אַ סכנה דעם באַשטאַנד, חלילה, פונעם יידישן פאָלק.

אין אַזאַ מסוכנעם מצב געפינט זיך היינט יענער חלק פון אונדזער פאָלק, וואָס סאָלידאַריזירט זיך נאָך איצט מיט דער אַזוי גערופענער וועלטלעכער יידישקייט. מחמת היינט איז עס אַן אָפענער סוד, אַז די דאָזיקע סוראָגאַט־יידישקייט האָט פאַרלוירן איר כוח. זי האָט ניט מער קיין צוציונגס־קראַפט. זי פאַרמאָגט ניט קיין אויטאָריטעט און איז דעריבער קיינעם נישט און צו גאָר נישט מחייב. אָט, אין דעם ליגט טאַקע דער גרויסער חילוק צווישן אַ רעליגיעזער קולטור און אַ סעקולאַרער קולטור. די רעליגיעזע קולטור שטיצט זיך אויף אַ פאַרהייליקטער אויטאָריטעט, דעריבער זענען אירע געבאָטן הייליק; זיי זענען מצוות און מצוות זענען מחייב. די דאָזיקע גוואַלדיקע און מכריעדיקע אייגנשאַפט פעלט דער וועלטלעכער יידישקייט. זי גיט זיך אפילו נישט אָפּ קיין דין וחשבון דערפון.

לאָמיך אילוסטרירן מיין באַהויפּטונג מיט אַ משל טאַקע פון גאָלאָמבס ווערק. אָט, האַלט למשל גאָלאָמב, אַז די יידישע פאַרזיכיקייט דאַרף אַרויפגיין אויך אויף עסן און טרינקען. בין איך שטאַרק צופרידן, וואָס איך קען כאָטש איין מאָל אין גאַנצן מסכים זיין מיט גאָלאָמבס אַ סברה, מחמת עס איז ביי מיר קיין ספק, אַז ער האַלט, אַז יידן דאַרפן עסן כשר. איז נישט געווען באַשערט. קומט גאָלאָמב און זאָגט גאָר (דאָרט, זייט 47), אַז ביי די מאכלים דאַרף זיין דער עיקר „נישט דווקא כשרות, נאָר די עצם מאכלים" . . .

איז מיר קשה. וואָס מיינט עצם מאכלים? זיכער איז דאָך דאָס כשרות פון אַ מאכל דאָס עצמדיקע דאָס חשובע, מחמת עס איז פאַרבונדן מיט אַן עטישער אידעע און האָט דעריבער נישט נאָר אַ גשמיותדיקן, נאָר אויך אַ רוחניותדיקן באַטייט. עס איז אויך קיין ספק, אַז כשרות איז געווען איינע פון די גאָר חשובע פאַקטאָרן,



# באַריכטן און נאָטיצן

## לייזער מעלצער אַ בן־שמונים

צו אונדזער חשובן מיטאַרבעטער און ליבן פריינד לייזער מעלצער — שיקט „חשבון"־רעדאַקציע האַרציקסטע ברכות צו זיין ווערן אַ בן־שמונים.

אונדזער ליבער לייזער מעלצער איז געבוירן געוואָרן אין מינסק אין דעם 88סטן יאָר פון פאָריקן י"ה. וועגן די דאָזיקע יאָרן האָט ברוך צוקערמאַן געשריבן אין „יידישער קעמפער" (22 נאָוו., 1968), אַז „דאָס אַכטע יאָרצענדליק פון לעצטן י"ה זעט אויס ווי גאָר געבענטשט . . . ווייל עס זיינען דאַן געבוירן געוואָרן אַ צאָל יידן, וואָס האָבן — אין די שפּעטערדיקע יאָרצענדליקער — פאַרנומען בכבודיקע פּאָזיציעס, יעדער לויט זיין באַזונדערן אופן, אין די שטחים פון קולטור, פון פּאָליטישער און סאָציאַלער מחשבה אא"וו". נון, אונדזער פריינד און מיטאַרבעטער לייזער מעלצער, וואָס איז אויך געבוירן געוואָרן אין יענע יאָרן, האָט „לויט זיין באַזונדערן אופן" אויך „פאַרנומען בכבודיקע פּאָזיציעס אין די שטחים פון קולטור און פּאָליטישער און סאָציאַלער מחשבה", און פאַרנעמט זיי אויך איצט — עד מאה ועשרים.

לייזער מעלצער איז נאָך געווען זייער יונג ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. מיט אַרום זעכציק יאָר צוריק האָט ער אַרויסגעוואַנדערט קיין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, ווו ער איז געוואָרן דער „סיטי עדיטאָר" פון דער טאָג־צייטונג „קאַנאַדער אָדלער". דאָרט אין קאַנאַדע איז ער אויך געווען איינער פון די גרינדערס פון די י. ל. פּרץ יידישע פאָלקשולן און איז אין די ערשטע יאָרן געווען איינער פון זייערע לערערס. שפּעטער איז ער אַרויסגערופן געוואָרן קיין ניו־יאָרק ווו ער איז געווען אַ לערער אין די אַרבעטער רינג פאָלקשולן, און מיט אַרום 35 יאָר צוריק האָט ער זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס.

דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס איז ער געוואָרן זייער אַקטיוו סיי אין אַרבעטער רינג און סיי אין דער פּועלי ציון באַוועגונג. דאָ האָט ער געגרינדעט דעם מאַקס פיין פּועלי ציון צווייג, און זיך בלב ונפש געווידמעט דער טעטיקייט פאַר הסתדרות, קרן קיימת, און בכלל ציוניסטישע און יידישע קולטור־טעטיקייטן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער זיך באַזעצט אין אָוקלאַנד, און אויך דאָ זיצט ער נישט מיט פאַרלייגטע הענט, נייערט ער האָט דאָרט געגרינדעט אַ יידישן קולטור־קלוב, ווו ער פירט אָן קלאַסן פאַר דערוואַקסענע אין יידיש און יידישער ליטעראַטור און פירט אָן טעטיקייט לטובת

וואָס האָבן אונדז געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די אומות־העולם און אַזוי אַרום אונדז באַוואָרנט פון אַסימילאַציע. אַחוץ דעם האָט עס אונדז פאַרבונדן מיט אַלע יידן פון דער וועלט ווי איין פאָלק. דער תימנער ייד האָט געמעגט עסן זיינע אָריענטאַלישע מאכלים, וואָס זענען אונדז געווען לחלוטין פרעמד. אָבער דאָס געמיינשאַפטלעכע, דאָס בשותפותדיקע, דאָס יידיש־פאַרזיכיקע אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן וועלט־מאָסשטאַב איז געווען, וואָס ער האָט געמוזט עסן כשר, פונקט אַזוי ווי דער דייטשער, צי ווי דער גאַליציאַנער ייד. אָט, דאָס איז געווען דער אמתער גורם פון אַ יידישער וועלט־קולטור, פון יידן ווי אַ וועלט־פאָלק.

אברהם גאָלאָמב האַלט מיט אונדז אין איין קנעלן, אַז מען דאַרף פאַרהייליקן דאָס וואָכעדיקע, אַז מען דאַרף מאַכן פון חול, קודש. פאַרהייליקן דאָס וואָכעדיקע מיינט דאָך אָבער זיכער פאַריידישן דאָס וואָכעדיקע, פאַריידישן דאָס וועלטלעכע. איז אויב מען זאָל דווקא וועלן אַריינציען אין אַ דעפיניציע פון דעם יידישן תכלית דאָס וואָרט וועלט, וואָלט מען נישט געדאַרפט ריידן וועגן וועלטלעכער יידישקייט, נאָר אדרבה און פאַרקערט, וועגן יידישער וועלטלעכקייט.

און אפשר אפילו וואָלט געווען גלייכער זיך צו באַנוצן מיט אַן אַלטן, אַ טייערן, אַ סקאַרבאָווע וואָרט, וואָס אַ מאָל האָבן דאָס אַלע פאַרשטאַנען.

דאָס וואָרט הייסט פּשוט: יידישקייט!

דער יידישער מדינה. אין דער זעלבער צייט איז ער ממשיך זיין ליטעראַרישע טעטיקייט און זייַנע מאמרים מעניני דיומא ווערן פאַרעפנטלעכט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" און אין „חשבון".

אוודאי דאַרף דאָ באַטאָנט ווערן, אַז אין אָט די אַלע פאַרצווייגטע טעטיקייטן האָט לייזער די פולע קאָאָפּעראַציע און מיט־הילף פון זיין „עזר כנגדו", זיין ליבע פרוי, די באַקאַנטע דיכטערין מרים מעלצער. זיי ביידע שטיצן מיט אַ ברייטער האַנט אַלערליי טעטיקייטן פאַר מדינת ישראל און אויך היגע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. און וואָס שייך מדינת ישראל, זייַנען זיי דאָרט אָפטע געסט. און פון אַזאַ נסיעה קיין ישראל האָבן זיי זיך טאַקע אָקאָרשט צוריקגעקערט און דאָרט האָבן זיי דאָס מאָל פאַרבראַכט עטלעכע חדשים.

ווינטשן מיר אונדזערע ליבע גוטע פריינד, לייזער און מרים מעלצער, נאָך אַ סך געזונטע און שעפערישע יאָרן און גליקלעכן צוזאַמענלעבן.

---

## מרים מעלצער

## צו דיר, מיין לעבנספריינד!

(צו לייזער מעלצערס 80סטן געבוירנטאָג)

די יוגנט־יאָרן — בלומען אין געבליט;<br>
מיטלעלטער — גיך פאַרגייט, פאַרפליט;<br>
נאָר לעבנס־חכמה — קיין מאָל ניט.

און מעג דער וועג פון שעפערישע יאָרן,<br>
הן פון פרייד און גליק, הן צער און צאָרן,<br>
אין גאַנג פון צייט פאַרגיין, ווערן<br>
פאַרלוירן, —

שטייסטו דאָך אויף הויכע הייכן,<br>
פון פריינד געאַכטעט און פאַרערט,<br>
און העלפסט דיין פאָלק גאולה צו גרייכן.

ווען פעלקער שטעלן אונדזער לאַנד<br>
אין קאָן, ווי אין שאַכמאַטן־שפּיל —<br>
האַלטסטו הויך די פאָן אין האַנט,

און טראָציק שפּאַנסטו אין פאָרויס<br>
מיט דיין יוגנט־אידעאַל,<br>
וואָס קיין מאָל לאָזט ער זיך ניט אויס.

## אונדזערע ברכות צו יוסף ווײַנמאַן

צו אונדזער ליבן פריינד און חבר, דעם קולטור־ און בצרכי ציבור־עסקן, יוסף ווײַנמאַן — שיקט „חשבון"־רעדאַקציע האַרציקסטע ברכות צו זיין פינף־און־זיי־בעציקסטן געבוירנטאָג.

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אַ סך פריינד, אָבער דערצו האָבן זיי אויך שונאים. אויסגעצייכנט ווערן אָבער די מענטשן, וואָס זייערע פריינד זייַנען פיל־צאָליק און קיין שונאים האָבן זיי אין גאַנצן נישט. אַזוינע מענטשן זייַנען יחידי סגולה און איינער פון זיי איז אונדזער ליבער פריינד יוסף ווײַנמאַן, וועלכער איז באַליבט פון אַלעמען און ניט־באַליבט פון קיינעם.

יוסף ווײַנמאַן איז אין לאָס אַנדזשעלעס אַ לאַנגיאָריקער תושב, און הגם ער איז תמיד געווען אַ געשעפטסמאַן און איז אין זייַנע געשעפטן תמיד געווען שטאַרק פאַרנומען, פון דעסטוועגן האָט ער אַלע מאָל געשפּאָרט נייטיקע צייט פאַר אַלערליי געזעלשאַפטלעכע און יידיש־קולטורעלע טעטיקייטן.

באַזונדערס האָט יוסף ווײַנמאַן געווידמעט אַ סך טעטיקייט פאַר דעם לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און ער איז געווען איינער פון די הויפּט־עסקנים, וואָס האָבן דעם קולטור־קלוב דערהויבן פון זיין אָרעמען באַגינען צו דער דערהייבנקייט צו וועלכער ער איז בהדרגה־דיק געשטיגן.

און ווי אַ זייער וויכטיקן אויפטו פון יידישן קולטור־קלוב האָט יוסף ווײַנמאַן תמיד באַטראַכט די תמיכה, וואָס דער דאָזיקער קלוב האָט ביז לעצטן יאָר געגעבן בכדי אויסצוהאַלטן דעם זשורנאַל „חשבון" ביד רחבה. און איצט, ווען דער יידישער קולטור־קלוב איז פאַראָרעמט געוואָרן און האָט די דאָזיקע שטיצע אָפּגעשטעלט, באַדויערט עס ווײַנמאַן זייער שטאַרק.

יוסף ווײַנמאַנס טעטיקייט איז אָבער קיין מאָל נישט געווען באַגרענעצט מיטן יידישן קולטור־קלוב און „חשבון", ניי־ערט זי איז פאַרצווייגט איבער אַלערליי געביטן פון יידיש־געזעלשאַפטלעכע און יידיש־קולטור לעבן און, ווי געזאָגט, זייַנע



# „חשבון" ביים פיר און צוואַנציקסטן יאָרגאַנג

„חשבון", באַזונדערס אין די לעצטע עטלעכע יאָר, פירט מיט זיך אַליין אַ חשבון — דעם חשבון פון ווערטיקן יידישן וואָרט. דערפאַר טאַקע שטרענגט זיך אָן די רעדאַקציע אויסצומיידן צו באַנוצן זיך מיט סתם אין־דער־וועלט־אַריין־מאַטעריאַל, וואָס ווערט אונדז אַריינגעשיקט. מיר באַמיען זיך אויס־צוקלייבן, לויט אונדזערע באַדינגונגען, דאָס ליטעראַריש ווערטיקע, דאָס גוטע, ריינע און בעסטע, בכדי דאָס צוצוטראָגן צום לייענער. און דאָס איז ניט אַזוי גרינג.

צוליב וואָס זאָל עס געלייקנט ווערן? — די רייען פון אונדזערע דאָ־הי שעפערישע מענטשן אויף יידיש זייַנען אין די לעצטע יאָרן אַ סך שיטערער געוואָרן. קענען מיר בשום אופן ניט גיין אין גרויסן און מיר מוזן זיין באַ־שיידן. אָבער אפילו אין באַשיידנקייט ציטערן מיר ניט נאָר איבערן עצם פון וואָרט — זיין גלאַנץ און קינסטלערישקייט, נייערט אויך, און דער עיקר, איבער דעם תוך פון וואָרט — זיין גייסט, זיין קערן.

דאָס הייסט ניט אַז אונדזער קליינער זשורנאַל, דער „שארית הפליטה" פון די יידישע צייטשריפטן אין מערב פון דער יידישער מעטראָפּאָליע אין ניו־יאָרק,ליידט פון אַ מינדערווערט־קאָמפּלעקס לגבי די יידישע שריפטן ערגעץ אַנדערש ווו. מיר קענען זיך טאַקע ניט פאַרמעסטן מיט זיי. מיר ווייסן ווויל וויפל אונדזערע אומשטענדן קענען פאַרטראָגן, דאָך פילן מיר זיך ווי גלייכע אין דער ריי פון אַנדערע יידישע ליטעראַרישע שריפטן.

אין די היגע זייער שווערע באַדינגונגען קלאַמערן מיר זיך מיט אַלע כוחות אָן דעם ווערט פון יידיש. „חשבון" שטרענגט זיך אָן מיט אַלע מיטלען ניט נאָר איינצוזאַמלען דאָס ביסל שעפערישקייט וואָס איז שוין דאָ אויפגע־שפּראָצט, נייערט אויך צו געבן דעם שטוים פאַר נייע שאַפונגען. און זאָל עס ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ „לאָקאַלער פאַטריאָטיזם" פון דעם באַשיי־דענעם היגן שרייבערקרייז צו האָבן אַ חלק ונחלה אין גרויסן יידישן שאַפן,

---

## אַקאַדעמישע אָנערקענונג צו זלמן זילבערצווייג

אונדזער חשובער „חשבון"־מיטאַרבעטער זלמן זילבערצווייג, פּרעזידענט פון דעם ל. אַ. אָפּטייל פון ייוו"אָ, מחבר פון דעם מאָנומענטאַלן, פיל־בענדיקן, ענצי־קלאָפּעדישן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", טיפער דענקער, עסייאיסט און פובליציסט, און אַזוי ווייטער און ווייטער, — האָט געקראָגן אויסצייכענונג פאַר זיין פאַרצווייגטער ליטעראַרישער שעפעריש־קייט, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן פון דעם יידישן לערער־סעמינאַר — הרצליה אין ניו־יאָרק.

די „חשבון"־רעדאַקציע גראַטולירט ח' זילבערצווייג פאַר דער גוט־פאַרדינטער אויסצייכענונג וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן און ווינטשט אים און זיין ליבער „עזר כנגדו", צייליע, אַ סך, אַ סך געזונטע, גליקלעכע, שעפערישע יאָרן.

---

פריינד זייַנען אומעטום און געאַכט איז ער פון אַלעמען.

יוסף ווײַנמאַן איז איינער פון די גליק־לעכע מענטשן, וואָס איז געבענטשט מיט אַזאַ „עזר כנגדו" ווי זיין ליבע דזשעני, וואָס מיט איר ליבע און געטריישאַפט צו איר מאַן, איר גאַסטפריינדשאַפט בכלל און צו קולטור־מענטשן בפרט און מיט איר געבענטשטן חוש פאַר הומאָר, שאַפט זי אַ וואַרעמע אַטמאָספערע אין זייער היים.

מיר שיקן זיי ביידן אונדזערע האַר־ציקסטע ברכות פאַר נאָך אַ סך לאַנגע, גליקלעכע יאָר, אָמן.

נייערט, און בעיקר, ווײַל „חשבון” ביישטייערן אייגנס צום קולטור־געברויך פֿון היגן לייענער, ווי אויך פֿאַר די לייענערס פֿון אַנדערע שטעט איבער אַמעריקע און אפֿילו אין אַנדערע לענדער.

ס׳הייבט זיך אָן איצט דאָס פֿיר און צוואַנציקסטע יאָר ווי „חשבון” האַלט אָן די דאַזיקע פּאָזיציע אויף דעם קליינעם שטח וואָס ער האָט פֿאַרנומען אויף דער יידישער גאַס. און מיר, אין דער איצטיקער רעדאַקציע, גלויבן אויסצוברייטערן און פֿאַרטיפֿן דעם אינהאַלט פֿון דעם זשורנאַל. אָבער, צום באַדויערן, באַגעגענען מיר שוועריקייטן, שטערונגען און שטרויכלונגען אויף אונדזער וועג — באַזונדערס אויפֿן פֿינאַנציעלן געביט — וואָס מאַכן אונדז אָפֿט מאָל אָפּהענטיק און פּעסימיסטיש.

די ממשותדיקע פֿינאַנציעלע תמיכה, וואָס „חשבון” האָט ביז איצט געקראָגן פֿון אַ באַשטימטן קוואַל, האָט זיך, צום באַדויערן, דאָס יאָר אָפּגעשטעלט. און די זייטיקע הילף, וואָס אונדזערע פֿרײַנד שטערנגען זיך אָן אַריינצוקריגן, איז לעת־עתה אַזאַ מיזערנע, אַז די לאַגע ווערט קריטיש ביז גאָר. שווער צו קומען מיט יידיש אין לאָס אַנדזשעלעסער יידישע הייזער — זייערע טירן עפֿענען זיך ניט ברייט, אָדער אין גאַנצן ניט. אפֿילו די וואָס האָבן אָנגעהאַנגען אויף זייערע ביישטידלען כשרע מזוזות, בלאָזט אויך פֿון זיי אַ קאַלטער ווינט. צו „גיין איבער די הייזער” איז פֿאַר יידיש בכלל אַ דעגראַדאַציע. עס פֿאַרשוועכט דעם כבוד פֿון שעפֿערישן וואָרט, וואָס וויל, און האָט ניט די מיטלען, צו קומען צום אויסדרוק. און צו דאַרפֿן אָנקלאַפּן אין טירן, וואָס ווילן זיך ניט עפֿענען, איז נאָך מער פּחיתות הכבוד. דאָס עצם וואָרט ווערט דורך דעם פֿאַרשוועכט און דערנידעריקט.

אונדזערע מקובלים האָבן געזאָגט: „ווען אַ מענטש איז מחדש אַ וואָרט ביים לערנען, שטייגט אַרויף דאָס וואָרט און שטעלט זיך אַוועק פֿאַר קדוש ברוך הוא (גאָט). און קדוש ברוך הוא נעמט דאָס וואָרט און קושט עס און קרוינט עס מיט זיבעציק באַצירטע קרוינען”. (הקדמת ספר הזוהר).

אָבער ביי אונדז זעט אויס, אַז ווי גאָט באַקרוינט דאָס באַנייטע וואָרט מיט קרוינען, אַזוי טוען מיר אָן אויף דעם דאָרנקראַנצן . . .

מיר ווענדן זיך צו די ברייטע שיכטן פֿון די היגע קולטורמענטשן צו פֿירן מיט „חשבון” אַ חשבון: דערלאָזט ניט אייננצוקאַסירן פֿאַר די 23 יאָרגענג פֿון „חשבון” אַ חלק לעולם הבא אין גן־עדן פֿון יידיש־אייביקייט! באַשטייט אויף דעם אַז שעפֿערישע אָפּשפּאָרענישן זאָלן דערמעגלעכט ווערן אויך אויף להבא!

מיט אייער הילף, ליבע פֿרײַנד פֿון יידיש, וועט „חשבון” קענען ווייטער לעבן, שאַפֿן און געדייען, און ברענגען דאָס ווערטיקע וואָרט צו די יידישע היימען אין קאַליפֿאָרניע און ווייטער נאָך.

---

## ביישטייערונגען פֿאַר „חשבון” נומער 54

דער ל. א. יידישער שרייבער־קרייז דריקט אויס אַ יישר־כוח צו די אַלע פֿרײַנד און יידישע קולטור־מענטשן, וואָס דורך זייערע ביישטייערונגען האָבן זיי דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן דעם איצטיקן נומער „חשבון”. די רשימה פֿון אַלע ביישטייערערס וועט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אין קומענדיקן נומער פֿון אונדזער זשורנאַל.

ז. בוניו, סעקרעטאַר.



# חבל על דאבדין ולא משתכחין

ווען דער איצטיקער נומער „חשבון” איז שוין געווען גרייט געדרוקט צו ווערן זיינען צו אונדז אָנגעקומען, איינער נאָך די אַנדערע, די דערשיטערנדיקע ידיעות וועגן דעם טויט פֿון זיבן פֿון די בעסטע און טאַלענטירסטע יידישע שרייבערס אין ניו־יאָרק און אין מדינת ישראל:

דער גרויסער מלומד אין חכמת היהדות און אַלגעמיינע וויסנשאַפֿטן,

### ד״ר הירש לייב גאָרדאָן

דער באַוואוסטער יידישער פּאָעט, אָפֿטער מיטאַרבעטער פֿון „חשבון”,

### אַלף כּץ

דער פּאָעט און עסייאיסט, פּאָרזיצער פֿון יידישן פּען צענטער,

### לייב פֿיינבערג

דער פּובליציסט, מיט־רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס”,

### משה עלבוים

דער שעפֿערישער יידישער שריפֿטשטעלער און געלערנטער,
גרינדער און אָנפֿירער פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (ייוו״אָ)

### מאַקס ווײַנרייך

דער שפּרודלדיקער שעפֿער אויף אַ סך יידישע ליטעראַרישע געביטן

### אליהו טראָצקי

דער גרויסער יידישער פּאָעט, נאָוועליסט און דראַמאַטורג

### איציק מאַנגער

דערצו האָבן מיר געליטן אַ גרויסן פֿאַרלוסט דאָ־הי ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס דורך דעם טויט, מיט דריי וואָכן פֿריער, פֿון דעם באַגאַבטן יידישן ליטעראַטור־קריטיקער און פּאָעט

### יחזקאל בראָנשטיין

עס איז ניט אַוועק אַ וואָך אַז דער גרויזאַמער טויט זאָל ניט אַוועקרייסן פֿון אונדזערע שוין אַזוי אויך אויסגעשיטערטע רייען איינעם, וואָס לאָזט איבער אַ ליידיקן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

מיר דריקן אויס אונדזער טיפֿן צער אויף די גרויסע אבידות וואָס דער גורל האָט אונדז צוגעטיילט אין די לעצטע עטלעכע וואָכן און מיר שיקן אונדזער מיטגעפֿיל צו די משפּחות פֿון די נפֿטרים.

„חשבון”־רעדאַקציע

ז. בונין. א. פּאָזי

## לאָטי פּ. מלאך

# יחזקאל בראָנשטיין ע״ה

„איך אַרבעט זייער שווער", האָט מיר אַ מאָל יחזקאל בראָנשטיין אַ זאָג געטאָן: „דאָס שרייבן קומט מיר ניט אָן לייכט".

זאָל דאָס זיין אַן ענטפער צו אַלע די, וואָס האָבן צו אים תרעומות געהאַט, הלמאי ער טוט נישט קיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

לויט זייער מיינונג קומט אויס, אַז צו שרייבן וועגן אַזעלכע מענטשן, ווי חיים שאַפּירא, ד״ר בלעס, נח פינקעלשטיין, ד״ר נ. ס. זאַלצמאַן און נאָך אַ סך אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען ממש אינסטיטוציעס ביי אונדז אין שטאָט, הייסט נישט קיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

אָדער, למשל, צו רעדאַקטירן אַ זשורנאַל און זיך ברעכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי אים אַרויסצוגעבן, איז אויך נישט קיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט . . .

ס'איז באַוווּסט, אַז יחזקאל בראָנשטיין האָט אין פאַרשיידענע צייטן אַרויסגעגעבן צייטשריפטן, וועלכע האָבן געהאַט גוטן אָנזען איבערן לאַנד: „יידישער בולעטין"; „דער בעכער" (צוזאַמען מיט מאַטעס דייטש); „קאַליפאָרניער יידיש לעבן" (אויך מיט דער קאָאָפּעראַציע פון מאַטעס דייטש), אָדער די פּערטליאָר־שריפט מיטן נאָמען „ליד" (דאָס הייסט, פאַרן ליד און וועגן ליד). אָט דער זשורנאַל האָט באַזונדערס אויסגענומען. וועגן אָט דער אויסגאַבע האָבן געשריבן אַזעלכע אָנגעזעענע שרייבער, ווי: דוד פּינסקי, א. אַלמי, יונה ספּיוואַק, א. א. ראָבאַק, י. י. סעגאַל (מאָנטרעאל) און אַנדערע. האָט דאָך דאָס געמוזט זיין באַדייטנדיק ווי אַ זשורנאַל, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט.

בראָנשטיין האָט געהאַט אַזאַ טבע: ער האָט זיך כל ימיו געיאָגט נאָכן פּאָעטישן פונק. ווו נאָר ס'האָט אַ בליץ געטאָן אַ ביסעלע טאַלאַנט, האָט ער עס גלייך אויפגעכאַפּט. כדאי צו לייענען זיין מיניאַטור עסיי וועגן דעם טאַלענטירטן יונגן דיכטער ראובן לודוויק. וויפל ליבשאַפט, וויפל דערקענטעניש און וויפל צער איבער דעם וואָס לודוויק איז זייער יונג געשטאָרבן. ווייל ראובן לודוויק, האָט בראָנשטיין געשריבן, איז „אַ זעלטענע פּערזענלעכקייט, צווישן אונדזערע דעמאָלט נאָך יונגע שריפטשטעלער, האָט אייגנאַרטיק און מאָדנע רעאַגירט אויף זיין אייגן לעבן און די ליידן זיינע".

— קראַנק זיין — פלעגט ער באַטאָנען מיט טעמפּעראַמענט — איז נישט נאָר אַ ווייטיק, נאָר אויך אַ בושה . . .

„ביזן סאַמע לעצטן טאָג פון זיין יונג לעבן האָט ער נאָכגעפאָלגט די יידישע און אַמעריקאַנישע ליטעראַטור. אים איז באַקאַנט געווען יעדער ניואַנס פון אונדזער ליד אויף יידיש־לשון".

בראָנשטיין איז אין משך פון זיין שעפערישקייט „פאַרפלויגן" אַזש קיין יאַפּאַן און האָט איבערגעזעצט דריי יאַפּאַנישע פּרויען־דיכטער אויף יידיש. (ער האָט קיין יאַפּאַניש נישט געקענט, האָט ער עס איבערגעזעצט פון אַן ענגלישער איבערזעצונג). וואָרעם ער אַליין איז דער עיקר (אָדער, ווי ער דריקט זיך אויס: „דער עיקרשט") געווען אַ פּאָעט.

„טעג, ווי פייגל, קומען אָפּט צו מיר
צופליען
און מאָנען דעם באַשייד פון מיין געזאַנג.
מיין האַרץ שלאָגט אויף און די אויגן מיינע
גליען
כאָטש מיין לעבן שטייט געבויגן, ווי
פאַרגעסן שוין פון לאַנג".

און ווען מיר וואָלטן היינט געפייערט זיין זיבעציק־יעריקן געבוירנטאָג (אָנשטאָט צו שרייבן אַ הזכרה) וואָלטן מיר מן הסתם מיט פרייד געזונגען פון זיינע יוגנטלעכע, אָבער שוין רייפע לידער:

האָסטו דיין שטעקן פאַרביטן אויף אַ
בליענדיק מיידל
דיין גורל אָן אירן פאַרקניפּט;
דו האָסט זיך פאַרברידערט צום ענדלאָזן
דרויסן
ווי פאַלם אין מדבר צעבליט.

דעריבער:

פאַר ווען די טעג זיינען שוואַרץ,
ווי די נאַכט,
פאַר ווען עס חרובט דאָס לעבן
אין גאַנג;
פאַר מיר גייט די זון אויף, מיט פרייד
און זי לאַכט
און איך, אויף די וועגן, גיי אויף מיט
געזאַנג.



יחזקאל בראָנשטיין האָט אונדז איבערגעלאָזט פינף זאַמלונגען (קלענערע און גרעסערע) לידער. ער האָט ביים לעבן ליב געהאַט צו נוצן דעם אויסדרוק: כן ירבו. צו שפּעט — מיר קענען זיין אויסדרוק אויף אים אַליין מער ניט אָנווענדן.

* * *

יחזקאל בראָנשטיין האָט די עסיי און דעם קריטישן אַנאַליז ניט געהאַלטן פאַר מינדערוווערטיק. ער איז געווען אַ פּראָדוקטיווער און פילפאַכיקער שריפטשטעלער און האָט געוווּסט ווי טייער צו האַלטן יעדער פאָרם פון שאַפן. אפילו די מיניאַטור איז ביי אים געווען אָנגעלייגט. און מיר טרעפן טאַקע אין זיינע ווערק מיניאַטורן — פּערל.

„אין דעם היכל פון שירה גייט אַרום די יצירה אין אָדם הראשונס קליידער. זי רופט ביי דיר אַלע מאָל אַרויס די אילוזיע פון שחרות און פאַרגעסונג אין דיין אייגענער עקזיסטענץ". (זייט 139, „פרייד פון יצירה").

מיר פילן דאָ בחוש די פּאָעטישע ליבשאַפט און די פרייד אַריינגעקנאָטן אין דעם עסיי. זיין דיכטערישער טאַלאַנט האָט אים דאָ געטריי געדינט. ווי ער אַליין פאָדערט פון זיך: „אין הסכם מיט דעם קאַרדינאַלן פּרינציפּ, צו דערגרייכן אַ מאַקסימום איכות דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ מינימום כמות". ספּעציעל איז דאָס אַ קאַרדינאַלע פראַגע ביי אַ פּראָדוקטיווען שרייבער, ווי ער איז געווען.

זיינע מיניאַטורן, „מענטשן, וואָס איך האָב געקענט", רעצענזיעס — דאָס זיינען ביי אים בלומען ביים טייך. אין טייך גופא האָט ער זיך אַריינגעלאָזט, געשווומען אין דער טיף און אין דער ברייט מיט זיין „ליטעראַטור קריטיק" עסייען, און אין טייל פון זיינע אָריגינעלע לידער. דאָ געפינען מיר טיפזיניקע, פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען, אָדער ווי ער רופט עס אָן „מעדיטאַציעס". ער גייט ארויס פון אַ באַזונדערן שטאַנדפּונקט:

„פריער פאַר אַלץ מוז אַ ליטעראַטורקריטיקער פאַרמאָגן אַ געזונטע וועלטאָנשויאונג, אַ קלאָרע פאַרשטענדעניש פון עסטעטישע ווערטן. דער ליטעראַטור־קריטיקער דאַרף זיין באַהערשט פון אַ כח אָנצווווענדן זיינע ידיעות און אימפּרעסיעס אין דעם אַנאַליז פון אַ ליטעראַריש ווערק".

ער האָט געשריבן כמעט וועגן אַלע די וואָס האָבן עפּעס מחדש געווען אין דער יידישער ליטעראַטור. געשריבן וועגן די קלענערע און וועגן די גרעסערע שרייבער, וועגן די באַרימטע און וועגן די כמעט ניט באַוווּסטע. טייל שרייבער איז ער נאָכגעגאַנגען פוסטריט און אויפגעכאַפּט ביי זיי יעדער ניי וואָרט. אין יעדער קריטישער אָפּהאַנדלונג זיינער פילן מיר אַן אַנדערן נוסח, אַ נייעם טראָפּ, אַ באַזונדערן געמיט־צושטאַנד, ווי ער אַליין וואָלט זיך מיט יעדער ליטעראַרישער דערשיינונג באַנייט.

ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין זיין בן עיר, דעם דיכטער ה. רויזנבלאַט, און ער רופט אויס באַגייסטערט: „אַ חלום איז מקוים געוואָרן". וועגן די גרויסע שריפטשטעלער האָט ער געשריבן עטלעכע מאָל און צו יעדערן פון זיי פילט מען אַ באַזונדערן יראת הכבוד.

פון דעסטוועגן, ניט מיט אַלץ, וואָס בראָנשטיין האָט געשריבן דאַרף מען, אָדער קאָן מען מסכים זיין. ער האָט, למשל, אָנגעשריבן אַ פיינעם פּאָרטרעט אין פּערזן פון אברהם ליעסין; אויך געווידמעט אים אַ ליד. אָבער וואָס ער האָט געשריבן וועגן ליעסינס הויז, האָט ער געמעגט אַ טייל דערפון אויסלאָזן. נישט אַלץ, וואָס מען זעט ביי יענעם אין שטוב דאַרף מען אַרויסדערציילן. און אוודאי דאַרף מען נישט צעלייגן אויף טעלערלעך יענעמס ווינד און וויי . . .

אָבער דאָס איז דער אויפריכטיקער שרייבער. ער האָט נישט קיין „באָן טאָן", ער שרייבט, וואָס עס שרייבט זיך אים. און ביי אים גייט תמיד דער שרייבער מיט דעם לייענער צוזאַמען; דער מענטש מיט דער נאַטור צוזאַמען; די פרייד מיט דעם דעם טרויער געאָרעמט — ספּעציעל איז דאָס גערעדט געוואָרן וועגן זיינע לידער, וועגן וועלכע מען דאַרף גאָר באַזונדער שרייבן.

אַלע מאָדערנע דיכטער באַמיען זיך צו באַרייכערן, באַפאַרבן די שפּראַך מיט נייע ווערטער און אויסדרוקן. לשון אָבער איז אַ קאַפּריזנער „נפש" און וויל צומאָל נישט צולאָזן צו זיך קיין פרעמדן עלעמענט און דאָס וואָרט קלעפּט זיך נישט צו, שטייט אָפּ. יחזקאל בראָנשטיין איז פון דעם נישט געווען אויסגעהיט. איך טרעפט ביי אים אַזעלכע ווערטער ווי: אָנגעלאָגלט, פאַרשותפט, אויפגעמאָרגנט, אַריינגעוויטאָגט, אַרויספּערלען, אויפניגונען, און נאָך אַ סך אַזעלכע אויסדרוקן. קלינגען די ווערטער דערווייל עטוואָס פרעמד. נאָענט און היימיש דערקעגן איז די ראַם אין וועלכער ער האָט די נייע מילים אַריינגעפּאַסט. ס'איז דעריבער צו דערוואַרטן, אַז אַ סך פון זיי וועלן אפשר זיך צופּאַסן און ווערן אייגן. אויף אַזוי פיל וועט ער האָבן דאָס לשון באַרייכערט.

עס איז נישט געמאָלט צו באַהאַנדלען אַ האַלבן יאָרהונדערט פון אַ שרייבער אין אַ באַגרענעצטן אַרטיקל. אונדזער כוונה דאָ איז בלויז צו געבן שטריכן (נישט מער) פון זיינע ראַנגלענישן מיט זיך אַליין — דעם מענטש. אַ קוק אַריין געבן אין „די אויגן פון אַ נשמה", און וואַנדערן מיט אים אַ קורץ שטיקל וועג.

יעדע ליטעראַטור האָט זיך אירע שופטים, אויב ניט איז זי הפקר. און ווייל מיר האָבן ווייניק פון דעם מין שרייבער, וואָס זאָל גלייכצייטיק אויך זיין אַ שומר, אויף אַזוי פיל דאַרפן מיר זיי געבן אונדזער פולן אויפמערק. מיר דאַרפן דערמוטיקן אַ קריטיקער ער זאָל נישט מורא האָבן צו זאָגן דאָס האַרבע וואָרט, אויב נייטיק. ווייל, נישט־זאָגן איז באַקוועמער. פאַרשווייגן איז ערגער, ווי קריטיקירן, ס'פאָדערט זיך דאָ נישט קיין שום אחריות. יחזקאל בראָנשטיין האָט ניט מורא געהאַט פאַר דעם אמת, ער האָט צומאָל פאָרויסגעשיקט אַ לויבגעזאַנג אויפן חשבון פון אַ בוך, צי אַ באַשטימטן שרייבער. אָבער ער האָט זיך ניט געפוילט אומצוקערן, פאַנאַנדערצוגלידערן, אַנאַליזירן און ערשט דערנאָך אָפּצושאַצן. דער „אַנעדערויף" איז געווען זיין אופן פון שרייבן.

מיר האָבן, דאָ־הי, נישט באַוויזן אָפּצוגעבן יחזקאל בראָנשטיין דעם געהעריקן יישר כח, וואָס ער האָט זיך פאַרדינט. האָט ער דאָך פאַר אונדז צונויפגענומען מיט זיינע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען און „מענטשן, וואָס איך האָב געקענט" אַ הונדערט יידישע שרייבערס, דיכטערס, קולטור־טרעגערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס „אונטער איין דאַך".

מיר האָבן פריער דערמאָנט, אַז מיר, די לייענערס, האָבן נישט באַוויזן אים אָפּצוגעבן זיין פאַרדינטן שכר. דערקעגן די שרייבערס — אַ דאַנק און לויב צו זיי, — יאָ. עס האָבן געשריבן וועגן אים פון די גרעסטע ביז די צום ווייניקסטן אָנגעזעענע שרייבערס פון צוויי דורות: דיכטערס, קריטיקערס, עסעיסטן און זשורנאַליסטן.

עס האָבן געשריבן אַזעלכע דיכטערס, ווי: נ. ב. מינקאָוו, ה. לייוויק, יוסף ראָלניק, ב. לאַפּין, אברהם רייזען, י. י. סיגאַל. עס האָבן געשריבן ישראל ראַבינאָוויטש (רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדער אָדלער"), דער לעבעדיקער, נחמן מייזל, א. א. ראָבאַק, ש. ניגער, דניאל טשאַרני און נאָך און נאָך (זע דעם לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און די ביבליאָגראַפיע פון יעפים ישורין). מען דאַרף היינט צונויפנעמען און אויססדרן דעם דאָזיקן ווייטגייענדיקן מאַטעריאַל און ס'וועט זיך באַקומען אַ וויכטיק און ווערטפול בוך וועגן יחזקאל בראָנשטיין. דעם סך הכל דאַרף שוין מאַכן יהודית, זיין אַלמנה, צוזאַמען מיט אַ זייער געראָטענעם זון, אהרן.

* * *

מיט יחזקאל בראָנשטיין און יהודיתן האָב איך זיך באַקענט אָנהייב זמן 42־43, ווען איך בין געשיקט געוואָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס, כדי דאָ צו לערנען אין אַ שול — אַ יידישע שול, פאַרשטייט זיך. זיי



האָבן דעמאָלט געוווינט אין אַ קליין שטיבעלע הינטער אַ גרויס, באַלעבאַטיש הויז, אין „באָיל הייטס" (אַ באַשטימטע יידישע געגנט אין לאָס אַנדזשעלעס).

איך געדענק נאָך, ווי היינט, דאָס הילצערנע שטיבעלע: צוויי, דריי טרעפּלעך, אַ גאַניקל, פון ביידע זייטן כמעט ביי די טריט, האָבן זיך געחנדלט געלע בלימעלעך, וואָס מען רופט „קאַליפאָרניער פּאַפּיס". אינעווייניק — ריין, ציכטיק. דער דלות פאַרפּוצט; ווייסע פירהענגלעך, אַן אויסגענייט טישטוכל אויפן טיש. אַ וואַזאָנע אין ווינקל, אַ מעקסיקאַנער טעפּיכל האָט אַרויסגעבלענדט מיט קאָלירן פון שלאָפצימער, וואָס איז געשטאַנען אָפן. היימיש וואַרעם — גאָלע אידיליע. יהודית האָט געשוואַנגערט און פון זיך אַליין געלאַכט: „אַלץ גלוסט זיך מיר . . ."

שפּעטער איז געבוירן געוואָרן אַ יינגעלע; זייער אַ געראָטנס, נאָר אַן אומרו, אַזוי ווי דער טאַטע. ס'האָט געהאַלטן אין איין בריקען מיט די פיסלעך. דערנאָך האָט דאָס יינגעלע אָנגעהויבן צו רעדן אַ בעסאַראַבער יידיש: „מיין טאָטע גייט מיט מיר כאַפּן פיש אויף שאַבעס".

נישט באַשערט געווען יחזקאלן אויסצולעבן זיין גאַנצע „פרייד פון יצירה". ער איז **נפטר** געוואָרן אין אַ הויכפּונקט פון זיין לעבן, ווען פון אַלע עקן וועלט האָבן זיך שרייבערס אָפּגערופן מיט לויב וועגן זיין לעצטן בוך. און קורץ פאַרן טויט האָט אים זיין זון, אהרעלע, אונטערגעטראָגן אַן אייניקל — אויך אַ יינגעלע. **דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת.**

אין זיין לעצט־דערשינענעם בוך, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזויפיל אָנזען, געזעגנט ער זיך מיט זיין ברודער, ד"ר מנחם מענדל בראָנשטיין ע"ה, און ער זינגט אַרויס:

„זאָג איך קדיש, איצט, מיין ליבער,
מיט די שוועסטער און די ברידער —
זאָל דיין נאָמען לייכטן תמיד
אין די לידער — אַ נר תמיד.

**אָמן!**

• • •

ליבער פריינד,
חבר
און חשובער מיטאַרבעטער
פון „חשבון" —

## שמואל סיגל

צוזאַמען מיט אייך
טרויערן מיר
אויף דעם אָפּשייד אין דער אייביקייט
פון אייער ליבער פרוי
און פון אונדז אַלעמען געשעצטער

# ראָזע סיגל ע"ה

זאָל איר גוטער נאָמען
און אירע פאַרצווייגטע
ליטעראַטור און קולטור־
טעטיקייטן —
אייך און אונדז אַלעמען
ברענגען טרייסט
בתוך שאר אבלי ציון
וירושלים.

ציליע און לעאָן בוריק
יעטא און ז. בונין
טילי און איזידאָר גרינשטאַט
יעטא און דזשאָן גרעי
רחל און מאָרים דייטש
ציליע און זלמן זילבערצוויי‎ג
אָלגא זינגער
בערטא און דזשוליוס מילער
שרה טייטלבוים
מאלי און דוד מערסעל
בעלא און א. פּאָזי
ציליע און דזשעק פרענקיל
מרים און אָשר קיפּנים
רעי און יעקב קאהאַן
שפרה און אַלעקס ראבין
וועלוול (ווילי) שאָר
גוטשע און משה שולוויים
מאַניע און אברהם שניידער
ב. און איידע וועבער

## צום צווייטן יאָרצייט פֿון גאָלדע דראָזד ע״ה

דעם עלפֿטן פֿעברואַר איז געוואָרן צוויי יאָר זינט אונדזער פֿיל־געשעצטע גאָלדע דראָזד (ארפין) האָט געשלאָסן אירע שיינע, ליכטיקע אויגן און איז אַוועק אין דער אייביקייט. אַוועק איז זי טאַקע, אָבער פֿאַרגעסן האָבן מיר זי נישט.

גאָלדע איז געווען אַ פּערזענלעכקייט, וואָס די וואָס האָבן זי דערקענט, קענען זי נישט פֿאַרגעסן. זי איז געווען אַן אויפֿריכטיקע ליבהאָבערין פֿון יידישן שעפֿערישן וואָרט, וועלכע איז נישט אָפּגעקומען מיט „ליבהאָבן" אַליין, נאָר זי האָט זיך תמיד געווידמעט צו דער טעטיקייט צו פֿאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט, שטיצן יידישע שרייבערס, אַליין קויפֿן יידישע ביכער און אויך פֿאַרשפּרייטן עס צווישן וועמען נאָר זי האָט געקענט. איר הויז האָט אַלע מאָל געמאַכט אַן איינדרוק פֿון אַ ליטעראַרישן סאַלאָן.

ביי איר אין הויז האָט זי שטענדיק מכניס אורח געווען יידישע שרייבערס און קינסטלערס. ווען אַ שרייבער פֿון ניו־יאָרק אָדער אַן אַנדער שטאָט איז אָנגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, האָט ער געוווּסט אַז אין גאָלדעס הויז איז די טיר פֿאַר אים אָפֿן. אויך האָט גאָלדע געאַרבעט אומדערמידלעך צו פֿאַרזיכערן דעם קיום פֿון „חשבון", ווייל, ווי ס׳איז גוט באַוווּסט, אַז אַזאַ ליטעראַרישע שריפֿט ווי „חשבון" מוז קריגן שטיצע פֿון דער זייט, און ווען נישט קען עס ניט עקסיסטירן.

ס׳איז צו פֿאַרדאַנקען דעם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פֿון „חשבון", י. פֿרידלאַנד ע״ה, וואָס עס איז שפּעטער אַנטפּלעקט געוואָרן אַז גאָלדע איז נישט נאָר אַ ליבהאָבערין פֿון יידישער ליטעראַטור, נייערט זי איז אויך אַ שאַפֿערין, אַז זי איז אַליין אויך אַ היפּש־טאַלענטירטע שרייבערין. י. פֿרידלאַנד האָט אירע שאַפֿונגען געשאַצט און האָט נישט נאָר געדרוקט אירע דערציילונגען אין „חשבון", נייערט ער האָט זי באַאיינפֿלוסט צו שיקן אירע דערציילונגען אויך אין אַנדערע רעדאַקציעס, וווּ זיי זיינען אָנגענומען און געדרוקט געוואָרן. אירע דערציילונגען זיינען אַזוי אַרום געדרוקט געוואָרן אין „אַמעריקאַנער" און אַנדערע זשורנאַלן.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז איר שוועסטער, רחל האוזנער, איר צו לאַנגע יאָר, גייט אין איר שוועסטערס וועגן. אויך זי פֿאַרפֿעלט זעלטן אַ ליטעראַרישע מסיבה און זי ווידמעט אַ סך טעטיקייט לטובת דער יידישער ליטעראַטור.

ז. ב.

---

טייערע פֿריינדין

### גאָסי שערמאַן

צו אייער 80סטן געבוירנטאָג ווינטש איך אייך נאָך אַ סך לאַנגע, גוטע יאָרן אָנגעפֿילט מיט נחת און פֿרייד.

### וועלוול (ווילי) שאָר

---

ליבער אַנקל

### לייזער מעלצער

**צו אייער 80סטן געבוירנטאָג**

ווינטשן מיר אייך פֿון טיפֿסטן האַרצן נאָך אַ סך גליקלעכע, געזונטע, שעפֿערישע יאָרן צוזאַמען מיט אייער ליבער פֿרוי, אונדזער טאַנטע, די דיכטערין מרים.

איר זאָלט צוזאַמען לעבן אין נחת און פֿרייד נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן.

אייערע ליבנדיקע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס

### בען און פֿיבי מעלצער
### בענעט און באַרבאַראַ זאַלינסקי

---

צוזאַמען מיט אַלע יידישע קולטור־מענטשן און דער גרויסער משפּחה פֿון יידישע שרייבערס, דריק איך אויס מיין טיפֿן צער אויף דעם טויט פֿון דעם פּאָעט און פּובליציסט

### לייב פֿיינבערג ע״ה

איך ווינטש דער משפּחה פֿון דעם נפֿטר, אַז זיי זאָלן געטרייסט ווערן צוזאַמען מיט אַלע אבלים פֿון ציון און ירושלים.

### וועלוול (ווילי) שאָר